STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04022

# KURTSE GESHIKHTE FUN ANARKHISTISHN GEDANK

Josef Luden

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף לודען

# קורצע געשיכטע פון אנארכיסטישן געדאנק

תל־אביב 1984

JOSEF LUDEN

# A SUMMARY
# OF THE HISTORY
# OF THE IDEA OF ANARCHISM

PRINTED IN ISRAEL

**1984**

פאַרלאַג „פּראָבלעמען"
תל־אביב, טעל. 453102

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב

אַנאַרכיזם — אידעישער אַלטערנאַטיװ
פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע תּורות
װאָס האָבן אַנטױשט.

אַ מתּנה פאַר די לייענער פון די „פראָבלעמען"

פאַרלאַג „פראָבלעמען"

# אַ ר י י נ פ י ר

עס איז שטענדיק געווען און עס איז היינט דאָ אַ נויטווענדיקייט צו שטודירן די פאַרגאַנגענהייט. געשיכטע איז ניט בלויז דאָס זאַמלען פאַקטן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט און ניט בלויז אַ סומע פון זכרונות פון די פעלקער. זי איז אויך דער רעזולטאַט פון כסדרדיקע קאָנפליקטן צווישן סאָציאַלע כוחות, פון אינטערעסן און אַמביציעס; קאַמף פאַר מאַכט, ווי דער קאַמף פאַר באַפרייאונג און פרייהייט. די שטרעבונגען צו פרייהייט, גלייכהייט און יושר זענען אַזוי אַלט ווי דער מענטשלעכער באַוווסטזיין. זיי זענען געוואָרן אַ טייל פון מענטשלעכע אינסטינקטן. אָט די שטרעבונגען האָבן געבוירן גרויסע אידעען, וואָס זוכט אין דער רעטראָספּעקציע (אַ געשיכטלעכער בליק אין דער פאַרגאַנגענהייט), אַ באַשטעטיקונג פאַר אירע אידעאַלן, די אָנגעזאַמלטע געשיכטלעכע דערפאַרונגען דאַרפן דינען אַלס סטימול פאַר דעם געראַנגל פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

דער מענטשלעכער געדאַנק האָט געשאַפן גלויבנס און אידעאָלאָגיעס, דאָגמעס און אַבערגלויבנס. דער גלויבן און די אידעאָלאָגיעס פון די הערשער רופן תמיד צו אונטערטעניקייט, זיי באַמיען זיך איבערצוצייגן אַז עס איז „ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון”, אַז איבער אונדזער גורל באַשטימען אומנאַטירלעכע כוחות, אַז דער מענטש איז ניט געבוירן געוואָרן צו זיין פריי, אַז גלייכהייט איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז שכלדיק (העגעל) און ענלעכע טעאָריעס וואָס זאָלן באַרעכטיקן די פאַרשקלאַפונג, דאָס אויסנוצן און די הערשאַפט פון איין מענטש איבער אַנדערע. פון דער צווייטער זייט וועקט נויט און אונטערדריקונג דעם רעוואָלט קעגן דעם עוול, וואָס געשעט דעם מענטש און די שטרעבונגען צו גלייכהייט, יושר און פרייהייט. די היפוחדיקע

טענדענצן אין דער מענטשלעכער שטרעבונג שאַפט די היפּוחדיקע אידעאָלאָגיעס. אָט די ביידע טענדענצן שטייען אונטער די פּלייצעס פון די געשיכטלעכע פאַקטן. די דאָזיקע מענטשלעכע שטרעבונגען און מענטשלעכע געדאַנקען שמירן די רעדער פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

ניט שטענדיק און אפשר גאָר זעלטן איז מענטשלעכע טעטיקייט לאָגיש און שכלדיק. זי ווייסט פון צופאַלן און טראַגישע אומגליקן, געגנוג צו נעמען די ביישפּילן פון דער לעצטער תקופה דעם פאַשיזם און סטאַליניזם, וויפל מיליאָנען האָבן געדינט די דאָזיקע אַנטי־מענטשלעכע און אַנטי־סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס, וואָס זענען געווען קעגן זייערע לעבנס־אינטערעסן? ווייסט טאַקע די געשיכטע פון פאַקטן, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן מיטן קלאָרן שכל און ניט מיט דער מאַרקסיסטישער טעאָריע פון „היסטאָרישער נויטווענדי־קייט", די געשיכטע באַוועגט זיך ניט לויט קיין באַשטימטן מעטאָד און לאָזט זיך ניט אַריינפּאַסן אין די ענגע ראַמען פון וועלכע עס איז באַשטימטן אָדער „וויסנשאַפטלעכן" מעטאָד אָדער סיסטעם. די געשיכטע וואָלט געווען ניט טענדענציעס ווען זי פאַרנעמט זיך בלויז מיט פאַרצייכענען און זאַמלען פאַקטן און ניט מיט קאָמענטירן.

ווי אַזוי מיליאָנען ווערן פאַרכאַפּט פון גלויבנס, אידעאָלאָגיעס, ווערן באַווירקט פון גרויסע דעמאַגאָגן, אָפט פון גרויסע פאַרברע־כערס אָדער פון פאַנאַטישע משוגעתן, קאָן ניט ענטפערן די געשיכטע נאָר די פּסיכאָלאָגיע. אפשר וועט זי אויך קענען ענטפערן פאַרוואָס אַזאַ וווּנדערלעכע אידעאָלאָגיע ווי דער אַנאַרכיזם, וועמענס ציל איז צו מאַכן דעם מענטש פרײַ באַלעבאָס איבער זיין אייגענעם גורל, געלונגט ניט צו באַאיינפלוסן די גרויסע מאַסן פון באַפעלקערונג און ווירקט נאָר אויף קליינע גרופּן פון אינטעלעקטואַלן און יחידים.

טייל זוכן די סיבה אין דעם וואָרט: „אַנאַרכיע", וועמענס ווערט־לעכער טייטש איז: אָן הערשאַפט. די קעגנער פון אַנאַרכיזם טייטשן דאָס וואָרט ווי אומאָרדענונג און כאַאָס, וואָס איז דאָך אין קעגנזאַץ צו די אידעאַלן און צום כאַראַקטער פון אַנאַרכיזם. שווער מיט אָט דעם מסכים צו זיין, ווייל נעמען מיר דאָס וואָרט: „סאָציאַליזם", וויפל איז אָט דער באַגריף פאַרקריפּלט געוואָרן. אויך היטלער האָט

זיך צוגעאייגנט דעם סאָציאַליזם (נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן) די באָלשעוויקעס האָבן דעם נאָמען קאָמפּראָמיטירט. גענוג וואָס סטאַלין האָט זיך געקרוינט פאַר אַ סאָציאַליסט, מען זאָל דעם נאָמען מער אויף די ליפּן ניט נעמען. און דאָך זאַמלען זיך מיליאָנען אונטער די פענער פון דעספּאָטישן אָדער דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם און קיינער טראַכט ניט דעם נאָמען צו פּסלען.

מען וואַרפט פאַר דעם אַנאַרכיזם אַז איר אידעאָלאָגיע איז אַן אוטאָפּיע, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרווירקלעכן. דאָס איז אַ פאָרוואורף וואָס לאָזט זיך לייכט אָפּוואַרפן, דאָס אינטערעסאַנטע איז וואָס דער פאָרוואורף קומט פון די קרייזן וואָס קרוינען זיך פאַר „רעאַלע", „פּראַקטישע" און אַפילו „וויסנשאַפטלעכע" סאָציאַליסטן. פרעגט זיך צי האָבן די דאָזיקע הערן, מיט דער הילף פון מאַכט, פון דעמאָקראַטיע, פאַרלאַמענטן אָדער מיט דער הילף פון צוואַנג, טעראָר, טורמעס, געלונגען ערגעץ־ווו יאָ צו פאַרווירקלעכן, הערשנדיק כמעט איבער אַ העלפט פון דער וועלט? עס איז היינט גאָר ניט קיין ספק אַז דער אַזוי גערופענער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם ווי דער דעספּאָטישער האָבן אין דער ווירקלעכקייט געליטן אַן אידעאישן דורכפאַל. אין דאָך, אין וויפל שמוציקע וואַסערן דער סאָציאַליזם האָט זיך ניט געבאָדן, פירן זיי אונטער זיך מיליאָנען מאַסן. זיי שלעפּן זיך נאָך די פאַרטייען, ניט פון איבערצייגונג, נאָר מיטן כוח פון ענערציע.

אפשר דאָ דאַרף מען זוכן די סיבה, וואָס דער אַנאַרכיזם באַהערשט ניט די ברייטע מאַסן, וואָס די אידעאָלאָגיעס און אידעען זענען היינט קאָמפּראָמיטירט. געווען אין דער געשיכטע גרויסע צייטן, ווען אידעען האָבן באַגייסטערט, געצונדן גלויבן, געוועקט צו טאַט; צייטן ווען ס'האָט געבליט דער מענטשלעכער געדאַנק, מענטשלעכע שטרעבונגען, עס האָט זיך דאַן צעבליט די ליטעראַטור, די קונסט און אויסגעאיידלט דעם מענטש. אָבער היינט, נאָך דער היטלער און סטאַלין תקופה, נאָך דער צווייטער וועלט־שחיטה, נאָך אוישוויץ; אין דער תקופה וואָס שטייט אונטערן שאָטן פון אַטאָמישע צעשטערונגס־קראַפט, אונטער דער סכנה פון אַ שרעקלעכער וועלט קאַטאַסטראָפע, ווו קען זיין אַ רייד פון הויכע אידעאַלן,

פון ענטוזיאַזם און גלויבן? פאַרקערט אין אַזאַ צייט קען נאָר בליען פאַרברעכנס, געמיינקייט און שאַנטאַזש. איז דען אַ וווּנדער וואָס אידעאָלאָגיע איז געוואָרן אַ שם גנאי? היינט איז מאָדיש צו רעדן וועגן „סוף פון דער אידעאָלאָגיע", וועגן באַנקראָט פון די אידעאַלן. צו דעם שפל המדרגה פון דער אידעאָלאָגיע האָבן ניט קיין קליינע האַנט צוגעלייגט די פּאַרטייען, זיי האָבן די אידעאָלאָגיעס פאַר־מיאוסט אין די אויגן פון די מאַסן. די אידעאָלאָגיע דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער מענטשלעכער געדאַנק, די מענטשלעכע שטרעבונ־גען, וואָס טרייבן פאָרויס די געשיכטע. צי איז מעגלעך אַ נאָרמאַלע געזעלשאַפט אָן אַן אידעאָלאָגיע?

אין אַזאַ תקופה ווען דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין האָפענונג, פאַרלוירן זיין חלום, זיין שטרעבן און ציל, איז דען מעגלעך עס זאָל זיך צעבליען אַזאַ פּרעקטיקע סאָציאַלע אידעע, ווי דער אַנאַר־כיזם? און דאָך איז דער אַנאַרכיזם אין זיין כאַראַקטער אַן אָפּטי־מיסטישע פילאָזאָפיע. קענענדיק די מענטשלעכע שוואַכקייט און חסרונות, פאַרלירט ניט דער אַנאַרכיזם זיין גלויבן אין מענטש. דער מענטש האָט שווער געקעמפט ביז ער האָט זיך באַפרייט פון שקלאַ־פעריי, ביז ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן נאָר 8 שעה אַ טאָג און ווייניקער, און וועט אַוודאי דערגרייכן אַז אַ מענטש זאָל ניט מאָרדן דעם אַנדערן, ניט עקספּלאָאַטירן דעם צווייטן. דעריבער אַפּעלירט דער אַנאַרכיזם ווייטער צו די אַלע אין וועמען עס גליט נאָך אַ פונק פון מענטשלעכקייט, פאַרצוזעצן זיין קאַמף פאַר אַ בעסערע און שענערע וועלט, פאַר אַ פרייע און גערעכטע געזעלשאַפט.

מיט דער דאָזיקער באַשיידענער אַרבעט האָבן מיר זיך ניט פאַרמאָסטן, אַפילו טיילווייז, אויסצושעפּן די ברייטקייט פון דער טעמע, וואָס מיר באַהאַנדלען. מיר האָבן דאָ אַ סך דורכגעלאָזט, ווי למשל, דעם אַנטי־מלחמה כאַראַקטער פון אַנאַרכיזם, וואָס פאָדערט אַ גאַנץ ברייטערע באַהאַנדלונג, אויך די געשיכטע פון יידישן אַנאַרכיזם פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע אַרבעט. וועגן דער געשיכטע פון יידישן אַנאַרכיזם אין אַמעריקע וועט מסתמא דערשיינען אין אַמעריקע אַ וויכטיקע אַרבעט, וועגן אַנאַרכיזם אין צאַרישן רוסלאַנד און אין פּוילן ווערן געזאַמלט דאָקומענטן און מיר ווייסן אַז מען

פֿאַרנעמט זיך דערמיט. עס נוויטיקט זיך אויך אַז אַרבעט וועגן אַנאַרכיזם אין ישראל, מען קען האָפֿן אַז דאָס וועט אָנגעשריבן ווערן, ווייל עס זענען דאָ אין לאַנד באַרופֿענע דערצו פֿאַרשערס פֿון אַנאַרכיזם און געלערנטע, וואָס וואָלטן אַזאַ אַרבעט געקענט טון. אונדזער ציל, מיט דער באַשיידענער אַרבעט, איז בלויז אָנצורעגן צו לייענען און זיך באַקענען מיט די ווערק פֿון די גרויסע גייסטער פֿון אַנאַרכיסטישן געדאַנק און פֿילאָזאָפֿיע. עס וואָלט אויך נוצלעך געווען אַז די קעגנער און קריטיקער פֿון אַנאַרכיזם זאָלן נעמען אַזאַ בוך אין זייערע הענט, און זיך באַקענען מיט די גרונט יסודות פֿון אַנאַרכיזם.

אין דער וועלט דערשיינען ניט ווייניק ביכער וועגן אַנאַרכיזם, עס דערשיינען אויך אין פֿאַרשידענע שפּראַכן אַנאַרכיסטישע צייט־שריפֿטן און זשורנאַלן. אין יידיש דערשיינען ניט אַזעלכע ביכער, אין עברית זייער ווייניק. ווילן מיר דערמיט אויך אויף יידיש, פֿאַר די וואָס ציטערן ניט פֿאַר אַ פֿרייען געדאַנק, צוטראָגן דאָס בוך מיט דער האָפֿענונג, אַז דאָס וועט באַרייכערן זייערע געדאַנקען.

## 1. דער אָנהייב פון אַנאַרכיזם

ס׳איז ניט באַקאַנט נאָך אַ אידעע וואָס זאָל דורך אירע קעגנער אַזוי געפעלשט ווערן ווי דער אַנאַרכיזם. דער פאַקט וואָס די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג באַזיצט ניט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע אַפּאַראַטן און קיין ברייטע געלט־מיטלען אויף פּראָפּאַגאַנדע און פאַרשפּרייטונג פון אירע אידעען, בלייבט טאַקע פאַר אירע קעגנער אַ הפקר פעלד פאַר פעלשונגען און פאַרקריפּלונגען. ווילן מיר כאָטש אויף אַ געקירצטן אופן באַקענען אונדזערע לייענער מיט דער געשיכטע פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק, וואָס ציט אירע וואָרצלען פון די עלטסטע צייטן ביי די עלטסטע פעלקער.

די מענטשלעכע געשיכטע ווייסט פון צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איינע: פון אַ מינדערהייט וואָס שטרעבט וואָס מער זיך צו באַרייכערן, דורך אויסנוצן אונטערדריקן באַראַבעווען און פאַרשקלאַפן די אַנדערע מיטמענטשן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר בלוט־פאַרגיסונגען און פאַרברעכן. ביי אַנדערע איז דער דראַנג נאָך סאָלידאַריטעט, קעגנזייטיקער הילף, איבערגעגעבנקייט צו דער געמיינדע. דער קאַמף קעגן אויסנוצונג און אונטערדריקונג, האָט געבוירן דעם דראַנג נאָך פרייהייט און דערפירט צו סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און בונטן. דער איידעלער דראַנג נאָך פרייהייט האָט באַגלייט די גאַנצע געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק, זי האָט געבוירן דעם מיטאָס פון צעבונטעוועטן זון פון גאָט — פּראָמעטעאוסן און האָט באַאיינפלוסט דענקער, פּאָעטן און שרייבער מיט וויזיע פון אַ געזעלשאַפט אָן צוואַנג, און הערשאַפט. פון אָט דער וויזיע איז אויסגעוואַקסן דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק און די אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפיע.

שטאַרקע אַנאַרכיסטישע טענדענצן געפינען מיר אין די פילאָזאָפיעס פון אַלטן פערסיע און כינע. באַזונדערס אין די ווערק פון

לא טסע. אויף זיינע רייזעס איבער טיבעט און כינע האָט דער רייזנדער אַלעקסאַנדער דוד ענטדעקט אַ „כינעזישן שטירנער" און ער האָט טאַקע אָנגעשריבן אַ בוך אויף ד. ט.: „אינדיווידואַליסטישע טעאָריעס אין דער כינעזישער פילאָזאָפיע". אין אַלטערטום זענען די אידעען קעגן צוואַנג, פאַר פרייהייט און יושר אַריינגעדרונגען אין די רעליגיעס. פאַר די אונטערדריקטע איז גאָט געוואָרן דער סימבאָל פון יושר. אין תנ"ך ווערט דערציילט ווי גדעון וואַרפט אָפּ די פאָדערונג פון פאָלק ער זאָל ווערן זייער הערשער, מיט די ווערטער: „ניט איך נאָר גאָט וועט איבער אייך געוועלטיקן". אין די צייטן פון די שופטים האָבן די יידן געלעבט אין ניט־מלוכהשע ראַמען און אויפגעהיטן דעם סאָציאַלן יושר. די עברים אַלס וואַנ־דער־שבטים האָבן באַזעצנדיק זיך אין כנען ניט געוווּסט פון קיין פריוואַט־אייגנטום און די ערד איז געווען פאַר זיי אַ נחלה ד. ה. אַ פאַרמעגן פון גאַנצן שבט. דאָס העברעישע וואָרט „בעל" האָט דאַן באַדייט מאַן, ערשט די מלחמות וואָס די שבטים האָבן געמוזט פירן פאַר זייער עקזיסטענץ האָט צערודערט דאָס פרידלעכע לעבן ווען „יעדער איז געזעסן אונטער זיין ווייַנשטאָק און פייגנבוים אין שלום און שלוה". די מלחמות האָבן ביי די שבטים געבוירן דעם געדאַנק צו האָבן אַ צענטראַלע מאַכט און אַ מלך, וואָס זאָל אָרגאַניזירן דאָס פאָלק צו פאַרטיידיקן און אויך דעראָבערונגען. מאַכט און פריוואַט־אייגנטום האָט אַריינגעפירט קלאַסן־היפּוחים צווישן אָרעמע און רייכע. הערשער און באַהערשטע; אַריינגעפירט פאַרדאָרבנקייט, גיריקייט און אינערלעכע רייסענישן. די מלוכה האָט געשאַפן אָן אַ שיעור גרעצען אָבער דער מענטש איז מער ניט געווען אַזוי גליקלעך ווי פריער. איז די איינציקע האָפענונג געוואָרן זיך צוריקקערן צו דעם פריערדיקן געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, פון גלייכהייט און קעגנזייטיקער הילף. צוריק צו דער אַלטער שבטים־אָרדענונג, צו דער פאַרלוירענער „גאָלדענער תקופה". דאָס איז געוואָרן אויך דער רוף פון די נביאים. די נביאים אַלס מענער פון גרויסן גייסט האָבן גוט געזען, ווי די וועלט־מלוכות קאָנקורירן צווישן זיך, באַקעמפן זיך קעגנזייטיק און פירן דעם קאַמף פאַר מאַכט און הערשאַפט, זיי האָבן געזען אויך ווי די שטאַרקע ווערן

געבראָכן און אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון דער הערשאַפט פון יושר און צדק. די נביאים זענען געוואָרן די שיצער פון די אונטערגע־דריקטע. פאַר די קרעפטיקע מאָראַלישע פערזענלעכקייטן איז דאָס געוואָרן זייער וועלט־מיסיע. זיי האָבן געוואָרנט די רייכע און מעכ־טיקע: „איר האָט געאַקערט שלעכטס און געשניטן בייז, איר האָט געגעסן די פרוכט פון שקר". די נביאים האָבן דעם אידעאַל פון גערעכטיקייט פאַרבונדן מיט דער וויזיע פון אייביקן שלום און פעלקער־ברודערשאַפט, „ווען וועלף וועלן וווינען צוזאַמען מיט לעמער". און אַז ניט דורך חיל און ניט דורך כוח נאָר דורכן גייסט וועט אויפגעשטעלט ווערן דאָס קעניגרייך פון גאָט.

די ערשטע אַנאַהכיסטן ביי יידן זענען געווען די איסיים (גע־רעכטע), די סעקטע האָט זיך באַוויזן אין 2טן יאָר הונדערט פאַר קריסטוסן, ביים ים המלח. זיי האָבן אין זייער צייט אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג ביי די געלערנטע, ווי פילאָן און יוסף פלאַוויוס. זיי האָבן געציילט אַרום 4000 מאַן און זיך פאַרנומען מיט לאַנד־ווירטשאַפט און מלאכות זיי האָבן ניט געזאַמלט קיין גאָלד ניט קיין זילבער ניט קיין באָדן, נאָר בלויז אויף אַזויפיל צו באַזאָרגן זייערע נויטיקע באַדערפענישן. זיי האָבן ניט פאַרמאָגט קיין אייגנ־טום, ניט געשטרעבט צו רייכטום און געלעבט אין געמיינשאַפט פון פאַרמעגן. זיי האָבן ניט אויסגעאַרבעט קיין מכשירים, וואָס קענען ווערן הרגענען אָדער דינען אין מלחמות. זיי האָבן הויך געשעצט די פרייהייט. נישט פאַרמאָגט קיין שקלאַפן און געלעבט אין גלייכ־הייט, ווי לייבלעכע ברודער. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי דריי מאָ־ראַלישע פרינציפן: ליבע צו גאָט, צו מענטשן און צו מאָראַל. זיי האָבן געלעבט אומגעהייראַט אָבער ניט פאַרווערט צו הייראַטן. ביי זיי האָט עקזיסטירט אַ שטאַרקער ווידערווילן צו יעדער מלוכהשע צוואַנג־אָרגאַניזאַציע. הערשאַפט איז לויט זיי געווען אַ זינד. די דעמאָקראַטיקע נעגאַטיווע באַציאונג פון די יידן צום מלוכה־סיסטעם קאָן אַמבעסטן באַצייכענען די מימרא פון תלמוד: קיינער ווערט ניט דאָ אונטן קיין שומר (פּאָליציאַנט) ער זאָל אויבן נישט גע־שטעמפּלט ווערן, ווי אַ מנוול".

אמונה איז געווען אַ ריין אינדיווידועלער ענין, ווען דער רוף

פון די נביאים אָפּצושאַפן די אונטערשידן צווישן ברידער טראָגט אַן אַלגעמיין סאָציאַלן כאַראַקטער.

הערט דאָס דאָזיקע וואָרט וואָס אויפן באַרג שומרון,
די וואָס באַרויבן די אָרימע וואָס דריקן די אביונים.

מיט אַזעלכע ווערטער איז געוואָנדן דער צאָרן פון די נביאים קעגן די באַדריקער. די נביאים האָבן געוואָלט איינשטעלן סאָציאַלן יושר. לויט דער תורה איז אַרבעט דער ראש וראשון, דער פאַקטאָר, וואָס שאַפט די נאַטור־אוצרות, וועלכע דאַרפן געהערן צו אַלעמען און דאַרף גלייך צעטיילט ווערן פאַר אַלעמען. דער ארץ ישראל־באָדן טאָר קיינעם ניט פאַרקויפט ווערן, ווייל דאָס איז גאָטס לאַנד, וואָס ער האָט געגעבן דעם מענטשלעכן מין. והארץ נתן לבני אדם...

די מלחמות, האַנדל און ים־שיפעריי, קאָלאָניעס און דאָס איינפירן מעטאַלענע מטבעות אָנשטאָט שאָף, וואָס האָבן פריער געדינט אַלס אויסטויש מיטל, האָט אין אַלטן גריכנלאַנד דערפירט צו אַ גויעג נאָך רייכטום. די געלט־ווירטשאַפט האָט צעגלידערט די העלענישע געזעלשאַפט אויף רייכע און אָרעמע, די אַנטשטאַנענע מלוכה, האָט פאַרטיידיקט די רויב־אינטערעסן פון די רייכע. אָבער דער דעמאָס (דאָס פאָלק), וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשקלאַפטע פויערים, האַנדווערקער און מאַטראָזן, האָט גאָר ניט פאַרגעסן די אַמאָליקע גלייכהייט, דאָס האָט דערפירט צו סאָציאַלע אומרועו און בונטן קעגן די ערד־ און געלט־באַזיצער. די קאָנפליקטן האָבן אָנגערעגט די דענקער און פילאָזאָפן צו זוכן אַן אויסוועג פאַר דער געשאַפענער לאַגע. די סטוישע שולע פון זענא און קיטיא האָבן אָפּגעוואָרפן יעדן סיסטעם פון צוואַנג, ווי די מלוכה מיט אירע פּאָליטישע אינסטיטוציעס, און גערופן צו פולשטענדיקע גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלעמען. זיי האָבן גערופן צו שאַפן אַ פרייע געזעלשאַפט געשטיצט אויף עטישע און יושר געפילן. זיי האָבן אָנערקענט אַז דער מענטש איז דער מאָס־איינס פאַר אַלץ. דערמיט האָבן זיי געהערט צו די ערשטע הומאַניסטן. ענלעכע מיינונגען געפינען מיר ביי אַריסטאַנעסן דעם גרינדער פון דער הייד־אַנישער שולע (270—842 פאַר דער ספירה).

אויך אין דער מאַראַל־לערע פון די קריניקער (ציניקער), וועלכע זענען אָפן אַרויסגעטרעטן קעגן שקלאַפעריי, געלעבט אין קאָמונעס און באַנוגנט זיך מיט ווייניק. זיי זענען אויך געווען די ערשטע קעמפער פאַרן פרייען וואָרט. לעצטנס האָט מען גענומען לייגן אַכט אויף דעם אַנאַרכיסטישן סיסטעם פון גריכישן פילאָזאָף לוריע אַנטיפאַן. אויב די אַטענער האָבן אַ סך פילאָזאָפירט און אַרויסגעגעבן גרויסע דענקער מיט דרייסטע געדאַנקען האָבן די ספּאַרטאַנער אין דער פּראַקטיק דורכגעפירט אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע אין ספּאַרטאַ האָט אָבער ניט געטראָגן קיין אַנאַרכיסטישן כאַראַקטער, נאָר געווען ענלעך צו דער היינטיק באָלשעוויסטישע אָרדענונג. דאָס איז געווען אַ קאָמוניסטיש־מיליטערישע אָרדענונג, וואָס האָט העכער פון אַלץ געשטעלט דעם מלוכה־סיסטעם, געשטיצט אויף אַ מיליטערישער הערארכיע, ווי דער יחיד דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיין באַזונדערקייט און תמיד זיך האַלטן אַרום דעם קעניג אָדער מיליטער־פירער. פאַרגעסן אין גאַנצן אין זיך און דינען נאָר די אינטערעסן פונעם פאָטערלאַנד. זיי האָבן פאַרן גרעסטן מאָראַל געהאַלטן דאָס געזונט פון דעם קערפּער. די בכבודיקע מענער זאָלן האָבן בשותפותדיקע קינדער פון וועלכע די געזונטע דאַרפן דערצויגן ווערן אין קערפּטיקע, געשיקטע און דרייסטע קעמפער און די קרענקלעכע האָבן זיי ניט געלאָזט לעבן.

די קריגס־פּאָליטיק און דער קריגס־גייסט פון ספּאַרטאַ האָט ביי אירע שכנים געוועקט מורא און שנאה און צום סוף איז ספּאַרטאַ באַזיגט געוואָרן דורך דעם מלך פון מאַקעדאָניע און דער ספּאַרטאַ־קאָמוניזם איז ליקווידירט געוואָרן. דער ביישפּיל פון ספּאַרטאַ האָט אָבער געדינט דעם פילאָזאָף פּלאַטאָן פאַר אַ מוסטער פון אַן „אידעאַלער מלוכה" ווי עס זאָלן הערשן קלוגע און פילאָזאָפן. אויך זיין „אידעאַלע מלוכה" און די „גלייכהייט" האָט זיך געשטיצט אויף אַ הערארכיע פון קלאַסן און אויף דער אַרבעט פון שקלאַפן. דער דאָזיקער קאָמוניזם האָט דאַן געקוקט אויף פּראָדוקטיווער אַרבעט ווי אויף אַ קללה. אַרבעט איז געווען אַן ענין נאָר פאַר שקלאַפן.

אַזוי האָט זיך שוין אין אַלטן גריכנלאַנד אויסקריסטאַליזירט דער גרויסער אונטערשיד צווישן אַ מלוכהשן קאָמוניזם און אַ פרייען אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם; צווישן דער סאָציאַלער עטיק פון פלאַטאָנען און די סטאָיקער וועלכע האָבן פאַרשפרייט די יסודות פון אַנאַרכאָ־קאָמוניזם פון אינטערנאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט, ווי דער נאַטור־געזעץ וואָס איז דער איינציק ריכטיקער וועגווייזער פאַרן לעבן. דאָס הייסט אַז עס דאַרף ניט זיין קיין מלוכה, קיין געריכטן, קיין געזעצן — נאָר געמיינזאַמקייט פון אייגנטום. גלייכהייט פון געשלעכטער, פאַרברידערונג צווישן פעלקער.

די שטענדיקע מלחמות צווישן אַטען און ספאַרטאַ פאַר העגעמאָניע און באַזונדער די שנאה צווישן דיביידע קלאַסן, די אָרעמע און רייכע, האָט דערפירט צו דעם אונטערגאַנג פון גריכנלאַנד מיט אירע גרויסע פילאָזאָפן, דיכטער און רעפאָרמאַטאָרן. וועגן דער שנאה דערציילט אונדז איזאָקראַטעס (פאָליטיק, 11,9) אַז די העכערע באַאַמטע פון דער אָליגאַרכיע פלעגן ביים איבערנעמען זייערע פאָסטנס אָפגעבן אַזאַ שבועה: „איך וועל זיין אַ פיינט פון פאָלק און וועל מאַכן כלערליי מעגלעכע פלענער אים שאָדן צו ברענגען״. די שטימונג אויך ביי די רייכע איז געווען אַ פאַרביטערטע אַז זיי זענען גרייט געווען בעסער וואַרפן זייער פאַרמעגן אין טייך איידער עפעס אָפגעבן דערפון פאַר די אָרעמע.

דער זעלבער אַנטאַגאָניזם צווישן די פאַטריצער און פלעביער האָט צום סוף אויך דערפירט צום אונטערגאַנג פון דער מעכטיקער רוימישער אימפעריע. אויך רוים האָט פאַרמאָגט גרויסע רעפאָרמאַטאָרן, טריבונען וואָס האָבן געשטעלט זיך אויף איינער פון די צוויי צדדים. די אָרימע אונטער דער אָנפירערשאַפט פון קאַטאַלינען האָבן געפירט אַ העראָישן קאַמף פאַר אירע רעכטן. געווען אויך אַ העראָישער אויפשטאַנד פון די שקלאַפן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ספאַרטאַקן, וועלכער איז געווען סיי אַ לעגענדאַרישער, סיי היסטאָרישער העלד. דאָס אַלץ האָט דערפירט דער אָליגאַרכיש קאָרומפירטער רעפובליק צו איר סוף און אונטערגאַנג.

די מעכטיקע אימפעריע איז אונטערגעגאַנגען אָבער די שטרעבונגען פון דער אָרעמקייט איז געבליבן צו אַ האַרמאָניש פרייער,

טישער לעבנס אָרדענונג. די ווירקונג פון די יידישע נביאים, פון דער סטאָישער פילאָזאָפיע, ווי די עגיפּטישע און אַזיאַטישע מיס־טעריען אויף די מוחות האָט צוגעגרייט אַ פעסטן באָדן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום, ווי אַ משיחישער גלויבן וואָס דאַרף ברענגען אַ גערעכטע און שלום־ליבנדע געטלעכע קעניגרייך אויף דער ערד.

## 2. קריסטלעכער אַנאַרכיזם

דאָס כאַראַקטיריסטישע פון דער אַנטוויקלונג פון די קאָמונעס ביים ים המלח, איז געווען די נעגאַציע צו אַן ערדישן מלך און די האָפענונג אויף אַ הימלישן מלך. ביי די איסיים איז הערשאַפט געווען אַ חטא. ביי די ערשטע קריסטן, אין דעם בוך פון קאָרינטער (בוך פון די אַפּאָסטאָלן) קאַפּ. 1, קאַפּ 15 זאַץ 24 ווערט געזאָגט: „ער (משיח) וועט בטל מאַכן יעדע ממשלה, יעדע הערשאַפט און יעדע מאַכט. ער (משיח) וועט אַליין קעניגן".

דער נייער סאָציאַלער סדר, אויך ביי די ערשטע יידן־קריסטן איז געווען אַ קאָלעקטיווער. אין דער שליחים־געשיכטע ווערט גע־זאָגט: „אַלע גלויביקע האָבן געלעבט אין אַ חברישער געזעלשאַפט און האָבן צעטיילט זייער אייגנטום צווישן אַלע, אַנדערע האָבן פאַרקויפט זייער פאַרמעגנס און צעטיילט דאָס געלד, יעדן לויט זיין נויט"... (אַפּאָסטאָלן, קאַפּ. 2: 45—46).

די איינגעזאַפּטע לערע וועגן סאָציאַלן יושר, צוזאַמען מיט די דעמאָקראַטיק פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען האָבן געהאָלפן איינשטעלן ביי די איסייאים און ביי די ערשטע יידן־קריסטן דאָס אַנאַרכיסטישע אַרט־לעבן. די איסייאישע קאָמונע־ברידער האָבן פאַר א"ב, פון זייער נייעם אַרט לעבן, געשטעלט דעם פּרינציפּ — סאָצאַלן יושר. די יידן־קריסטן האָבן אַריינגענומען אין זייער קרייז נאָר די וואָס זינען געווען גרייט פרייוויליק אָנעמען דעם קאָלעקטיוון אַרט לעבן (אַפּאָסטאָלן, 2: 45, 6) אין אַט דער פריי־וויליקער געזעלשאַפט אָן הערשאַפט און אָן הערשער, איז געווען

אין יענער צייט, פון ווילקיר און גרויזאַמקייט פון דער הערשאַפט, אַן אמתע פענאָמענאַלע דערשיינונג. דאָס איז געווען אַ געזעל־שאַפטלעכער אָאַזיס אין מיטן דער פאַרווילדיקייט פון געזעלשאַפט־לעכן מדבר. די סאָציאַלע אידייען, אין יענע צייטן, האָבן געקענט עקזיסטירן נאָר באַקליידט אין אַ רעליגיעז־מיסטישן מאַנטל.

דאָס קריסטנטום האָט געקאָנט ווערן אַ מאַסן־רעליגיע, ווייל זי האָט געפּרעדיקט אַלגעמיינע גלייכהייט און דערמיט אויך צע־בונטעוועט דאָס רוימישע אָרעמקייט, די פּלעביעער און שקלאַפן, וואָס האָט צעטרייסלט די מעכטיקע רוימישע אימפּעריע. דעריבער האָבן די רוימישע הערשער אַזוי שטאַרק גערודפט די קריסטן. ביסלעכווייז האָבן די הערשער שלום געמאַכט מיטן קריסטלעכן גאָט און מיט דער קריסטלעכער רעליגיע. דאַן איז פון אמתן קריס־טנטום געבליבן בלויז דער נאָמען. די קריסטעלעכע גייסטלעכע און כוהנים, ווי נאָר זיי האָבן דערפילט דעם טעם פון הערשאַפט, האָבן זיי פאַרגעסן אין אַלע סאָציאַלע געבאָטן און פון אַן אינטער־געדריקטע רעליגיע געוואָרן די רעליגיע פון אונטערדריקער.

די אָרעמקייט האָט אָבער דערמיט ניט שלום געמאַכט און ניט אָפּגעזאָגט זיך פון דער וויזיע פון אַ טויזנטיעריקע עפּאָכע פון גלייכהייט, ווי עס וועלן ניט זיין קיין מלחמות, קיין אָרעמקייט ווי דאָס איז פאָרויסגעזאָגט אין די אַפּאָקאַליפּסן. די קירכלעכע פאָטערס האָבן אָבער דער קריסטלעכער וויזיע פאַרשריגן ווי אַן אַפּיקורסות און גערודפט די וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין די אמתן געפּרעדיקט דורך דער עוואַנגעליע. די אָרעמע אָבער האָבן גערופן צוריק צום אמתן קריסטנטום און זיי האָבן געשאַפן קריסטלעכע קאָמונעס, כדי צו לעבן לויטן מוסטער פון די ערשטע קריסטן אין די ירושלימער קאָמונעס, אין פולשטענדיקער גלייכהייט, אַזוי ווי עס ווערט דער־ציילט אין די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלן". האָבן טאָקע אויס־געשפּראָצט סעקטעס אונטער די פאַרשידנסטע נעמען וואָס זענען גערודפט געוואָרן מיט ניט ווייניקער אכזריות פונעם קלויסטער, ווי עס זענען פריער גערודפט געוואָרן די קריסטן דורך די געצנ־דינער. פלעגן די סעקטן זיין געצוווּנגען זיך צו ליקווידירן און זענען ווידער אַנטשטאַנען דאָרט ווי נאָר דאָס איז געווען מעגלעך.

אין 1100טן י. ה. זענען אין נידערלאַנד אַנטשטאַנען די ערשטע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן פון די קריסטלעכע סעקטאַנטן. שפּעטער אין דייטשלאַנד. דאָס זענען געווען אַמערסטן וועבער־אַרבעטער, וואָס אַ דאַנק דער קאָלעקטיווער אַרבעט האָבן זיי געקאָנט ביליקער פאַרקויפן זייערע אויסאַרבייטונגען, ווי די צעכן מייסטערס, און פון דעם ריווח האָבן זיי געשטיצט קראַנקע און אומגליקלעכע. זיי זענען אויך אַקטיוו אַרויסגעטראָגן קעגן דער קלויסטער־הע־ראַרכיע, ווי קעגן דער מלוכה־אָרדענונג.

אין 14 י. ה. האָבן די וועבער־אַרבעטער פון שווייץ און פון שטראַסבורג געגרינדעט: „ברודערשאַפטן" מיט געמיינזאַמע הילפס־קאַסעס, מיטן ציל אויסצוהאַלטן זייערע קראַנקע חברים און שטיצן אָרעמע, ווי אויך צו דעקן לויה־הוצאות און צו טראָגן קעגנזייטיקע הילף. נעבן די „ברודערשאַפטן" זענען אַנטשטאַנען „שפּייזהייזער" וועלכע זענען געוואָרן די וויכטיקסטע זאַמלפונקטן פון די אַרבעטער אין קאַמף קעגן די צעכן־מייסטערס און פּאַטריצערס. אין סוף מיטלאַלטער האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע מרידות פון די מינער־אַרבעטער, ווי אויך פון די אַרבעטער פון דער וואָל־אינדוסטריע, וועלכע זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון אַלע דעמאָלטיקע סאָציאַלע אויפטרייסלונגען, ווי אויך קעגן דער קירך, וועלכע האָט פאַראַטן די אָרעמע און געשטעלט זיך צום שוץ פון די רייכע און די הערשער.

אין דער צייט איז אויך אין נידערלאַנד אַנטשטאַנען די „ברו־דערשאַפטן פון געמיינזאַמען לעבן", וואָס איז באַשטאַנען גראָד פון געבילדעטע מענטשן וועלכע פלעגן, זייער הכנסה פון קאָלעקטיווער אַרבעט, פון אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן ביכער, געהאָלפן מאַטעריעל די אָרעמע און זיי קולטורעל צו דערהויבן. דער קאָלעקטיוו איז געווען אַ פּרייוויליקער, ווי קיינער, ווי אין אַנדערע סעקטעס, איז ניט געווען געבונדן מיט קיין שבועה און יעדער האָט געקאָנט צו יעדער צייט פאַרלאָזן די קאָמונע.

אין דרום־פראַנקרייך איז דאָן אַנטשטאַנען די סעקטע: „ברידער און שוועסטער פון פרייען גייסט" אָרגאַניזירט דורך אמאַרליק בען וואָס האָט באַקומען אַ סך אָנהענגער. די אַמאַרליקאַנער זענען געווען אַ ראַדיקאַלע און מוטיקע אַפּיקורסישע סעקטע, וואָס האָט

ניט נאָר פאַרמאָגט אַ קאָלעקטיוו פאַרמעגן נאָר אויך געלעבט אין געמיינזאַמקייט מיט פרויען. זיי האָבן געקעמפט קעגן אומ־גלייכהייט, קעגן הערארכיע, קעגן אויטאָריטעט און געפּרעדיקט, אַז דעם מענטשנס ווילן דאָס איז גאָטס ווילן. די דאָזיקע סעקטע האָט בזיך זיך פאַרשפּרייט אויך איבער מזרח־פראַנקרייך צוציענדיק צו זיך די אָרעמקייט און די אונטערגעדריקטע פּראָלעטאַריער. אין דייטשלאַנד האָט אָט די סעקטע זיך פאַראייניקט מיט די סעקטעס די בערגאַרדן און לאָלאַרדן אָבער דער פּויפּסט יאָהאַן דער 22טער האָט אין 1322 אָנגערייצט, קעגן דער סעקטע, די אינקוויזיציע און די סעקטע האָט אפילו אין קאָנספּיראַציע ניט געקאָנט עקזיסטירן. אָבער אַ דאַנק דעם קאָנפליקט צווישן ענגלאַנד און דעם פּויפּסט האָט אין ענגלאַנד די סעקטע געקאָנט זיך שטאַרק אַנטוויקלען צונויפזאַמלען די אַנטלאָפענע געררודפטע וועבער פון אַנדערע לענ־דער, וועלכע האָבן געבורענגט מיט זיך קיין ענגלאַנד די לערערס פון די בעגאַרדן. באַזונדער האָט דערצו אויך געווירקט דאָס דער־מאָרדן אין בעמען יאָהאַן הוסן.

דער מאַרטירער־טויט פון יאָהאַן הוסן האָט שטאַרק געווירקט אויף דעם ווידער־אויפבלי פון דער בעגאַרדישער באַוועגונג, באַ־זונדער אין באָהעמיע אויפן באַרג טאַבאַר, וואָס זענען אין אַ גרויסער מאָס באַשטאַנען פון דייטשע האַנדווערקער אַנטלאָפענע פון פראַנקרייך צוליב די רדיפות און האָבן זיך באַזעצט אויפן באַרג טאַבאָר. די לערע פון די „ברידער און שוועסטער" פון באַרג טאַבאָר איז געווען צונויפגעשטעלט קורץ און קלאָר מיט פאָלגענדע ווערטער: „אין דער צייט דאַרף ניט זיין אויף דער ערד קיין קעניג, קיין הערשער און קיין אונטערטאַנען. די צינזן און שטייערן פאַר דער מדינה און קלויסטער דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן. קיינער טאָר ניט צווינגען מיט עפּעס אַ צווייטן. אַלע דאַרפן זיי ברידער און שוועסטער. קיינער טאָר ניט פאַרמאָגן קיין אייגנ־טום, ווייל דאָס איז אַ שטערבלעכע זינד. מען דאַרף ניט קיין קעניג איבער מענטשן און פאַרוואַלטן איבער אַלע ערדישע אוצרות וועט נאָר דאָס פאָלק. אַלע פירשטלעכע, דאַרפישע און פּויערישע געזעצן דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן, ווייל זיי קומען ניט פון גאָט

נאָר פון מענטשן". אָט די סעקטע האָט פאַרווערט אירע מיטגלידער צו לויבן גאָט און צו קניען פאַר די הייליקע בילדער.

די דאָזיקע סעקטע האָט שטאַרק זיך צעוואַקסן אָבער די רדיפות, פון דער מאַכט און קלויסטער, זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער. עס איז אָבער ניט לייכט געווען זיי צו באַזיגן, ווייל זיי זענען געווען אויך גוטע קריגסלייט. האָט די מאַכט און דער קלויסטער מאָביליזירט קעגן זיי די פריצים און ריטערס, ווי אויך טויזנטער אויסלענדישע געדונגענע זעלנער. די סעקטאַנטן האָבן מוטיק זיך פאַרטיידיקט, אָבער אין 1434 איז אין אַן אָפענער שלאַכט פון 18 טויזנט טאַבאַרן קעגן 25 טויזנט פריצישע און געדונגענע זעלנער פון פרעמדע לענדער זענען 13 טויזנט טאַבאָרישע קעמפערס אויסגעשאָכטן און זענען באַזיגט געוואָרן. די איבערגעבליבענע האָבן אָבער ווייטער העלדיש געקעמפט, אויף די פאַרשידנסטע פראָנטן אין קליינע גרופעס, קעגן דער אכזריותדיקער מאַכט פון דער מלוכה און פון קלויסטער. נאָך לאַנגע יאָרן האָט אין פאָלק געלעבט די אַנטי־מלוכהשע לערע פון די טאַבאָרישע „ברידער און שוועסטער". נאָך לאַנגע יאָרן האָבן די הערשער פון די אייראָפעישע לענדער, ווי דער קלויסטער, די פריצים און די רייכע געציטערט, ביז די לעצטע פון די טאַבאָרן זענען אומגעקומען און פאַרשווינדן, ערשט דאַן האָבן זיי ווידער פריי געקאָנט באַרויבן די פויערים און אונטערדריקן די אָרעמע.

די טאַבאָרישע „ברידער און שוועסטער", וועלכע האָבן ווייטער עקזיסטירט אין פאַרשידענע ערטער, האָבן זיך געשפּאָלטן אויף צוויי סעקטן: איינע וואָס האָט גערופן צו אַ געוואַלטזאַמע רעוואָלוציע, ווען די צווייטע, אַ פרידלעכע, האָט געהאַלטן אַז „גלייכהייט קאָן מען ניט איינפירן מיט געוואַלט און קאָן ניט פאַרווירקלעכט ווערן דורך די מאַכט־אָרגאַנען. דער אמת גלויביקער טאָר דעריבער ניט מיטאַרבעטן מיט קיין שום רעגירונגס־אַמט, ווייל מאַכט איז אַ זינדיקע און געצנדינערישע אינסטיטוציע. אַ גלויביקער טאָר דעריבער ניט זיין קיין מלוכה־אָנגעשטעלטער, ניט קיין פּאָליציאַנט, ניט קיין ריכטער. די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט וועט, אונטערגיין צוזאַמען מיט

דער מאַכט. די איינציקע מעטאָדע צו פאַרניכטן די מאַכט איז זי צו איגנאָרירן. דער אמתער קריסט שטרעבט צו גוטס און טיפע־ניש פון זיין הארץ ער טאָר אָבער קיינעם ניט צווינגען צו טאָן גוטס, ווייל גאָט האָט ליב נאָר פרייוויליקע טאַטן. יעדער צוואַנג קומט נאָר פון טייוול." אַזוי האָט געשריבן זייער גייסטיקער פירער פעטער כעלטשינסקי, אומגעפער אין יאָר 1390. אָט די פרידלעכע סעקטע האָט פאַרווערט אירע מיטגלידער זיך צו באַשעפטיקן מיט האַנדל, מיט לייען געלט, די סעקטע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס טאָלעראַנץ און זיך פאַרפליכטעט צו העלפן נויטבאַדערפטיקע ברידער. די סעקטע איז שטאַרק אויסגעוואַקסן צוציענדיק אַ סך פון אַנדערע סעקטעס. עס זענען אָבער אין איר אַריינגעדרונגען איינפלוסרייכע מיטגלידער, וועלכע האָבן שטופנווייז אַריינגעפירט אונטערטעניקייט צו דער מאַכט און געבראָכן די אַנאַרכיסטישע יסודות. די סעקטע איז אין 16 י. ה. אין גאַנצן פאַרשווינדן. די געטריי געבליבענע צו די אַנאַרכיסטישע פרינציפן האָבן געלאָזט זיך איבער אַנדערע לענדער. געווירקט מיט זייער לערע אין פוילן און רוסלאַנד, ווי אויך אויף די רוסישע דוכאָבאָרצעס וועלכע האָבן געלעבט אין קאָמונעס און צוליב די רדיפות פון דער צאַרי־שער מאַכט האָבן זיי אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע, ווי זיי האָבן פאַרלייגט קאָמונעס.

דעם גרעסטן איינפלוס האָבן די „באָהעמישע ברידער און שוועסטער" באַקומען אין דייטשלאַנד, ווי עס זענען אַנטשטאַנען געהיימע סעקטעס פון האַראַפּאַשנע מענטשן. זייער פירער איז גע־וואָרן טאָמאַס מינץ וואָס איז שפּעטער געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם פּויערים־אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד. אים האָבן געשטיצט די טור־וועבער וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינ־פלוס פון דער לערע פון די „באָהעמישע ברידער און שוועסטער". איז ניט קיין ווונדער וואָס דער פּויערים־אויפשטאַנד קעגן די פּריצים, האָט זיך אויך געוואָנדן קעגן קלויסטער און זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן אָפּצושאַפן די מאָנאַסטירן און אַרויסטרייבן פון דאָרט די מאַנאַרכן, ווי אויך איינצופירן די געמיינזאַמקייט פון אייגנטום. דער רוף פון פּויערים־אויפשטאַנד איז געווען: צוריק צו דער פרייהייט, גלייכהייט,

און גערעכטיקייט, צוריק צום קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן ווי די ערשטע קריסטן.

## 3. דער הומאַניטאַרער געדאַנק

מיט פאַרשטאַרקן זיך פון די נאַציאָנאַלע מלוכות האָבן זיך געפונען „הויף־פילאָזאָפן" וואָס האָבן, ווי דער רוימישער מאַקיאַ־וועלי, געפאָדערט פאַר דער מאַכט די אַבסאָלוטע געהאַרכזאַמקייט פון די אונטערטאַנען און די רעכט צו באַשטימען וואָס ס'איז גוט פאַר בירגער און אַפילו אין וואָס פאַרא גאָט דער בירגער מעג גלויבן. יעדע מאַכט, פונקט ווי די רעליגיע נויטיקט זיך מען זאָל גלויבן אין אירע אומנאַטירלעכע אייגנשאַפטן. די הערשער, פון די עלטסטע צייטן האָבן זיך צוגעשריבן אַ געטלעכן כאַראַקטער.

דאָס מיסברויכן פון די הערשערס מיט זייערע רעכטן האָט גע־בוירן, אין די אייראָפּעישע לענדער, דעם הומאַניטאַרן געדאַנק, וואָס הויבט אָן צו שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אינעם קאַמף קעגן דער דיספּאָטיע פון דער מדינה און אירע הערשערס. דער ענגלישער מלוכה־מאַן טאָמאַס מאָר, ווען דער ענגלישער קעניג העינריך דער אַכטער האָט שפּעטער באַפוילן אים אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ, האָט אָנגעשריבן זיין באַרימט בוך „אוטאָפּיע". ווו ער שילדערט אַן אידע־אַלע געזעלשאַפט געשטיצט אויף גלייכהייט און פרייהייט. נאָך שטאַרקער שילדערט אַזאַ געזעלשאַפט דער פראַנצויזישער הומאַ־ניסט ראַבעלאַ אין זיין ראָמאַן: „גאַרגאַנטואַ". אויך דער פראַנ־צויזישער דענקער עטיען דע לא בעטסי אין זיין בוך „פרייוויליקע שקלאַפעריי", דעקט אויף די מענטשלעכע חרפּה פון זיך פרייוויליק פאַרשקלאַפן צו די הערשער. זיין בוך האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און שפּעטער אויף דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק.

דער ערשטער וואָס האָט אין ענגלאַנד זיך איינגעשטעלט פאַר דער פרייהייט פון דער פרעסע איז געווען דער דיכטער דזשאָן מילטאָן. אין זיין זשורנאַל „דעפענסיע פּרא פּאָפּולא אַנגלקאַנאַ". וואָס איז ביים דערשיינען גלייך צעכאַפּט געוואָרן און שפּעטער,

לויט אַ באַפעל, עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן, האָט דער ענגלישער דיכטער געפאָדערט די רעכט פון פאָלק צו שטעלן אַ הערשענדן טיראַן צום געריכט און אים צו פאַרמשפטן צום טויט. אַנדערע הומאַ־ניסטן, ווי: רישאַרד פּרייס האָבן געהאַלטן אַז יעדע געזעלשאַפט דאַרף שיצן די רעכט פון יחיד. דער קעמפער פאַר דער אַמעריקאַ־נער אומאָפּהענגיקייט טאָמאַס פּיין האָט געגעבן דעם קלאָרסטן אויסדרוק פון דעם אונטערשיד צווישן מלוכה און געזעלשאַפט און געזאָגט אַז: די געזעלשאַפט איז דער רעזולטאַט פון אונדזערע באַדערפענישן און די רעגירונג דער רעזולטאַט פון אונדזער פאַרדאָרבנקייט. נאָך ערגער איז דאָס אומגליק, וואָס מיר אַליין שאַפן דאָס געצייג וואָס באַשטראָפט אונדז". ער איז אויך געווען אַ קעגנער פון פאַרמעלער דעמאָקראַטיע וואָס זעט דאָס לעצטע וואָרט אין דער חכמה און ווילן פון דער מערהייט און ער האָט געוואָרנט אויך קעגן „דער טיראַניע פון דער מערהייט".

דאָס נעגירן דעם סיסטעם פון מאַכט און הערשאַפט האָט אין ענגלאַנד ווי אין אַמעריקע געלייגט איר חותם אויף דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע לענדער און געהאַט אין איר קרייז אַזעלכע וואָגיקע דענקער ווי: סטוארט מיל, טאָמאַס באקל, ע. ה. לאקי, דער פילאָזאָף הערבערט ספּענסער. און אַזעלכע דיכטער ווי: בייראָן, סאוטי, קאָללרידזש, לאמב, וואָרטוואָרד און באַזונדער דעם פּרינץ פון דער ענגלישער פּאָעזיע שעלי וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דעם דירעקטן איינפלוס פון זיין שווער וויליאם גאדווין. דעם געוועזענעם רעליגיעזן פּאַסטאָר און שפּע־טער דער פאָטער פון אינדיווידועלן אַנאַרכיזם. וויליאָם גאָדווין האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק וועגן דער באַדייטונג פון קעגנזיי־טיקער הילף און וועגן די מאָראַלישע כוחות וואָס ליגן אין מענטש, אויף דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. פרייהייט איז ביי אים געגאַנגען געפּאָרט מיטן העכסטן באַוווסטזיין פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר די האַנדלונגען און דורך אָרץ פאַרן מיט־מענטש. גאדווין איז געווען דער באַגרינדער פון אינדיווידועלן אַנאַרכיזם און פון דער קאָנצעפּציע פון אַ דעצענטראַליזירטע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

אין אַמעריקע איז דער הומאַניטאַרער געדאַנק פֿאַרשפּרייט געוואָרן דורך די באַדייטנסטע דענקערס ווי: דזשעפערסאָן, וועל־כער האָט אונטערגעשטראָכן ניט נאָר רעכט פֿון פֿאָלק צו דער מרידה, קעגן דער מאַכט, נאָר ווי אַ פֿליכט פֿון אַ גוטן בירגער. ער האָט דאָס געוואָרפֿן דעם לאַקאָנישן זאָג: „יענע רעגירונג איז די בעסטע וואָס רעגירט אַמווייניקסטן". ער האָט באַטראַכט דאָס אַרייַנמישן זיך פֿון אַ רעגירונג אין דעם בירגערס פּריוואַטן לעבן פֿאַר אַ ברוטאַלן געוואַלט. אויך דער געוועזענער פּרעזידענט און קעמפֿער קעגן שקלאַפֿעריי אין אַמעריקע אייבערעהעם לינקאָלן האָט געוואָרנט די אַמעריקאַנער ניט אָנצוטרויען זייער זיכערקייט און דאָס מענטשן־רעכט צו קיין שום רעגירונג. אויך דער אַמערי־קאַנער דיכטער־פֿילאָזאָף עמערסאָן האָט געהאַלטן אַז יעדע מלוכה־מאַכט איז פֿאַרדאָרבן און יעדע רעגירונג קאָרומפּירט, דעריבער מוזן די מענטשן ניט זיין געהאָרכזאַם צו די געזעצן פֿון דער מלוכה.

די דאָזיקע הומאַניטאַרע געדאַנקען דערגרייכן זייער שלימות אין אַמעריקע ביי אַזעלכע דענקערס ווי: דזשאיא וואָרען, סטיפֿאַן פּורל, ענדריס און באַזונדער ביים פֿילאָזאָף און דיכטער ה. ד. טאָרא, וועלכער האָט געלערנט אַז דער מלוכה־אַפּאַראַט באַשטייט פֿון אַ מין הערשאַפֿט־מאַשין אָן געוויסן, וואָס באַזיצט די פֿעיִקייט לעבעדיקע מענטשן צו פֿאַרוואַנדלען אין מאַריאָנעטן־אונטערטאַ־נען. אין זיינע ווערק רופֿט ער צו באַפֿרייען זיך פֿון אונטערטעני־קייטס־גייסט, ניט צו צאָלן קיין שטייערן, פֿאַרוואָס ער איז אַרעס־טירט געוואָרן. און אין טורמע האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די רעכט צו אומגעהאָרכזאַמקייט צו דער מדינה, ווי ער קומט צום אויספֿיר אַז די בעסטע רעגירונג איז די וואָס רעגירט אין גאַנצן ניט.

אויך אין אייראָפּע האָבן די ערנסטע דענקערס געזוכט אַן אויסוועג ווי אַרויסצורייסן די מענטשן פֿון גרויסן עלנט, אָרעמקייט און אונטערדריקונג און זיי באַפֿרייען פֿון דער דעספּאָטיע פֿון דער מאַכט, וואָס לייגט אירע לאַפּעס אויף דעם ווירטשאַפֿטלעכן

און גייסטיקן לעבן. זיי האָבן געזוכט אַ וועג ווי צו לייגן דעם יסוד פאַר אַ נייער ציוויליזאַציע געשטיצט אויף פרייהייט און גערעכטיקייט. צו אַט דעם טיפ פון ראַדיקאַלער דענקער האָבן אין דייטשלאַנד געהערט: לעסינג, די פילאָזאָפן: וו. פאָן גומאָלד, קראַוזע און באַזונדער הערדע וואָס באַווייזט אין זיין בוך „אידעען פון דער פילאָזאָפיע פון דער מענטשלעכער געשיכטע", אַז דער אָפּשטאַם פון אַלע איצטיקע מאַכטן אין אייראָפּע קומט פון די באַרבאַרישע האָרדעס, וועלכע זענען באַפאַלן אַנדערע פעלקער, דעראָבערט זייערע ווינ־ערטער און פאַרשקלאַפּט אירע איינוווי־נער, אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער צוואַנג פון וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די ערשטע רעגימענטן פון די איצטיקע רעגירונגען. הערדער האָט געזען אין דער מלוכה אַ ראַק־קראַנקייט, וואָס צעפרעסט די קולטור־אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, און ווי אַ קאַסטבאַרע מאַשין וואָס קוועטשט צענויף, מיט דער הילף פון ברוטאַלן געוואַלט. דער דאָזיקער ווידערווילן צו דעם מלוכה־פאָרם איז געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר די בעסטע קעפּ פון יענער צייט. עס זענען געוועזן אין דייטשלאַנד ניט ווייניק מוטיקע פאַרטיידיקערס פון דער פרייהייט ווי: י. ג. זומע, זשאַן פאול און העלדערין, וועלכער האָט אין זיין „היפעריאָן" געשליידערט אין פנים פון דייטשן פיליסטער די זינד פון דינען דעם קולט צו מאַכט.

אין פראַנקרייך איז דער אַנטי־מלוכהשער געדאַנק געוואָרן (אין פעריאָד פון 16 ביזן 18 יאָר הונדערט) אַ גרויסע סכנה פאַר דער אינסטיטוציע פון מאַכט. גרויסע דענקערס וואָס האָבן, צוליב דער צענזורע, געמוזט זיך באַנוצן מיט דער הילף פון פאַבולע, ווי מאָנטעסקיון אָדער ווי וואָלטער זיך געמוזט באַנוצן מיט פסעוודאָנימס, האָבן רעוואָלוציאָנירט דעם געדאַנק. וואָלטער האָט אָראָפּגעריסן די מאַסקע פון די הערשערס, פון דער רעליגיע, פון מיליטאַריזם און פאַטריאָטיזם. ער האָט באַוויזן אַז דער כוח פון די הערשערס און פון רעליגיעזע כהנים ליגט גאָר ניט אין עפּעס אַ געטלעכער קראַפט און ניט ווייל מיר נויטיקן זיך אין זיי נאָר אין אונדזער גלויבן אין זיי. אין פראַנקרייך האָבן זיך

באַוויזן און פאַרשפּרייט געוואָרן צענדליקער ביכער, פון שוין היינט פאַרגעסענע שרייבערס, ווי: זשאַק סאַדער און אַנדרעע, וועלכע האָבן מיט זייער קריטיק אַרונטערגעריסן דעם גלויבן פון דער הערשאַפט און פון דער קירכע. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען דידראָ וועלער האָט אַמבעסטן אָפּן אויסגעדריקט זיין אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם מיט אַזעלכע געדאַנקען: — „די נאַטור האָט קיינעם ניט געגעבן קיין רעכט צו געוועלטיקן איבער אַנדערע״. אָדער: „די נאַטור האָט ניט געבוירן קיין הערן און קיין דינער״. די מערסטע ווערק פון דידראָ זענען דורכגעדרונגען פון אַן אמתן אַנאַרכיסטישן גייסט און די אַנאַרכיסטישע טעאָרעטי־קער, צווישן זיי אויך קראָפּאָטקין, אַנערקענען אים אַלס אַ פּאָר־גייער פון אַנאַרכיזם. בכלל די ענציקלאָפּעדיסטן, ווי האָלבאַך, וואָל־טער, בריסאָ דע וואַרוויל זענען געווען אויך מייסטער אין דער קריטיק פון די אייגנטום־פאַרהעלטענישן, אָנהענגער פון די רעכט פון יחיד, ווי קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי. צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע ענציקלאָפּעדיסטן, ווי: ב. ש. ד'אַלאַמבער, העלוועציוס. מאָנטעסקיע האָבן זיי געהערט צו די פאַרשפּרייטער פון פרייהייטלעכע אידעען.

דער מלוכה־געדאַנק האָט אָבער געהאַט אויך אירע פאַר־טיידיקער. ניט געקוקט וואָס רוסאָס פילאָזאָפיע פון דעמאָקראַטיע האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין קאַמף קעגן אַבסאָלוטיזם און שטאַרק געווירקט אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיין אידעע ניט ווייניק געפלעגט דעם יאַקוביניסטישן קולט צו דער מדינה. אויב ביי דער רעליגיע איז גאָט אַלץ און דער מענטש גאָר ניט, איז ביי די יאַקובינער, פונקט, ווי ביי די היינטיקע באָלשעווי־קעס, די מלוכה אַלץ און דער מענטש, גאָרניט. אַזוי האָבן טאַקע די אַפּאָסטאָלן פון „ברידערלעכקייט״, און הורט געשיקט זייערע ברידער צו דער גילאָטינע. פרייהייט האָט ביי רוסאָ, און ביי די יאַקובינער, באַדייט די פרייהייט צו טאָן אַלץ וואָס די „רעוואָ־לוציאָנערע״ מאַכט באַפעלט. רוסאָ האָט ניט אָנערקענט קיין פערזענלעכע רעכט און זיין „דעמאָקראַטישער״ געדאַנק האָט דירעקט געפירט צו דער דיקטאַטור פון דער מאַכט מיט וועמענס

הילף, פון איר ברוטאַלער מלוכה־מאַשין, האָט רוסאָ געהאָפט „בעסער" מאַכן דעם מענטש.

די נייע דעמאָקראַטיע האָט געירשנט פון דעם פריערדיקן אַבסאָלוטיזם: דעם פּאָליטישן צענטראַליזם, די הערארכיע, דעם אויטאָריטעט און דעם קולט צו דער נאַציע, אונטער וועלכער זיי האָבן פאַרשטאַנען די רייכע פּריווילעגירטע שיכטן און די ביוראָקראַטישע עליטע. די נייע רעליגיע איז געוואָרן דאָס פאָטער־לאַנד. זייערע נייע אינקוויזיטאָרישע מעטאָדן האָבן זיי באַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון „פאָלקס־ווילן", פון דעמאָלט אָן ווערט יעדער פאַרברעכן פון יעדער מאַכט געטאָן „אין נאָמען פון פאָלק". דער ערשטער מאַן פון דאָזיקן „דעמאָקראַטישער מלוכה", איז געווען ראָבעספיער, אַ הייסער אָנהענגער פון רוסאָ. וועגן ראָבעספּיערן האָט געזאָגט קאָנדאָרס אַז דער מענטש „האָט ניט קיין געהירן אין קאָפּ און קיין געפילן אין האַרץ". אַלע דיקטאַטאָרן, פון דזשינגיס כאַן ביז היטלער און סטאַלין האָבן, ווי נאַפּאָלעאָן, אויסגעחלומט אַ מלוכה אין וועלכער עס זאָל ניט זיין קיין חילוק צווישן דער ציווילער און מיליטערישער באַפעלקערונג, דאָס גאַנצע פאָלק איין אַרמיי, דאָס גאַנצע לאַנד איין קאַזאַרמע. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט איינפירן אַ „סטאַטיסטיק פון מאָראַל", וואָס זאָל אינפאָרמירן וועגן די פאַרבאַרגנסטע געפילן פונעם בירגער. ליבע האָט ער געהאַלטן פאַר שעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט. אַליין האָט ער, ווי יעדער דיקטאַטאָר, פאַרמאָגט אַן אויסגעליידיקט האַרץ, געווען אַ שונא פון מענטש און פיינט פון דער פרייהייט. אָט זענען זיינע ווערטער: — „דער ווילדער ווי דער **ציוויליזירטער** דאַרף האָבן איבער זיך אַ האַר, אַ כישופמאַכער, וואָס זאָל האַלטן אין שפּיל זיין פאַנטאַזיע, אים האַלטן אין שטרענגן דיסציפּלין, אַרויפלייגן אויף אים די קייט און ניט לאָזן בייסן פאַר דער צייט, אים דערלאַנגען מיטן שטעקן און פירן אויף געיעג, ווייל ער פאַרדינט ניט אויף עפּעס בעסערס".

אויך דייטשע פילאָזאָפן האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די הערשער און ניט קאָקעטירט מיט דער פרייהייט. קאַנט האָט געהאַלטן אַז דאָס בונטעווען זיך קעגן דער מאַכט פאַר

אַ שווער פֿאַרברעכן. אַפֿילו ווען די מאַכט באַגייט טיראַנישע מעשים דאַרף דער אונטערטאַן בלייבן איר געהאָרכזאַם. פּיכטע איז געווען אַ „רעוואָלוציאָנער" פֿון דעם סאָרט וואָס ראָבעספּיער, לענין און סטאַלין, וועלכע האָבן געשאַפֿן טעאָריעס צו באַרעכטיקן די אייגענע טיראַניע. אין פּיכטעס פּלאַן פֿון אַ „פֿאַרנונפֿט־שטאַט" רעגלט ער אַזוי איין דאָס לעבן, אַז דער בירגער זאָל צו יעדער צייט פֿילן אויף זיך די השגחה פֿון דער מדינה. פּיכטע האָט געשטרעבט צו פֿאַרזיכערן די דייטשן אַ מאַטעריעלע עקזיסטענץ אויפֿן חשבון פֿון זייער פּערזענלעכער פֿרייהייט. ער האָט געהערט צו די ערשטע טעאָרעטיקערס פֿון מלוכהשן סאָציאַליזם, וועמענס מוסטער מיר געפֿינען היינט אין די קאָמוניסטישע לענדער. די נאַציס האָבן אים באַטראַכט פֿאַר זייערס אַ נביא. ער האָט אין זיינע „רעדעס צום דייטשן פֿאָלק", געלויבט די „דייטשע מיסיע", ער איז אויך געווען דער פֿאָרגייער פֿון די שפּעטערדיקע ראַסיסטן ווי: טשעמ־בערליין, וואַלטמאַן, ראָזענבערג, גינטער וועלכע האָבן זיך גע־גריבלט אין טעאָריעס פֿון „בלוט־פֿאַרוואַנדשאַפֿט".

דער אידעאָלאָגישער אונטערשיד צווישן מלוכהשע און אַנטי־מלוכהשע רעוואָלוציאָנערן, זענען שוין געקומען צום אויסדרוק אין דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אויך אין איר האָבן געווירקט צוויי טענדענצן, דער יאַקוביניסטישער און אַנאַרכיסטישער. אויב די יאַקובינער האָבן געהערשט אין קאָנווענץ, האָבן די אַנאַר־כיסטן געהערשט אויף דער גאַס. זייער אמתע היימען זענען געווען די סעקציעס און קלובן פֿון וואַנען זיי האָבן געשטופּט פֿאָרויס די רעוואָלוציע. זיי האָבן גערופֿן צום „אויסגלייכן דאָס רייכטום" און „ברויט פֿאַר אַלעמען". זיי זענען דערפֿאַר געווען די פֿאַרהאַסטע ביי די רייכע און פּאָליטיקאַנטן. זיי האָבן ניט פּאָליטיקירט נאָר געטאָן די גאַנצע „שוואַרצע אַרבעט" פֿאַר דער רעוואָלוציע. ווען די יאַקובינער האָבן געזען אין דער מאַכט דאָס „כישוף־שטעקעלע", אַ דאַנק וועלכן מען קאָן דערגרייכן אַלע צילן פֿון דער רעוואָ־לוציע אָבער קומענדיק צו דער מאַכט האָבן זיי גיך אין די צילן פֿאַרגעסן. אַנשטאָט צו צעברעכן די מאַכט האָבן די פּאַרטייען געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר מאַכט און דערמיט דערפֿירט

ביזן טערמידאָר, צום זיג פון דער קאָנטררעוואָלוציע און שפּעטער צום באָנאַפּאַרטיזם וואָס איז געוואָרן ניט מער ווי אַן אַנדערער פאָרם פון מאָנאַרכיזם, אָן אַ דינאַסטיע. די צוויי טענדענצן אין דעם רעוואָלוציאָנערן טראַכטן האָבן עס שפּעטער געשפּאָלטן אויף די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויף אַ מלוכהשן און אַנטי־מלוכהשן סאָציאַליזם. אַ שפּאַלטונג וואָס האַלט אָן פון דעם ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל ביזן היינטיקן טאָג.

## 4. מאָדערנער אַנאַרכיזם

כאָטש די ענגלישע רעוואָלוציע האָט באַגרענעצט די מאַכט פון דער מאָנאַרכיע און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זי אינגאַנצן ליקווידירט, איז אָבער ווייטער געבליבן די אינסטיטוציע פון מאַכט מיט אַלע אירע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן. עס האָבן בלויז געטוישט זיך די רעזשימען, געבליבן איז דער צוואַנג, און אונטערדריקונג. דער גלויבן אַז אָן דער אויטאָריטעט פון דער מאַכט קאָן מען קיין זאַך ניט דערגרייכן האָט אויך אַרומגענומען אַפילו די קאָמוניסטישע שולע מיט גרעקוס באַבעפן אין שפּיץ, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע און געווען פונקט ווי די יאַקובינער איבערצייגט אַז אָן דער דעראָבערונג פון די פּאָליטישע מאַכט־מיטלען איז ניט מעגלעך איבערצוואַנדערשן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און מיט דער הילף פון געהיימע גרופּן האָבן זיי דורכגעפירט פּוטשן פון טראַגישן כאַראַקטער. די אַנדערע גרופּן אָנגעפירט דורך: לואי בלאַן, פּעקער, ווידאַל האָבן געוואָלט אויסמיידן גע־וואַלטטאַטן און מיט פרידלעכע מיטלען ווירקן אויף דער רעגירונג דורכצופירן עקאָנאָמישע רעפאָרמען לטובת די אַרבעטער. ביידע סאָציאַלע פליגלען האָבן געבונדן זייערע האָפענונגען אויסשליס־לעך אויף דעם כוח פון דער מאַכט.

ערשט פּרודאָן, וואָס האָט געהערט צו די גרויסע דענקערס פון ערשטן העלפט פון 19טן י. ה. האָט אין זיין ווערק „וואָס איז

אַזוינס מלוכה" (1840), פאַרגעלייגט צו פאַרטווישן דעם מלוכה־סיסטעם אויף אַן עקאָנאָמישע פעדעראַטיווע אַסאָסיאַציע פון דער פּראָדוקציע און קאָנסומציע, געבויט אויף די פּרינציפּן פון גלייכהייט אַן עקספּלאָאַטאַציע. אַנשטאָט די פּאָליטישע מאַכט האָט ער פאַרגעלייגט אַ דעצענטראַליזירטע געזעלשאַפט געשטיצט אויף אויטאָנאָמיע און פעדעראַליזם; אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג־אַדמיניסטראַציע אַנשטאָט דעם מלוכה־צוואַנג. די פּאַריזער קאָמונע האָט אָט די אידעען אין איר קורצער עקזיסטענץ טיילווייז פאַרווירקלעכט און דערמיט איז די קאָמונע געוואָרן דאָס פאָרבילד פון דער צוקונפטיקער אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפט.

אין ענגלאַנד איז דער אַנטי־אויטאָראַטיווער געדאַנק אַמשטאַרקסטן געקומען צום אויסדרוק אין דעם ווערק פון וויליאַם גאָדווין: „פּאָליטישע גערעכטיקייט", ווי אין די ווערק פון וויליאַם טאָמפּסאָן, דזשען גריין און אַנדערע. אַ גאַר גרויסע השפּעה האָט געהאַט אין ענגלאַנד ראָבערט אָווענס קאָמוניזם, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פרייע און אויטאָראַטיווע אידעען. אונטער זיין איינפלוס איז אַנטשטאַנען די טרייד־יוניאָן באַוועגונג, קאָאָפּעראַציע און די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן אין אַמעריקע, באַזונדערס אין די מזרח שטאַטן.

ראָבערט אָווען האָט אין אַמעריקע געגרינדעט אַ גרויסע קאָלאָניע (1825), אונטערן נאָמען: „די נייע האַרמאָניע". זי איז באַשטאַנען פון 800 מאַן און פאַרמאָגט אַ סך ערד. דער רעזולטאַט איז אָבער ניט געווען קיין גוטער. דאָן האָט דזשאָן יאָרדען פון באָסטאָן פאַרגעלייגט איינצופירן אין דער קאָלאָניע דעם פּרינציפּ פון סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף, ווי אויך דעם סיסטעם פון באַלוינען פאַר אַרבעט מיט פּראָדוקטן אַנשטאָט געלט. זיינע געדאַנקען האָט יאָרדען פּראָפּאַגאַנדירט אין דער ערשטער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן: .The Racceful Revolutignsit ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך: „די פּראַקטישע פּרטים פון אַ גערעכטער פונאַנדערטיילונג פון פּראָדוקטן". די אַנאַרכיסטישע אידעאַלן פון יאָרדענען האָבן שפּעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַרשפּרייט ענדריוסאַ וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע אַנאַרכיסטישע



**וויליאַם גאָדווין**

ווערק. די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציע האָט דאָרט געפירט: ליזאַרד ספּינער, וו. גרין, עזרא כעוויד, מאָזעס און ליליאַן כאַרמאַן. די וויכטיקסטע אַנאַרכיסטישע טעטיקייט האָט אָנגעפירט ב. טאקער וואָס איז געווען אַ שרייבער, איבערזעצער און רעדאַקטאָר פון דער דערשינענער צייטשריפט: The Radical Review און Liberty וואָס איז דערשינען אין באָסטאָן (1881) און שפּעטער אין ניו יאָרק (1807) טאקערס אַנאַרכיזם איז געווען פון אינדיווידואַליסטישן כאַראַקטער, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם קאָנסטרוקטיוון, קאָלעק־טיוויסטישן און פּיאָנערישן אַנאַרכיזם פון דזשאָן יאָרדען און דערמיט זיך איזאָלירט פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג און פאַרלוירן זיינע איינפלוסן.

דער אַמעריקאַנער אַנאַרכיזם וואָס האָט אָנגענומען אַ קאָלעק־טיוויסטישן כאַראַקטער האָט שטאַרק זיך אַנטוויקלט און אויסגע־

וואקסן אַ דאַנק דעם גרויסן אימיגראַנטן שטראָם פון איטאַליע. דורך ענגלאַנד איז אויך אָנגעקומען אַ גרויסער שטראָם יידישע עמיגראַנטן פון צאַרישן רוסלאַנד וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די איטאַליענישע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג. די יידישע אַנאַרכיסטישע צייטונג „פרייע אַרבעטער שטימע" וואָס האָט עקזיסטירט 87 יאָר האָט דערצויגן אַן אידעאישן דור פון יידישע אַנאַרכיסטן ווי אויך אַ יידישע אינטעליגענץ, קולטור־טוער און שרייבער.

דער אַנאַרכיזם האָט אין אַמעריקע געהאַט איר העראָישע תקופה אַרום דעם קאַמף פאַר אַן 8 שעהדיקן אַרבעטסטאָג וואָס האָט דערפירט צום פאַרמשפּטן צום טויט זעקס אַנאַרכיסטן, די העי־מאַרקעט מאַרטירערס. אויך דער אַטענטאַט פון בערקמאַנען אויף פריקערן, וואָס האָט געהאַט אויף זיין געוויסן דאָס בלוט פון דערשאָסענע אַרבעטער, אויך פרויען און קינדער. נאָך שפּעטער דער יוסטיץ־מאָרד איבער די צוויי איטאַליענישע אַנאַרכיסטן סאַקאָ און וואַנצעטי. דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ שטאַרקן שווונג דער אַנאַרכיסטישע באַוועגונג וואָס האָט אויך געהאַט אירע גרויסע פּער־זענלעכקייטן ווי: מאָסט, עמאַ גאָלדמאַן, בערקמאַן, וואָלטיערן דע קלעיר און איז געווען רייך מיט אַקטיוויסטן, פאַרמאָגט צענדליקע צייטונגען און צייטשריפטן אין די פאַרשידנסטע שפּראַכן. וועגן דער אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איז אַ סך געשריבן געוואָרן, געשיכטע און זכרונות. אין דער לעצטער צייט האָט דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער פּראָפעסאָר פּאָול אַוורישט צוגעשטעלט וויכטיקע היסטאָרישע ביכער וועגן דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער אַנאַרכיזם. דער ערשטער באַנד איז געווען: „אַן אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטקע: וואָלטערין דע קלעיר" און דער צווייטער באַנד: „די מאָדערנע שול־באַוועגונג: אַנאַרכיזם און דערציאונג אין די פאַרייניקטע שטאַטן".

אין אייראָפּע האָט דאָס פאַלן פון דער פּאַריזער קאָמונע גע־ברענגט צו אַ פאַרשטאַרקונג פון אויטאָריטיוון סאָציאַליזם אין פאָרם פון מאַרקסיזם. כאָטש מאַרקס האָט אויך אָנערקענט אַז אין אַ קלאַסנלאָזע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועט ניט זיין קיין אָרט



**פיער פרודאָן**

פאַר קיין מלוכה־סיסטעם (די מלוכה וועט „אָפּשטאַרבן", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט), דאָך האָט מאַרקס אָנערקענט די צייטווייליקע נויטווענדיקייט פון אַ „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט", אַלס געצייג צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די קעגנערישע קלאַסן. מאַרקס און ענגעלס האָבן אין דער מלוכה געזען אַ מכשיר פון יעדן הערשנ־ריקן קלאַס, וואָס דריקט אונטער די אַנדערע קלאַסן. דער מאַרקסיזם האָט אָבער קיינמאָל ניט קלאָר געענטפערט וואָס איז אַזוינס די מלוכה, ווער זענען אייגנטלעך די הערשער  לויט מאַרקסן איז די געשיכטע, אַ געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף, ווי יעדער קלאַס שטרעבט צו דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט.

די געשיכטלעכע דערפאַרונג האָט קיינמאָל ניט באַשטעטיקט מאַרקסנס טעאָריע. די געשיכטע ווייסט ניט בלויז פון מלחמות צווישן קלאַסן, נאָר אויך פון מלחמות צווישן פעלקער, נאַציאָנאַלע און

רעליגיעזע מלחמות. פון מלחמות צווישן קליקעס, דינאַסטיעס, אַפּילו אין זעלבן קלאַס. פון די עלטסטע צייטן האָט אין אַלע לענדער געהערשט אַן אָליגאַרכיע. אין די פעאָדאַלע צייטן איז די אָליגאַרכיע ניט אַרויסגעוואַקסן פון אַ קלאַס, נאָר פאַרקערט, די הערשנדיקע אָליגאַרכיע, די קעניגלעכע דינאַסטיע האָט צעטיילט ערד, פּריווי־לעגיעס צו זייערע נאָענטע, פון וועלכע ס׳איז אַרויסגעוואַקסן די אַריסטאָקראַטיע, די פעאָדאַלן אַלס קלאַס. די פראַנצויזישע רעוואָ־לוציע האָט געמאַכט דאָס פאַלק, אָבער די נייע הערשער האָבן אויפ־געשטעלט די בורזשואַזיע אַלס אויבערשטן קלאַס, שענקנדיק אים גרויסע פּריווילעגיע און רעכטן. געבליבן ביי דער מאַכט איז די אָליגאַרכיע, וואָס האָט געשטיצט די בורזשואַזיע און די בורזשואַזיע האָט געשטיצט די אָליגאַרכיע.

אין קיין שום צייט הערשט ניט קיין קלאַס שטענדיק הערשט די אָלעגאַרכיע. די אָלעגאַרכיע קען זיך טוישן אָבער זי לאָזט קיינ־מאָל ניט אַרויס די מאַכט פון אירע הענט. אין זיין בוך „די רוימישע רעוואָלוציע״ זאָגט דער ענגלישער היסטאָריקער רונאַלד סיים די דאָזיקע ווערטער: „תמיד האָט עקזיסטירט אַן אָליגאַרכיע און זי עקזיסטירט אויך היינט״. לעניין האָט מיט זיינע „פּראָפּעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן״ נאָכן צעשמעטערן די צאַרישע אָליגאַרכיע אויפ־געשטעלט אַן אייגענע, אַ באָלשעוויסטישע אָליגאַרכיע, וועמענס מעטאָדן זענען די זעלבע.

יעדע אָליגאַרכיע שאַפט זיך אַ געצייג פון הערשאַפט, דאָס איז: די אַרמיי, פּאָליציי און ביוראָקראַטיע, פון אָנהייב האָבן די הערשער פאַרכאַפּט די מאַכט מיט דער הילף פון געדונגענע און באַצאָלטע זעלנער, היינט האַלטן זיי איין זייער מאַכט מיט דער הילף פון מאָביליזירטע. די מאַכט האָט אַלזאָ עקזיסטירט פאַר די קלאַסן. זי האָט געהאָלפן דאָס אויסקריסטאַליזירן זיך פון קלאַסן.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָבער אויך אַרונטערגעריסן דעם אויטאָריטעט פון דער מאַכט. עס זענען געבוירן געוואָרן געוואַגטע סאָציאַלע געדאַנקען. מאַכט איז מער ניט באַטראַכט גע־וואָרן פאַר אַ הייליקייט וואָס קען ניט אָפּגעשאַפט ווערן. די פראַנ־

צוויזישע רעוואָלוציע האָט אויך געבוירן די אידעאַלן פון סאָציאַליזם פון אַלע אירע שטרעמונגען.

אין דייטשלאַנד האָט דער מאַרקסיזם באַקומען אַ גרויסן איינפלוס. די דייטשן וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין רעוואָלוציעס האָבן געגרן אָנגענומען מאַרקסנס פילאָזאָפיע, אַז דעם קאַפּיטאַליזם וואָס מער ער אַנטוויקלט זיך אַלץ מער גראָבט ער אַליין פאַר זיך אַ גרוב. די עקאָנאָמישע פּראָצעס דערפירן צום אונטערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם. דער מענטשלעכער ווילן שפּילט דאָ אַ קליינע ראָלע. אויך די מלוכה איז ניט נויטיק צו שטורמען, זי וועט אַליין „פון זיך אָפּשטאַרבן״. סאָציאַליזם איז לויט דעם מאַרקסיזם אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט און יעדע קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט און איניציאַטיוו פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם איז דורך די מאַרקסיסטן פאַרשריגן געוואָרן אַלס אוטאָפּיע.

פון דער צווייטער זייט זענען די איינפלוסן פון פּרודאָנען געווען גאָר שטאַרקע אין די לאַטיינישע לענדער. אין יאָר 1854 האָט דער יונגער קאַטאַליאַנער פ. מאַרגאַן פאַרעפנטלעכט זיין בוך: „רעאַקציע און רעוואָלוציע״, ווי ער האָט פאַרטיידיקט די סוווערענע רעכט פונעם יחיד און גערופן די פּאָליטישע מאַכט צו פאַרטווישן אויף אויטאָנאָמע פעדעראַציעס, ווי אַ באַזיס פאַר אַ נייער סאָציאַלער געזעלשאַפט. די באַדייטונג פון דאָזיקן ווערק ווערט געשטעלט אויף איין הויך מיט די דריי וויכטיקסטע ווערק פון די 50קער יאָרן ווי: הערבערט ספּענצערס „סאָציאַלע סטאַטיק״, פּ. ענדריוסאָ „די לערע וועגן געזעלשאַפט״ און פּרודאָנס „די אַלגעמיינע אידעע פון דער רעוואָלוציע פון 19טן יאָרהונדערט״. די דאָזיקע דריי ביכער האָבן עס געלייגט דעם טעאָרעטישן גרונטשטיין פאַרן מאָדערנעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט באַקומען אַ גרויסע השפּעה דער רעליגיעזער אַנאַרכיזם (טאָלסטאָיאַנער) פונעם גרויסן רוסישן שרייבער לעוו טאָלסטאָי. אָבער אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט אָנגעהויבן שפּילן דער גרויסער אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער, רעוואָלוציאָנער און אָרגאַניזאַטאָר מיכאַיל באַקונין. מיט אים הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין אַנאַרכיסטישן דענקען און טעטיקייט.

## 5. מיכאַיל באַקונין

דאָס דערשיינען פון אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי באַקונין האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פאָרויס אין דער אַנטוויקלונג פון אַנאַרכיזם. עס איז געווען אַ צייט ווען אין די אייראָפּעישע לענדער איז די לאַגע פון די אַרבעטער געווען אַ גאָר שלעכטע. די קאַפּיטאַליסטן האָבן באַמיט זיך וואָס מער אויסצונוצן און וואָס ביליקער באַלוינען פאַר אַרבעט. די רעגירונגען, שטייענדיק אויף דער זייט פון די קאַפּיטאַליסטן, האָבן ניט געמאַכט די מינדסטע באַמיאונגען צו לינדערן די מאַטעריעלע נויטן פון די אַרבעטער. האָט טאַקע דער פרידלעכער וועג צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער ניט געהאַט קיין שום דערפאָלג. די אויטאָריטאַטיווע סאָציאַליסטן ווי: באַבעף, בוינאַראַטי, בלאַנקי, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן פּוטשן מיטן ציל צו דעראָבערן די מאַכט, זענען דורכגעפאַלן, אָבער אויך די פרידלעכע מיטלען מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די אַנאַרכיסטן מיט פּרודאָנען זענען, נאָכן בלוט־באַד איבער די אַרבעטער אין 48־טן יאָר, מער ניט געווען צוגעפּאַסט צו דעם גייסט פון דער צייט. דאַן האָט אַזאַ דינאַמישער כוח מיט אַזאַ טעאָרעטישן באַגאַזש און מיט רעוואָלוציאָנערן ווילן ווי באַקונין, זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער אייראָפּעישער אַרבעטערשאַפט און אָנגעפירט מיט זייער רעוואָלוציאָנערן טאַט. דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק האָט דאַן אַלץ שטאַרקער באַהערשט די מוחות פון די אונטערדריקטע, כמעט אין אַלע אייראָפּעישע לענדער.

אין פראַנקרייך האָט זיך אין דער צייט צעבליט דער אַנאַרכיזם אָננעמענדיק אַ שטאַרק מיליטאַנטישן כאַראַקטער. דער ביז דאַן אומבאַקאַנטער קינסטלער און דעקאָראַטאָר זשאָזעף זשעקאַ איז געוואָרן אַ געוואַגטער קעמפער, געווען אַ לאַנגע צייט פאַרשפּאַרט אין טורמע. זיינע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זיין בוך: „רעוואָלוציאָנערע פּראָבלעמען״. (1863) אויך אין זיין ווערק: „די מענטשלעכע וועלט, אַנאַרכיסטישע אוטאָפּיע״, ווי אויך אין דער צייטונג „ליבערטיער״, וואָס איז שפּעטער דערשינען אין ניו יאָרק (1858—1861). די 27 נומערן פון אָט דער

צייטונג געהערן צו די וויכטיקסטע אַנאַרכיסטישע אויסגאַבן. אַ צווייטער אַנאַרכיסטישער אַקטיוויסט אין פראַנקרייך אין דעם פּעריאָד איז געווען ערנסט קערדעריאַ פון בורגונדיע, אַ זון פון אַ מעדיצין דאָקטאָר און אַליין אַ מעדיצין דאָקטאָר, האָט געאַרבעט אין אַ גרויסן שפּיטאָל אין צענטער פון פּאַריז וווּהין מען האָט געבערענגט די פאַרוווּנדעטע פון די באַריקאַדן־קאַמפן אין 48 יאָר. קערדעריאַ איז געווען אַקטיוו ביים פאַרטיידיקן די רעפּובליק קעגן דעם באָנאַפּאַר־טיסטישן פּוטש און אָנטיילגענומען אין אויפשטאַנד פון 49סטן יאָר און איז דערפאַר פאַרשיקט געוואָרן. ער האָט שפּעטער אויף עמי־גראַציע פאַרעפנטלעכט אַנאַרכיסטישע בראָשורן. אין זיינע בראָשורן: „די קאָזאַקישע רעוואָלוציע" און „סאָציאַלע איבעראַנדערשונג", האָט ער שאַרף קריטיקירט די סאָציאַלע פאַרשקלאַפונג און אַרויס־געבראַכט זיינע מיליטאַנטישע אַנאַרכיסטישע געדאַנקען. אין 1841 האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער אַנאַרכיסטישער אָרגאַן: „הומאַ־ניטע" און איז גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרן פון דער מאַכט. ערשט אין 1845 איז דערשינען נאָך אַ נומער, דער רעדאַקטאָר איז געווען דער אָנהענגער פון פוריען פּאַמפּערי, וואָס איז איבערגעגאַנגען צום אַנאַרכיזם. אַן ערשט־קלאַסיקע אַרבעט וועגן אַנאַרכיזם האָט אָנ־געשריבן מ. געסט „סאָציאַליזם און אַנאַרכיע" און „פילאָזאָפיע פון טעטיקייט". אַ סך אַנדערע אַנאַרכיסטישע ווערק פון יענער צייט זענען פאַרגעסן געוואָרן. די בולטסטע אַקטיוויסטן ווי: זשאַן זשאַזעף מעי. זש. שאַראוועי, פּאַזש זענען שטאַרק גערודפט געוואָרן פון דער מאַכט און זש. מעי איז געשטאָרבן אויף פאַרשיקונג אין טראָפּישן אַפריקע. אַ גרויסע ראָלע האָבן געשפּילט ביידע ברידער עליזע און עלי רעקלי, ביידע באַדייטנדיקע געלערנטע, באַזונדער עליזע וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער אַנאַרכיסטישער אידעע. אין דער צייט איז „דער מלאך פון דער פּאַריזער קאָמונע" לואיזע מישעל געווען אויף פאַרשיקונג אין ניי קאַלעדאָניע. זי וואָס האָט אירע אַנאַרכיסטישע איבערצייגונג דערלאַנגט אויף די פּאַריזער באַריקאַדן האָט אויף דער פאַרשיקונג געזאָגט וועגן זיך: „איך האָב איינגעזען אַז יעדע מין מאַכט, ניט קיין חילוק פון וואָספאַראַ כאַראַקטער זי איז מוז זיך פאַרוואַנדלען אין אַ קללה. דעריבער

בין איך אַן אָנהענגערין פון אַנאַרכיזם״. און אַן אַנאַרכיסטקע איז זי געבליבן איר גאַנץ לעבן, אַריינשרייבנדיק שיינע בלעטער אין איר אַנאַרכיסטישער טעטיקייט.

אָבער ניט נאָר אין פראַנקרייך נאָר אין גאַנץ אייראָפּע האָט דער אַנאַרכיזם, שפּאַנענדיק מיטן גייסט פון דער צייט, געטראָגן אַ מיליטאַנטישן כאַראַקטער, ווייל דאָס איז געווען אַ צייט פון גרויסער רעאַקציע און שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער ווילן פון די אונטערדריקטע מאַסן. און באַקונין, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנער איז געווען טעטיק אין אַלע אייראָפּעישע לענדער, מיט זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט און אָרגאַניזאַציאָנעלן טאַלאַנט. באַקונינס אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט איז די בעסטע אָפּלייקענונג פון דער פאַלשער איינרעדעניש, אַז אַנאַרכיזם אָנערקענט ניט קיין אָרגאַניזאַציע. אַוודאי האָט דער צושטאַנד פון פאַרפאָלגונגען געשטערט גאַנצע גענעראַציעס פון אַנאַרכיסטן צו פירן נאָרמאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט, דערפון איז געבוירן געוואָרן דער פאַלשער באַגריף. אויך ביי אַ טייל אַנאַרכיסטן, וועלכע נעגירן יעדע אָרגאַניזאַציאָנאַלע פאָרם פון טעטיקייט, דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער קאָנגרעס אין אַמסטערדאַם (1907). האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאַלשע מיינונג פון די עקסטרעמע אינדיווידואַליסטן וועמענס אַרגומענט איז געווען, אַז די אָרגאַניזאַציע־פאָרם, וואָס האָט צעפּוילט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קען אויך קאָרומפּירן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. דער קאָנגרעס איז אָבער אַרויס פון דער הנחה אַז אַן אָרגאַניזאַציע איז ניט מעגלעך צו ענדערן די אַלטע אָרדענונג אויף אַ נייע. די פראַגע וואָס שטעלט זיך, איז — וואָס פאַראַ אָרגאַניזאַציע? באַקונינס אָנהענגער האָבן געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערן טיפּ פון אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען הימל־ווייט פון די מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציעס. זי אָנערקענט ניט קיין בלינדן אונטערוואַרפן זיך פון אַ מינדערהייט צו אַ מערהייט, ווייל עס איז קיינמאָל ניט באַוויזן געוואָרן, אַז די מערהייט איז שטענדיק גערעכט. דעריבער דאַרף יעדע מינדערהייט גענישן פון טאָלעראַנץ, קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און צוזאַמענאַרבעט פאַר געמיינזאַמע טעטיקייט און פּראָפּאַגאַנדע. דער טיפּ פון אָרגאַ־



**עליזע רעקלי**

ניזאַציע אָן צענטראַל־קאָמיטעטן, געבויט פון אונטן אַרויף און ניט פאַרקערט, ווי אין די מאַרקסיסטישע פאַרטייען האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. די איטאַליענישע און פראַנצויזישע אַנאַרכיסטישע פעדעראַציעס זענען אין באַקונינס צייטן געווען זייער שטאַרק. די שפאַנישע פעדעראַציע אַליין האָט דאַן געציילט 811 סעקציעס מיט 75 טויזנט מיטגלידער, כאָטש זי האָט ניט פאַרמאָגט קיין צענטראַלע אינסטאַנצן, קיין הערארכיע, קיין ביוראָקראַטיע. אַלע טעטיקייטן זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך אידעישער פרייוויליקייט. דער פעדעראַטיווער סיסטעם האָט ניט דערלאָזט דעם אַנאַרכיזם זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרטיי־אַפּאַראַט פון פראָפעסיאָנעלע עסקנים. אַזאַ סאָרט אָרגאַניזאַציע, האָט שפּעטער גערישנט די סינדיקאַליסטישע באַוועגונג, אָן פּאָליטביוראָס, אָן פאַרטיי־שטאַבן, אָן נאָמינירטע פאָרשטייער, נאָר דירעקט געוויילטע, דאָס איז די

דירעקטע און ניט געפעלשטע דעמאָקראַטיע, וואָס דערלויבט ניט צו קאָרומפּירן די באַוועגונג און ניט פאַרקריפּלען דער אידעע. דער אַנאַרכיזם אַנערקענט די וויכטיקייט פון אָרגאַניזאַציע, ווייל עס איז ווייניק צו האָבן אַ ריכטיקן געדאַנק, מען דאַרף אים אויך קענען פּראָפּאַגאַנדירן און פאַרווירקלעכן.

שוין פּרודאָן און זיינע אַנהענגער האָבן אין יאָר 1849 פּלאַנירט צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפט, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע פרייע מענטשן אין איין אינטערנאַציאָנאַל. די רעאַקציע אין איראָפּע און דאָס וואָס פּרודאָן איז ניט געווען קיין אָרגאַניזאַטאָר האָט צעשטערט זיין פּלאַן. דערפאַר האָט באַקונין. נאָכדעם וואָס ער איז פאַר זיין אַנטייל אין דרעזנער אויפשטאַנד אין דייטשלאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער צאַרישער מאַכט און נאָכדעם, ווי אים איז געלונגען צו אַנטלויפן פון סיבירער פאַרשיקונג, האָט גלייך צוריקקומענדיק קיין איראָפּע, אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעוואַנדערט אַ ביסל לענדער, גרינדעט ער אין איטאַליע, אין 1864 די אָרגאַניזאַציע „אונטערנאַציאָנאַלע ברודערשאַפט" צו וועלכע עס שטייען צו די אָרגאַניזאַציעס פון: פראַנקרייך, שפּאַניע, פּוילן און שווייץ. דער פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע, איז געווען: אָפּשאַפן די קירכע, באַפרייען די געזעלשאַפט פון יעדע צוואַנג פון די צענטראַלע אינ־סטיטוציעס, די נייע אָרדענונג דאַרף זיך שטיצן אויפן פּרינציפּ פון פרייע אַסאָציאַציעס און פעדעראַציעס. אָפּשאַפן די הערשאַפט, ביוראָקראַטיע, פּאָליציי און סטאַבילע מיליטער און פאַר אַבסאָלוטע גלייכהייט פון געשלעכטער.

קורץ נאָך דעם „אינטערנאַציאָנאַלן ברידערשאַפט" אין סעפּ־טעמבער 1864 שאַפט זיך אין לאָנדאָן די „אינטערנאַציאָנאַלע אַר־בעטער אַסאָציאַציע" אונטער מאַרקס און ענגעלס אָנפירערשאַפט, צו וועלכן עס טרעט שפּעטער אויך צו באַקונין. אָבער צווישן אים און מאַרקסן הויבן זיך אָן אידעישע קאָנפליקטן. אין דער צייט האָט באַקונין און די אַנאַרכיסטן דעראָבערט גרויסע איינפלוסן אין די לאַטיינישע לענדער, ווי אויך אין בעלגיע, שווייץ און האָלאַנד. צו־

זאַמען דערמיט איז געוואַקסן זייער השפּעה אין דעם לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַל.

דער אידעישער אונטערשיד וואַקסט אויס נאָך שאַרפער, נאָך דער דערקלערונג פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", ווי עס זאָגט זיך אַז: „די גרויסע פליכט פון אַרבעטער־קלאַס איז דאָס דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט".

מיט דער דאָזיקער שטעלונג האָבן די אַנאַרכיסטן ניט געקענט פּשרה מאַכן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן אַז די רעגירונגען דאַרפן מער ניט זיין קיין הערשונגס־אַפּאַראַט נאָר זיך באַשרענקען בלויז אויף אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס פון עפנטלעכן דינסט און די מלוכות דאַרפן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פרייע פאַרייניקונג, אין אַ פרייען אינדוסטריעל־לאַנדווירטשאַפטלעכן יוניאָן. אין סעפּטעמבער 1868 אויף איר צווייטן קאָנגרעס, וואַרפט דער לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַל אָפּ, מיט אַ מערהייט, דעם אַנאַרכיסטישן פּראָגראַם און די אָנהענגער פון באַקונינען שאַפן אין 1868 דעם „אַליאַנס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס פון 1869 פון לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַל פאַרשאַרפט זיך דער קאָנפליקט צווישן די מאַרקסיסטן און אַנאַרכיסטן. פון 75 דעלעגאַטן שטימען 32 פאַר דער באַקוניסטישער רעזאָלוציע. די אַנאַרכיסטן וואַרפן פאַר די מאַרקסיסטן, אַז פון איין זייט רעדן זיי וועגן אָפּשטאַרבן פון דער מלוכה און צוזאַמען דערמיט רופן זיי איבערצונעמען די צענטראַליסטישע פּאָליטישע מאַכט צוזאַמען מיט דער פּראָדוקציע־מיטלען. די מאַרקסיסטן וואַרפן פאַר די אַנאַרכיסטן זייער סתירה צווישן אומבאַשרענקטער פרייהייט און קאָלעקטיווער געזעלשאַפטלעכער אייגנטום. אין דער אמתן איז דאָ ניטאָ קיין שום סתירה, ווייל די פרייהייט קען מען גראָד דערגרייכן אין קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן פון געמיינזאַמע אַרבעט און געמיינזאַמען אייגנטום.

דער אידעאָלאָגישער שטרייט מיט די מאַרקסיסטן רעגט אָן באַקונינען אָנצושרייבן אַ גאַנצע רייע ווערק, ווי: „מלוכה און אַנאַרכיע" (1873), „גאָט און מלוכה". אַנטיטעאָלאָגיזם", „געטלעכער פאַנאַטיזם" און „פּרינציפּן פון מלוכהשקייט".

אין די דאָזיקע אַרבעטן שטעלט באַקונין זיך אַנטקעגן דעם

דייטשן „קאַזאַרמע גייסט״, וואָס טראָגט זיך פון דער דייטשער פי־לאָזאָפיע, ווי פון דייטשן סאָציאַליזם, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן קולט צו דער מלוכה, צו פּאָליטישן אויטאָריטעט, צום מיליטאַריזם. ער שרייבט: „דער דייטשער גייסט נויטיקט זיך ניט אין פרייהייט און קען זיך ניט פאָרשטעלן אַ לעבן אָן מאַכט, אָן אַן אויבערשטן ווילן, אויבערשטן געדאַנק און אייזערנער האַנט. וואָס שטאַרקער די האַנט אַלץ איז זייער לעבן פריילעכער״. פון אָט דעם גייסט איז אויסגעוואַקסן דער מאַרקסיזם.

ווייטער האָט באַקונין, שוין, מיט הונדערט יאָר צוריק געשריבן, אַז: „נעכטיקע אַרבעטער קומענדיק צו דער מאַכט וועלן קוקן אויף פּשוטע אַרבעטער אַראָפּ פון זייער מלוכהשער הויך. זיי וועלן מיט זיך ניט פאָרשטעלן דאָס פאָלק, נאָר וועלן זיין פול מיט פּרעטענסיעס אויף קאָמאַנדעווען איבערן פאָלק. ווער עס צווייפלט אין דעם איז ווייניק באַקאַנט מיטן מענטשלעכן כאַראַקטער״. און ווייטער זאָגט ער: „זיי די מאַרקסיסטן שטעלן פעסט, אַז די דיק־טאַטור (פאַרשטייט זיך זייער דיקטאַטור), קאָן באַפרייען די פאָלקס־מאַסן און מיר ענטפערן — קיין שום דיקטאַטור האָט ניט קיין אַנדערן ציל חוץ זיך זעלבסט צו פאַראייביקן. פרייהייט קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך פרייהייט״. ווי אַנדערש קלינגט דאָס וואָס לענין האָט דערקלערט נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט — „כדי צו דערגרייכן פולשטענדיקע פרייהייט מוז מען צייטווייליק באַשרענקען די פרייהייט״.

ביי אַזעלכע מיינונג־פאַרשידנקייטן האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ פשרה. און ווען מאַרקס האָט געזען די געפאַר, אַז די אַנאַרכיסטן וועלן באַהערשן דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער איבערגעטראָגן דעם אינטערנאַציאָנאַל קיין אַמעריקע, ווי ער איז לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבן.

דער צענטראַלער קאָנפליקט צווישן אַנאַרכיזם און מאַרקסיזם איז געווען און געבליבן די באַציאונג צו מלוכה און מאַכט. די מאַרקסיסטן באַמיען זיך צו דערווייזן, אַז דאָס אַנטשטיין פון נאַ־ציאָנאַלע מלוכות איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט, וואָס האָט אַ שטייגער געטאָן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון די פעל־

קער. דאָס איז אָבער נאָר אַ האַלבער אמת. ווייל מיטן אַנטשטיין פון די נאַציאָנאַלע מדינות איז אויך געוואַקסן די קאָנפליקטן צווישן די מדינות, די מלחמות פאַר גרענעצן און טעריטאָריעס, האָט דער־פירט געוויסע מדינות צו ווירטשאַפטלעכע, גייסטיקע און מאָראַליש־קולטורעלע פאַרוויסטונגען און קאַטאַסטראָפעס. דער אמתער אויפ־בלי פון דער ווירטשאַפט איז גראָד געווען אין איטאַליע נאָכן אונטערגאַנג פון דער מעכטיקער רוימישער אימפעריע, אין איי־ראָפּע נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַקאַנט אין דער געשיכטע ווי דער „אויפשטאַנד פון די געמיינדעס”, וואָס האָט באַגרענעצט דעם ווילקיר פון די פעאָדאַלע הערשער און דעראָבערט די אומאָפּהענגיקייט פון די שטעט. באַפרייענדיק זיך פון דער הערשאַפט פון די פעאָדאַלן האָט פון 9 ביזן 15 י. ה. געבליט די ווירטשאַפט אין די פרייע שטעט פון אייראָפּע.

די דאָזיקע פריי מיטלאַלטערלעכע געמיינדעס, וואָס זענען דאָן ניט אונטערגעליגן קיין שום צענטראַלער מאַכט, האָבן טאַקע פאַר־לייגט אַ נעץ פון פרייע ברידערשאַפטן, קירכלעכע, רעליגיעזע, שטאָטישע און ווירטשאַפטלעכע קאָלעקטיוון אין וועלכע אירע מיטגלידער האָבן גענאָסן פון גרויסע פרייהייטן. די דאָזיקע פרייע שטעט האָבן זיך זעלבסט פאַרוואַלטעט און דערפאַר ניט געוווּסט פון הערשונג־טענדענצן אויך ניט פון סאָציאַלע נויטן און שאַרפע קלאַסן־אַנטאַגאָניזמען. עס האָט דאָן עקזיסטירט אַן אינערלעכע איינִיקייט, סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקע הילף. די פרייע קאָלעק־טיוון האָבן ניט געזאַמלט קיין אוצרות נאָר פּראָדוצירט לויט די באַדערפענישן פון אירע מיטגלידער.

פון 16טן און 17טן י. ה. האָט זיך אין די פרייע שטעט אַנטוויקלט די נייע אינדוסטרי פון אייראָפּע. דאָ זענען אַנטשטאַנען די ערשטע אוניווערסיטעטן און פרייע שולע. דאָ האָט געלעבט גאַלילײ, דער גרויסער אַסטראָנאָם און אַנדערע געלערנטע און געבליט האָט די קונסט.

דאָס האָט עקזיסטירט ביז די אַנטדעקונגען פון נייע קאָנטינענטן האָבן אַנטוויקלט אַ צווישן־קאָנטינענטאַלן האַנדל, וואָס האָט זיך געניויטיקט אין אַ שטאַרקע מאַכט, מיט מיליטערישע כוחות, וואָס

זאָל די האַנדלס־שיפן באַשיצן פון ים־פּיראַטן און קאָנקורענטן. אויך די שפּאַלטונג פון דער קירך האָט געבוירן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע אין אייראָפּע. די אַנטשטייאונג פון נאַציאָנאַלע רעגירונגען צוזאַמען מיטן וווקס פון קאָמערציעלן קאַפּיטאַל, מיט אויסברייטערן זיך פון דער מאָני־טאַרע־ווירטשאַפט, האָט געבוירן די קאָנקורענץ צווישן מדינות, געבוירן צווישן־מלוכהשע קאָנפליקט, געשטאַרקט דעם מיליטאַ־ריזם, אַרויסגערופן מלחמות און אינערלעכע סאָציאַלע אויפטרייס־לונגען. עס האָט אַ סוף גענומען צו די פרייע שטעט, ס'איז אויס־געוואַקסן אַ נייער פאַרשקלאַפטער קלאַס — דער לוין־אַרבעטער. אויפן אָרט פון קעגנזייטיקער הילף איז אויסגעוואַקסן אַ ווילדע עקספּלאָאַטאַציע.

אַלע סאָציאַלע קאַמפן און פאָלקס־רעוואָלוציעס, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין אייראָפּע פון 12טן י. ה. זענען געווען געוואָנדן קעגן לייב־אייגנטום. קעגן אַט דעם מילדער פאָרם פון דער אַלטער שקלאַ־פעריי. דער ציל פון יעדער רעוואָלוציע איז געווען צו באַפרייען דעם שטאָט־מענטש און דעם פויער פון געצוווּנגענער אַרבעט ד. ה. אַראָפּוואַרפן פון זיך די פליכט צו אַרבעטן פאַר דעם אָדער אַנדערן הער און האָבן די רעכט איבער זיין אייגענעם פּערזאָן, ער זאָל קענען אַרבעטן וואָס ער וויל און וויפל ער וויל. דאָס איז געווען אין דער צייט פון די גרויסע רעוואָלטן פון די שטאָט־קאָמונעס אין 12טן י.ה. פון די פויערים קעגן די פריצים. און אין 16—15טן י. ה. אין בעמען, דייטשלאַנד, האָלאַנד און בעלגיע. דאָס איז געווען דער ציל פון דער ענגלישער רעוואָלוציע אין 1649 און פון די פראַנצויזישע רע־וואָלוציעס אין 1948.

דער דאָזיקער ציל איז טיילווייז דערגרייכט געוואָרן, דעם מענטש איז געלונגען אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די פּערזענלעכע און קערפּער־לעכע שקלאַפעריי. ער האָט דעראָבערט זיינע פּערזענלעכע רעכטן אָבער דער עקאָנאָמישע נויט און דער הונגער האָט פּאַראַליזירט די דאָזיקע פרייהייטן און געשמידט דעם מענטש אין נייע קייטן, וואָס האָבן געצוווּנגען דעם אַרבעטער און פויער צו פאַרקויפן זיין פריי־הייט צו אַ פאַבריקאַנט אָדער פריץ. צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער

פאַרשקלאַפונג איז דער מענטש געבליבן אויך פאַרשקלאַפט צו דער מלוכה־מאַכט.

דער אַנאַרכיזם שטייט פאַר אַ גרויסע שוועריקייט צו באַקעמפן דעם אַבערגלויבן, פון גרויסע שיכטן מענטשן, וועלכע אָנערקענען אַפילו די נעגאַטיווע זייטן פון דער מאַכט, קענען זיך אָבער ניט באַפרייען פון רעספעקטירן די מאַכט, ווייל זי פאַרטיידיקט כלומרשט די באַפעלקערונג, מיט איר מיליטער, קעגן אויסערלעכן שונא, ווי מיט איר פּאָליציי קעגן אינערלעכע פאַרברעכער. דער אמת איז, די מאַכט פאַרטיידיקט בלויז אירע מאַכט־אינטערעסן. יעדע מאַכט געפינט אויסערלעכע שונאים און איז דער גורם פון מלחמות. די מאַכט פאַרטיידיקט ניט קעגן פאַרברעכן, ווייל אין איר אָרגאַניזירטן כוח ליגט דער פאַרברעכערישער שטאָף פון פאַראייביקן די סאָציאַלע אונטערשיידן, דעם אומיושר, לוקסוס און אָרעמקייט, וואָס איז די מוטער פון אַלע פאַרברעכנס. יעדע מאַכט שאַפט פּריווילעגירטע שיכטן און רייסט אונטער די רעכטן פון פאָלק. יעדע מאַכט מוז אויסהאַלטן אַ מעכטיקע אומפּראָדוקטיווע ביוראָקראַטיע, מיליטער און פּאָליציי און די שטייערן ליגן ווי אַ גרויסע לאַסט אויפן פאָלק. יעדע מאַכט שטרעבט צו ווערן וואָס שטאַרקער, וואָס מער דיקטאַטאָריש און מוז דערפאַר זיך באַנוצן מיט ליגנס און דעמאַגאָגיע, וואָס קען אָפט יעדעס פאָלק דערפירן ביזן גרעסטן שאָוויניסטישן משוגעת. אַלע הערשונגס־סיסטעמען האָבן זייער אָפּשטאַם פון דער רעליגיע, פון וועמען זיי האָבן געירשנט דעם פאַנאַטיזם. אָבער אויך אַטעאיסטן קענען זיין פאַנאַטישע אָנהענגער פון דער מאַכט. אַזוי האָבן למשל, די אַטעאיסטישע יאַקובינער אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָנערקענט אַז עס איז ניטאָ קיין העכערע זאַך ווי די מלוכה. זיי האָבן גערעדט וועגן דער עקזיסטירנדיקע מאַכט מיטן זעלבן פאַנאַטיזם, ווי די קאַטאָליקן וועגן גאָט, אויך די באָלשעוויקעס זענען פאַנאַטישע אָנהענגער פון זייער אומענטשלעכער דיקטאַטור. און דאָך באַטש דער יחיד שטרעבט ווירקלעך צו אַ צושטאַנד פון פרייהייט, גלייכהייט און פּערזענלעכע רעכטן ציטערט ער פאַרן געדאַנק פון פאַרניכטן די מלוכה, ווי פאַר געדאַנק.

פון אייגענער פאַרניכטונג. דערפאַר צאָלט דער מענטש דער מאַכט דעם העכסטן שטייער פון אייגענער פאַרשקלאַפונג און אַפילו מיטן אייגענעם לעבן און וואַרפט זיך אין די אָרעמס פונעם מולך. דער מענטש באַצאָלט אַ טייערן פּרייז פאַר זיין צוגעבונדנקייט צו דער מלוכה־פאָרם.

דער אַנאַרכיזם אין זיין נעגאַציע צו מאַכט און מלוכה וואַרפט גאָר ניט אָפּ (ווי דאָס איז פאַרשפּרייט דער גלויבן), אַז יעדע קלענסטע אָרגאַניזאַציע, יעדעס דאָרף, יעדע שטאָט און יעדעס פאָלק דאַרף האָבן איר פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל רעגולירן דאָס לעבן. פון פאַרוואַלטן ביז רעגירן איז אָבער אַ קאָלאָסאַלער אונ־טערשיד. רעגירן באַדייט אָנוואַרפן פון אויבן און מיט כוח איר ווילן. פאַרוואַלטן באַדייט — אָרגאַניזירן דאָס לעבן, אין דעם נוצן און אינטערעסן פון די מענטשן. לויטן אַנאַרכיזם טאָר קיין פאַרוואַלטונג ניט באַזיצן וועלכן עס איז הערשונגס־כוח און ניט קיין פּריווילעגיעס. דערמיט ווערט פאַרמאַכט דער וועג פאַר קאַ־ריעריסטישע עלימענטן צו רייסן זיך נאָך מאַכט. פונקציאָנערן דאַרפן נאָר אויספירן טעכנישע אַרבעטן אָבער ניט האָבן קיין רעכטן צו באַשטימען. דערמיט וועט ליקווידירט ווערן די פּראָפעסיאָנעלע־עסקנים. געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט קען זיין נאָר אַ וואָלונטאַרע, ניט קיין באַצאָלטע.

## 6. דער וויכוח מיטן מאַרקסיזם

ווי מיר האָבן אין קורצן זיך באַקענט, ציט זיך די אַנטוויקלונג פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק, וועגן אַ געזעלשאַפט אָן מאַכט, אָן צוואַנג, פון די איסייאים אין ישראל דורך דער גריכישער פילאָ־זאָפיע, קריסטלעכע סעקטן. די ענציקלאָפּעדיסטן און הומאַניטאַרע פילאָזאָפן. אָבער אַמשאַרפסטן האָט זיך אויסקריסטאַליזירט דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק אין דער פּאָלעמיק מיטן מאַרקסיזם, וואָס האָט דערפירט צום ענטגילטיקן ריס צווישןביידע ריכטונגען אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער. דער אידעישער שטרייט אַרום דער

פראַגע פון שטאַט (מלוכה) איז ניט דער איינציקער, וואָס טיילט פאַנאַנדערביידע, אָבער דאָס איז דער וויכטיקסטער.

פון אָנהייב האָט מאַרקס און ענגעלס אָנגענומען די אַנאַרכיס־טישע קאָנצעפּציע אין באַציאונג צום שטאַט. ענגעלס האָט אין זיין: „די אָפּשטאַמונג פון פאַמיליע, פּריוואַט־אייגנטום און שטאַט", באַוויזן אַז די מלוכה איז געבוירן געוואָרן: „ווי אַ קראַפט וואָס זאָל אָפּשוואַכן די קעגנזאַצן צווישן די קלאַסן, נאָר די קראַפט וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דער געזעלשאַפט שטעלט זיך איבער דער געזעלשאַפט און ווערט אַלץ מער פאַרפרעמדט פון איר, אַט די קראַפט איז די מלוכה". פון אַט דעם ענגעלס פּסוק האָבן די אָפּאָר־טוניסטישע מאַרקסיסטן געמאַכט דעם אויספיר אַז די אויפגאַבע פון דער מלוכה איז צו מאַכן שלום צווישן די קלאַסן און דער רע־וואָלוציאָנערער לאַגער האָט דערפון געדרונגען אַז די מלוכה איז אַן אָרגאַן פון אונטערדריקן איין קלאַס דעם צווייטן קלאַס (ווי אויך מאַרקס האָט זיך אויסגעדריקט).

אָבער ענגעלס גייט ווייטער. אין זעלבן בוך שרייבט ער: „אַזוי זענען מיר אַז די מלוכה האָט ניט אייביק עקזיסטירט, אַז עס זענען געווען געזעלשאַפטן וועלכע זענען זיך באַגאַנגען אָן דער מלוכה און האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין אַנונג פון מלוכה׳שער מאַכט". און ווייטער: „ווען די קלאַסן וועלן פאַרשווינדן וועט אומפאַרמיידלעך פאַרשווינדן די מלוכה. די געזעלשאַפט,וואָס וועט אויף דאָס ניי אָרגאַניזירן די פּראָדוקציע אויף דעם יסוד פון גלייכע און פרייע פאַרבאַנדן פון פּראָדוצירערס, וועט משלח זיין די גאַנצע מלוכה׳שע מאַשין, ווי איר פּלאַץ וועט זיין: אין דעם מוזעאום פון אַנטיקן, און דאָרטן וועט זי ליגן אין איין רייע מיטן שפּינראָד און דעם בראָנ־זענעם האַק".

פון דעם געזאָגטן וואָלט מען באַדאַרפט ענגעלסן קרוינען פאַר איינעם פון די אַנאַרכיסטישע טעאָרעטיקער און אַזעלכע אַנאַרכיס־טישע געדאַנקען געפינט מען ניט וויניק ביי די פאָטערס פון מאַרק־סיזם. איז אָבער די מעשה, וואָס די מאַרקסיסטן זענען קיינמאָל ניט געווען קאָנסעקווענץ אין זייערע געדאַנקען און טעאָריעס און

דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט היינט האָבן זיי מאָרגן געזאָגט דאָס פאַרקערטע.

אַזוי למשל, זאָגט שוין מאַרקס אין זיין „אַנטי דירינג״: „דער פּראָלעטאַריאַט נעמט איבער די מלוכה׳שע מאַכט און פאַרוואַנדלט קודם כל די פּראָדוקציע־מיטלען אין מלוכה׳שער אייגנטום. אָבער דערמיט אַליין מאַכט ער אַ סוף צו די קלאַסן־קעגנזאַצן און מאַכט דערמיט אַ סוף צו דער מלוכה. פרעגט זיך: אויב צי ליקווידירן איז צו וואָס איבערנעמען די מאַכט? צווייטנס, אויב די מאַכט וועט איבערנעמען און קאָנצענטרירן אין אירע הענט אַלע פּראָדוקציע־מיטלען דאָן, וועט מען דאַך ניט קענען אָן איר זיך באַגיין. כדי אַרויס־צוקריגן זיך פון דעם ניט־לאָגישן פּלאָנטער האָט דער מאַרקסיזם זיך אָנגעכאַפּט אין אַ נייער טעאָריע. אויב עס וועט מער ניט זיין וועמען צו אונטערדריקן וועט די מאַכט פון זיך אַליין „אָפּשטאַרבן״. די דאָזיקע טעאָריע פון „אָפּשטאַרבן״ האָט מאַרקס געוואָנדן ספּע־ציעל קעגן די אַנאַרכיסטן, אונטערשטרייכנדיק אַז די מלוכה ווערט ניט „אָפּגעשאַפט״ נאָר „אָפּגעשטאָרבן״.

אין דעם „בירגער קריג אין פראַנקרייך״ רעדט שוין מאַרקס גאָר אַנאַרכיסטיש. דאָ באַווייזט ער אַז די פּאַריזער קאָמונע איז אייגנטלעך שוין ניט געווען קיין מלוכה, אין דעם אמתן זין פון וואָרט, און דאָ רעדט שוין מאַרקס ניט וועגן „אָפּשטאַרבן״, נאָר ווי די אַנאַרכיסטן, וועגן צעברעכן און צעקלאַפּן די מלוכה. לויט מאַרקסן איז די פּאַריזער קאָמונע געווען די העכסטע פאָרם פון דעמאָקראַטיע. דאָ איז דאָס מיליטער, פּאָליציי און מלוכה־אָנגע־שטעלטע ניט געשטאַנען איבערן פאָלק, נאָר זיך אונטערגעוואָרפן דעם ווילן פון פאָלק, וואָס האָט אויסגעוויילט אַפילו אירע ריכטער און אָנגעשטעלטע און געקענט זיי צו יעדער צייט צוריקרופן. די אַרמיי איז מער ניט געווען סטאַביל, די פּאָליציי — אַ פאָלקס־מיליץ. פון אַ גאַסן־קערער ביזן העכסטן אַמט אין דער קאָמונע האָבן באַקומען דעם זעלבן און גלייכן לוין. און דאָך רופט מאַרקס אָן אָט די העכסטע דעמאָקראַטיע אַלס — „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״. מיט דער קאָמונע האָבן דאָך אָנגעפירט די אָנהענגערס פון פּרודאָ־

נען, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן יעדע פאָרם פון דיקטאַטור. אפשר האָט מאַרקס בכלל ניט געהאַט קיין אַנונג וואָס מיינט דיקטאַטור? אָבער כדי ניט צו שרעקן קיינעם ענדיקט מאַרקס זיין בוך מיט די ווערטער: „ווילט איר וויסן וואָס ס'איז אַזוינס דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט גיט אַ קוק אויף דער פאַריזער קאָמונע". (ציטירט פון זכרון).

דערפאַר האָט לענין זייער גוט געוווּסט וואָס עס הייסט — דיקטאַטור. נאָכדעם ווי ער האָט איבער רוסלאַנד איינגעשטעלט זיין און די דיקטאַטור פון דער פּאָליט־ביוראָ האָט ער געשריבן: „דיקטאַטור איז אַ הויך וואָרט. הויכע ווערטער טאָר מען ניט באַנוצן אומזיסט. אַ דיקטאַטור הייסט אייזערנע מאַכט, אַ רעוואָ־לוציאָנערע, מוטיקע שנעלע און באַרמלאָזע אַנטשלאָסנהייט". אין זעלבן אַרטיקל („די איצטיקע אויפגאַבן פון דער סאָוויעטן רע־גירונג") קלאָגט זיך לענין אַז: „אונדזער מאַכט איז אָבער צו ווייך. זי איז מער ענדלעך צו איינגעמאַכטס ווי צו אייזן". דאָס הייסט דזשערדזשינסקיס טעראָר, די מאַסן דערשיסונגען און לויט לענינען געווען צו ווייך". און לענין לייגט פאָר אין זעלבן אַרטיקל אויך איינצופירן „געצוווּנגענע אַרבעטס־דינסט".

מען באַשולדיקט אָפט אַז דער מאַרקסיזם איז צעקאָליטשעט געוואָרן דורך אירע חסידים. אָבער דוכט זיך אַז דעם מאַרקסיזם האָט שוין צעקאָליטשעט, מאַרקס מיט ענגלעסן, וואָס איז פול מיט קעגנזעצלעכע געדאַנקען און טעאָריעס. אָט שרייבט מאַרקס אין זיין „אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע": „עס וועט מער ניט זיין קיין שום פּאָליטישע מאַכט, מחמת די פּאָליטישע מאַכט איז דער אָפּי־ציעלער אויסדרוק פון קלאַסן־קעגנזאַצן אין דער בורזשואַזער גע־זעלשאַפט? און דאָך שרייבט ער ווייטער: „דער פּראָלעטאַריאַט באַנוצט זיך מיט זיין פּאָליטישער הערשאַפט, כדי ער זאָל ביסלעכ־ווייז אָוועקנעמען ביי דער בורזשואַזיע דעם גאַנצן קאַפּיטאַל, **צענ־טראַליזירן** (אונטערגעשטראָכן — י. ל.) אַלע פּראָדוקציע־מיטלען אין די הענט פון דער מלוכה, וואָס אָרגאַניזירט אַלס הערשנדיקער פּראָלעטאַרישער קלאַס" (דאָס האָבן דאָך געטאָן די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד) אָבער דער סאָוויעטישער מאַכט חלומט זיך גאָר ניט

„אָפּצושטאַרבן״ נאָר וויל ווערן וואָס מעבטיקער, וואָס מער פאַרכאַפּערישער.

די ערשטע הערשער איבער פעלקער האָבן דערקלערט אַז זייער מאַכט קומט פון גאָט. די יאַקובינער מיט ראָבעספּיערן אין שפּיץ האָבן דערקלערט, אַז מאַכט קומט פון פאָלק און אין נאָמען פון פאָלק האָבן זיי געשיקט טויזנטער צו דער גילאָטינע. לויט די מאַרקסיסטן קומט מאַכט פון די קלאַסן. דאָס שטערט ניט צוויי מדי־נות פון איין קלאַס, פון דער זעלבער פּאַרטיי (כינע און ראַטנפאַר־באַנד) צושטיין איינער קעגן אַנדערן מיט הארמאַטן. די געשיכטע לערנט אונדז אַז יעדע מאַכט ווערט געבוירן פון כוח, פאַרכאַפּונג אָדער אינטריגעס. אַפילו די פּאַרלאַמענטן רופט מאַרקס אָן „פּלאַפּל־מאַשינען״ וואָס „איינמאָל אין דריי אָדער זעקס יאָר באַשליסט, וואָס פאַראַ פריץ פון הערשנדיקן קלאַס עס זאָל אין פּאַרלאַמענט פאַר־טרעטן און אונטערדריקן דאָס פאָלק״.

## 7. פּיאָטר קראָפּאָטקין

צווישן דער גרויסער צאָל אַנאַרכיסטישע דענקערס, איז קראָ־פּאָטקין געווען אַ לעגענדאַרע דערשיינונג. געשטאַמט פון דער העכסטער רוסישער אַריסטאָקראַטיע האָט ער זיין גאַנץ לעבן גע־ווידמעט די אָרעמע און דערנידריקטע. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט האָט ער אָנגעהויבן אין סוף פון די 70־קער יאָרן פון 19טן י. ה. ער האָט געהערט צו דער גרופּע טשייקאָווסקי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער באַקונינס איינפלוס. אַ טייל פון זיי האָבן געפונען זייער טויט אויפן עשאַפאָט, אַנדערע האָבן עמיגרירט. ביי קראָפּאָטקינען איז דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק רייף געוואָרן אין דער טורמע און זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען טעטיק פאַר באַרייכערן אָט די לערע און אירע איינפלוסן. אין זיין בראָשור „צו דער יוגנט״ (1880) ווי אין „דער גייסט פון בונט״ (1881) האָט ער גערופן אומצוּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג צוזאַמען מיט איר מלוכה־אַפּאַראַט פון אירע אינסטיטוציעס פון עקספּלאָאַטאַציע און הערשאַפט און

אויף איר אָרט איינפירן אַ פּריוואַטליקע פרייע געזעלשאַפט פון קאָ־לעקטיווער פּראָדוקציע און קאָנסומציע געשטיצט אויף זעלבסט־פאַרוואַלטונג אַנשטאָט הערשאַפט. די רעוואָלוציע האָט, לויט זיין מיינונג, דאַן אַ באַדייטונג ווען זי באַפרייט זיך פון דעם פעלער פון איבערגעבן איר גורל אין די הענט פון נייע פירערס.

אין זיין וויסנשאַפטלער ווערק: „קעגנזייטיקע הילף" שטעלט קראָפּאָטקין אַנטקעגן דעם וווּלגאַרן דאַרוויניזם, וואָס באַטראַכט די גאַנצע לעבעדיקע וועלט ווי איין גרויסן שלאַכט־פעלד צווישן אַלע לעבעדיקע מינים, דעם סאָציאַלן גורם פון קעגנזייטיקע הילף און סאָלידאַריטעט ביי חיות און מענטשן אין אַלע אַנטוויקלונג־סטאַדיעס. קראָפּאָטקין שטרייכט אונטער אַז אין דאַרווינס טעאָריע וועגן אָפּשטאַם פון מאָראַל־געפילן ביי מענטשן ווערט אַרויסגעבראַכט אַז שוין ביי די פּרימיטיווע פעלקער עקזיסטירט דער עטישער געפיל פון פליכט און פאַר גערעכטיקייט. אין זיין „קעגנזייטיקע הילף" און „עטיק" באַמיט זיך קראָפּאָטקין אַרויסצורייסן די עטיק פון רעליגיעזן און טעאָלאָגישן איינפלוס. ער האַלט אַז פריער פאַר אַלץ דאַרף אויפגעשטעלט ווערן די רעכט צו פּערזענלעכער זעלבסטשטענדיקייט און אומאָפּהענגיקן אויטאָנאָמישן שכל. די וואָס בויען די עטיק אויפן גרונט פון מענטשלעכן עגאָיזם האָבן אין גאַנצן איגנאָרירט די סאָציאַלע נייגונגען פון מענטשן, וואָס ווערן געבוירן דורך דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן ניט געלייגט גענוג אויפמערקזאַמ־קייט אויף דעם פאַקט, וואָס די פעיקייט צו באַשליסן, וואָס איז גערעכט איז איינער פון די גרונט־פאָרמען פון אונדזער טראַכטן, אָן וועלכע עס וואָלט גאָר קיין טראַכטן ניט געווען.

די גרויסע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, וואָס האָט אויך שטאַרק אַנטוויקלט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע און געשטעלט אויפן ערשטן אָרט דעם עקאָנאָמישן גורם איגנאָרירנדיק די גרויסע וויכ־טיקייט פון עטישן געפיל, ווי אויך דעם פּסיכאָלאָגישן גורם, די פּסיכאָלאָגישע לערע איז נאָך דאַן געווען אין די קינדערוויגעלער. אין די ראַמען פון דער קורצער אַרבעט איז ניטאָ קיין אָרט פאַר אַ ברייטער אָפּהאַנדלונג איבער די רייכקייט פון קראָפּאָטקינס פאָרש־



**פּיאָטר קראָפּאָטקין**

אַרבעט און געדאַנקען. מיר ווילן דאָ בלויז אונטערשטרייכן אַז דער אַנאַרכיזם האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַלטן אין די שמאָלע ראַמען פון פאַרשטיין די געשיכטע אויסשליסלעך אויף דעם מאַטעריאַליס־טיש־עקאָנאָמישן און אויף דעם גורם פון קלאַסן־קאַמף. ביי קראָ־פּאָטקינען האָט דער עטישער גורם פאַרנומען אַ גאַר וויכטיק אָרט. דערפאַר האָט ער אויך דעם סאָציאַליזם פאַרשטאַנען, ווי אַ גייסטיקע און עטישע דערהויבונג פון מענטש, וואָס דאַרף דער־פירן צו דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע מיטגלידער פון דער גע־זעלשאַפט, ווי אַ פועל־יוצא פון דער מענטשלעכער נאַטור גופא. לאָמיר דאָ ציטירן אַ פּאָר ווערטער פון דעם לעצטן קאַפּיטל פון זיין „עטיק״:

— „די צעטיילונג אויף צוויי לאַגערן פון דענקער, וואָס האָבן דערקלערט די מאָראַל אויף אַ ריין וויסנשאַפטלעכן און נאַטירלעכן

אופן, באַמערקט זיך אין דעם משך פון דער גאַנצער עפּאָכע פון 17־טן און 18־טן י. ה. ווערט די דאָזיקע צעטיילונג אַלץ קלענער, בעת אייניקע דענקער הויבן אַלץ מער איינצוזען, אַז די מאָראַל איז קיין אַנדערע זאַך ניט ווי אַ שטופנווייזן אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס ליגט בטבע פון מענטש, דערקלערן אַנדערע דענקער דאָס מאָראַלע, ווי דעם מענטשינס אַ ריכטיק־באַגריפענע שטרעבונג צו פּערזענלעכן גליק. און עס באַמערקט זיך צוויי באַזונדערע אויספירן, וואָס הענגען אָפּ פון דעם, צו וועלכע פון די צוויי ריכטונגען דער דענקער געהערט. אייניקע האַלטן, ווי האָבס, אַז „יצר לב האדם רע מנעוריו" און דעריבער זעען זיי די איינציקע רעטונג אין אַ שטרענג־אָרגאַניזירטער צענטראַלער מאַכט, וואָס האַלט אָפּ די מענטשן פון אַ שטענדיקער מלחמה צווישן זיך. און פירט אָן מיטן גאַנצן לעבן פון דער געזעלשאַפט. די אַנדערע ווידער האַלטן, אַז נאָר אויפן וועג פון ברייטן פרייהייטן פאַרן יחיד און ברייטע מעגלעכקייטן פאַר אַלע מענטשן אריינצוטרעטן צווישן זיך אין אַלערמעגלעכע פאַראייניקונגען, וועט אַנטוויקלען די געזעל־שאַפט צו אַ נייער אָרדענונג אויף די יסודות פון אַ גערעכטער און באַפרידיקונג פון אַלערליי באַדערפענישן".

דער עטישער גורם, וואָס קראָפּאָטקין האָט טיפער פון אַנדערע אַריינגעפירט אין אַנאַרכיזם האָט געלאָזט אירע טיפע שפורן אויף אָט דער באַוועגונג, אויף איר פילאָזאָפיע און טעטיקייט, זייענדיק אין דער עטיק די גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג צום אַנאַר־כיסטישן קאָמוניזם, האָט ער קריטיקירט די פעלערן וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין דער רעוואָלוציע פון 1850 און וואָס האָט אים אינספּירירט אָנצושרייבן זיין מאָנומענטאַל ווערק: „די פראַנ־צויזישע רעוואָלוציע". די פעלערן וואָס האָבן שפּעטער געמאַכט די באָלשעוויקעס, ווי דער גאַנצער כאַראַקטער פון באָלשעוויזם האָט נאָך מער באַשטעטיקט, ווי גערעכט איז געווען קראָפּאָטקין אין זיינע ווערק אָפּוואַרפנדיק דעם צוואַנג־מיטל אַלס מעטאָד צו לייזן עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און אַנדערע פּראָבלעמען.

אין קראָפּאָטקינס צייטן איז דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק גע־טראָגן געוואָרן דורך אַ סך אַקטיווע טוער. גענוג אויסצורעכענען

נאָר איינציקע ווי לואיזאַ מישעל, ב. טיקער, עמאַ גאָלדמאַן, אַלעק־סאַנדער בערקמאַן, וואַלטערינאַ דע קלעיר, סעבאַסטיאַן פאָר, ראָבערט רייצעל, גוסטאַוו לאַנדאַוער, רודאָלף ראָקער, עריק מאַלאַטעסקאַ, וויליאַם מאַסט, מאַקס נעטלאַו און פיל אַנדערע אידעישע פערזענ־לעכקייטן וועמענס אַנאַרכיסטישע פילאָזאָפיע און העראָישע טעטי־קייט איז נאָר טיילווייז דורך מאַקס נעטלאַו פאַראייביקט געוואָרן. און נישט געקוקט אויף די גרויסע רעפּרעסיעס איז דער אַנאַרכיס־טישער געדאַנק אַלץ מער געוואַקסן אין די לענדער פון אייראָפּע, אַמעריקע און אַזיע.

ביי די ענגלענדער, וועלכע האָבן גאָר פרי מאַניפעסטירט זייער הומאַניטאַרע אַנטי מלוכה׳שע געדאַנקען, האָט דער אַנאַרכיזם זיך ניט שטאַרק אָנגענומען. נאָר ביי אימיגראַנטישע מאַסן. באַזונדערס ביי די דייטשע פּאָליטישע אימיגראַנטן און שפּעטער ביי די יידישע, צווישן וועלכע עס האָט אַקטיוו געאַרבעט דער באַקאַנטער דייטשער אַנאַרכיסט רודאָלף ראָקער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט יידיש, געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון יידיש אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן: „אַרבעטער פריינד" און „זשערמינאַל" און געפירט צווישן די יידי־שע אַרבעטער אין לאָנדאָן אַ פּראָפּעסיאָנעלע און קולטורעלע טעַ־טיקייט. אויך דער מאַרקסיזם האָט אין ענגלאַנד זיך ניט אָנגענומען, כאָטש מאַרקס איז דאָרט לאַנגע יאָרן געווען טעטיק. לויט מאַרקסנס טעאָריע, האָט גראַד די אידעע פון סאָציאַליזם, אין די אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער באַדאַרפט ווירקן אויף זייער באַוווסטזיין, זענען אָבער די ענגלישע אַרבעטער געבליבן טויב אויך צום מאַרקסיזם. זיי האָבן דערפאַר אַנטוויקלט זייערע טרייד־יוניאָנס און דער לייבאָר־פּאַרטיי וועלכע האָבן מער פון אַלץ געזאָרגט פאַר די מאַטעריעלע נויטן ווי פאַר די אידעאַלן.

פראַנקרייך האָט זינט דער דריטער רעפּובליק פאַרמאָגט אַ סך רעגירונגען פון די פאַרשידנסטע פּאַרטייען, אָבער אַלע זענען זיי געוואָרן קאָרומפּירט. אין רעזולטאַט האָט דער פראַנצויזישער אַר־בעטער זיך אָפּגעקערט פון זיי און געזוכט זייער באַפרייאונג אויסער די פּאַרטייען. דערפאַר איז דאָרט געשען דער וווּנדערלעכער וווקס פון דער סינדיקאַליסטישער באַוועגונג אין וועלכער דער אַנאַרכיזם



**רודאָלף ראָקער**

האָט געפונען אַ טרייען פאַרבינדעטן און אַ ברייט פעלד פאַר איר אידעישער טעטיקייט. פאַרשטענדלעך, אַז די פּאָליציי איז אויך ניט געשלאָפן און זיך פאַרנומען מיט פּראָוואָקאַציעס און אַרעסטן. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ רייכע אַנאַרכיסטישע פּרע־סע און ליטעראַטור. אַ גרויסע ראָלע אויף דעם אַנאַרכיסטישן באַ־

ווּסטזיין פון די פראַנצויזישע אַרבעטער האָט געשפּילט אויך די אַנאַרכיסטישע קאָלאָניע „בינשטאָק" מיט אירע דערציערישע קינ־דער־אַנשטאַלטן, וואָס עס האָט געגרינדעט אין 1905 סעבאַסטיאַן פאַר. צוזאַמען מיט באַדייטנדיקע טוערס איז אויך קראָפּאָטקין געווען טעטיק באַזונדער אין דרום פראַנקרייך.

אין איטאַליע האָט טראָץ די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען זיך אַנט וויקלט אַ שטאַרקע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג וואָס איז געווען צע־טיילט אויף אינדיווידואַליסטן און קאָלעקטיוויסטן. די אינדיווידואַ־ליסטן זענען געווען קעגנער פון אָרגאַניזאַציע און פון סינדיקאַליזם. אָבער אַמשטאַרקסטן האָט די באַוועגונג געליטן פון די פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען. פאַר אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געדראָאַט צוואַנציק יאָר טורמע. עס זענען אויך געווען פאַלן פון טויט שטראָפן. די לאַגע אין די טורמעס איז געווען אַ שוידערלעכע. די פּאָליטישע אַרעסטירטע זענען דאָרט מאַסנווייז אויסגעשטאָרבן, דאָס האָט גע־שטויסן צו עמיגרירן, דאָס האָט געשטאַרקט די אַנאַרכיסטישע באַ־וועגונג אין אַמעריקע. דאָך האָט איטאַליע פאַרמאָגט אַ רייכע אַנאַר־כיסטישע פּרעסע פון צענדליקע צייטשריפטן, בראָשורן און געפירט אומלעגאַל אַ ברייט פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע.

אין דייטשלאַנד איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אַנטשטאַנען גאָר שפּעט. כאָטש אַנאַרכיסטישע געדאַנקען האָבן געגעסטיקט אין די מוחות פון אַזעלכע דענקער ווי: קאַראָל גרין, משה העס, שוין אין די 40קער יאָרן.

די ערשטע אומלעגאַלע אַנאַרכיסטישע קרייזן זענען אַנטשטאַ־נען ערשט אין די 70קער יאָרן נאָכן איינפירן דעם „אַנטי סאָציאַליס־טישן געזעץ". נאָכדעם ווי יאָהאַן מאָסט איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסט, איז אויך זיין צייטונג „פרייהייט" געוואָרן דער אָרגאַן פון די דייטשע אַנאַרכיסטן. עס זענען אויך דערשינען אַ צייטונג „אויטאָנאָמיע" און אַנאַרכיסטישע בראָשורן און פּראָקלאַמאַציעס. אָבער די שווערע שטראָפן פאַר אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געשטערט דאָס צע־וואַקסן זיך פון דער באַוועגונג. אין 1891 האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן די „אומאָפּהענגיקע" פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און זייער צייטשריפט „סאָציאַליסט" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן



**סעבאַסטיאַן פאַר**

אַנאַרכיסטישע. אַזוי האָט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג באַקומען אַן אָרגאַן צוזאַמען מיט איר רעדאַקטאָר גוסטאַוו לאַנדאַוער. אַ מענטש מיט הויכע קולטור און וויסן. די געדאַנקען פון זיין בוך: „דער רוף צום סאָציאַליזם", האָט אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון דער יוגנט אין די פאַרשידנסטע לענדער, אויך געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער יוגנט פון „השומר הצעיר". דאָס בוך איז אויך געווען אַ גרויסע באַשולדיקונג קעגן מאַרקסיזם. פאַר לאַנדאַוערן איז סאָציאַליזם געווען גאָר עפּעס אַנדערש. אָט שרייבט ער אין זיין בוך: „מיטן וואָרט סאָציאַליזם פאַרשטייט מען עפּעס גרויסעס, וואָס גייט גאַנץ ווייט. סאָציאַליזם וויל העלפן, ער וויל דערהויבן דורות ווידער צו בליאונג. צו אַ געהויבענעם מצב. צו קולטור, צו גייסט און וויל דורך דעם פירן צו אַ בונד מיט פרייהייט". זיין סאָציאַליזם איז געווען ווייט פון דעם מאַרקסיסטישן, וואָס איז טיף געזונקען אין די

פּאַרלאַמענטאַרישע זומפּן פון אינטריגעס. גוסטאַוו לאַנדאַוער האָט געגרינדעט אין דייטשלאַנד דעם „סאָציאַליסטישן בונד", צו וועלכן עס האָט אויך געהערט דער יידיש־דייטשער אַנאַרכיסטישער דיכ־טער עריך מיהזאַם. ביידע זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן. ג. לאַנדאַוער נאָך אין די צייטן פון דער וויימאַר־רעפּובליק, עריך מיהזאַם שפּעטער דורך די נאַצישע רוצחים.

אין דייטשלאַנד, ווי אין עסטרייך איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג שטאַרק גערודפט געוואָרן. די אַקטיוויסטן זענען אַרעסטירט געוואָרן, אַנדערע האָבן געמוזט עמיגרירן (רודאָלף ראָקער). דאָך ביז היט־לערס קומען צו דער מאַכט האָט עקזיסטירט אַ שטאַרקע אַנאַרכיס־טישע און סינדיקאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז דורך די נאַציס בלוטיק ליקווידירט געוואָרן.

אין טשעכאָסלאָוואַקיי זענען די רדיפות געווען נאָך שטאַרקער ווי אין דייטשלאַנד. פאַר געהערן צו דער אַנאַרכיסטישער אָרגאַני־זאַציע האָט מען באַצאָלט מיט צוואַנציק יאָר טורמע. די קאָנספּי־ראַציע האָט ביי די טשעכישע אַנאַרכיסטן אַנטוויקלט אַ שטאַרקע נטיה צום אינדיווידואַליזם. אָבער שוין אין די 70—80קער יאָרן פון 19־טן י. ה. האָט אין טשעכאָסלאָוואַקיי עקזיסטירט אַ שטאַרקע באַ־וועגונג. עס זענען דערשינען 6 אַנאַרכיסטישע צייטונגען, בלויז אין דער טשעכישער שפּראַך. די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און אַנטוויקלט אַ רעוואָלוציאָנער־סינדיקאַליזם, אָנגעפירט אַרבעטער שטרייקן, און אַן אַקטיווע פּראָפּאַגאַנדע.

שטאַרקע אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן עקזיסטירט אין שוועדן, שווייץ, בעלגיע, פּאָרטוגאַל, סערביע. די באַוועגונג האָט זיך אויך אויסגעשפּרייט אויף אַרגענטינע, ביזן ווייטן יאַפּאַן און קאָרעאַ. די קאָנספּעראַטיווע טעטיקייט האָט געשטערט צו זאַמלען אַרכיוון פאַר דער געשיכטע און בכלל האָט דער אַנאַרכיזם זיך פאַרנומען מער מיט מאַכן געשיכטע, ווי מיט שרייבן געשיכטע.

דער גרעסטער צענטער פון אַנאַרכיזם איז אָבער געווען שפּאַניע, מיט איר רייכער העראָישער פאַרגאַנגענהייט און איר ווונדערלעכע,

אַפּט לעגענדאַרע קעמפער וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער פרייהייט און פאַרן אַנאַרכיזם. די רדיפות און אַרעסטן האָבן אין צענטער פון זייער קאַמף. געשטעלט די פאָדערונג פון באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, קעגן וועמען מען האָט זיך ברוטאַל באַצויגן. נאָכן גענעראַל־שטרייק אין 1903, אָרגאַניזירט דורך די שפּאַנישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, פאַר באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָט די רעאַקציע אויפגעהויבן איר קאָפּ און באַגאַנגען אין די טורמעס שרעקלעכע פאַרברעכנס קעגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. די אינקוויזיטאָרישע טעטיקייט איז אָבער געשטערט געוואָרן דורך אַ מעכטיקע סאָלידאַריטעט־קאַמפּאַניע פון די סינדיקאַטן מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין אויסלאַנד. באַזונדער אין פראַנקרייך. ווען דער מיניסטער־פּרעזידענט מאַורא האָט אָפּגעזאָגט צו באַפרייען די קרבנות פון אלקאַלי דע וואַליאַ, האָט אין 13טן אַפּריל 1904 דער אַנאַרכיסט מיגעל אַרטאַל געמאַכט אויף אים אַן אַטענטאַט, וואָס איז אָבער נישט געלונגען. ער איז בלויז פאַרוואונדעט געוואָרן, אָבער אין רעזולטאַט זענען די אַרעסטירטע פון אלקאַליא דע וואַליא אַמנעסטירט געוואָרן.

דעם 31 מאַי איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ ניט געלונגענער אַטענטאַט אויף דעם שפּאַנישן קעניג אַלפאָנסאָ דעם 18טן. אין רעזולטאַט איז געווען אַ סענסאַציאָנעלער פּראָצעס וואָס האָט אויפגערודערט די פראַנצויזישע עפנטלעכע מיינונג. די אַטאַנטאַטאָרן, די אַנאַרכיסטן: שאַרל מאַלטא און פּעדראָ וואַלינא האָבן ניט געלייקנט אַז זיי האָבן געגרייט צו וואַרפן אַ באָמבע קעגן קעניג וועמען זיי האָבן אָבער געוואָלט אים טויטן אין שפּאַניע און ניט אין פּאַריז. זענען טאַקע די אָנגעקלאָגטע באַפרייט געוואָרן. די שפּאַנישע רעגירונג האָט געענטפערט דערויף מיט גרויס צאָרן און באַשלאָסן מיט איין קלאַפּ אַ סוף מאַכן פון דער גאַנצער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין שפּאַניע. דאָס איז זיי אָבער ניט געלונגען, ווייל אין מאַי 1906 איז דער קעניג אַלפאָנסאָ אומגעקומען דורך דעם אַנאַרכיסט מאַטעאָ מאָראַל און די רעגירונג איז געבליבן פאַרשטיינערט אונטערן איינדרוק פון דעם אַטענטאַט. זי האָט אָבער איר צאָרן אויס־



**גוסטאַוו לאַנדאַוער**

(געמאָלט דורכן מאָלער אברהם ישכיל)

געלאָזט קעגן די „פרייע שולן" און אַרעסטירט דעם גרויסן אַנאַר־כיסטישן פעדאַגאָג פראַנציסקאָ פערער, דער איניציאַטאָר פון די דאָזיקע שולן. אָבער דער אַלגעמיינער פראָטעסט, אין שפּאַניע און אויף דער וועלט. איז געווען אַזוי גרויס, אַז ניט געקוקט אויף דער העצע פון דעם קאַטוילישן קלער קעגן אים, האָט מען אים געמוזט

באַפרייען. די שולן זענען ווידער געעפנט געוואָרן און זיך באַדייטנד אַנטוויקלט. אַזעלכע פרייע שולן זענען דעמאָלט געווען אין שפּאַניע 61. אין באַרצעלאָניע איז די „עסקאָלאַ מאָדערנאַ" געשטאַנען אונ־טער דער דירעקטער אָנפירונג פון דעם גרויסן פּעדאַגאָג פערער. די דאָזיקע פרייע שולן האָבן אַנטוויקלט אַ װוּנדערלעכן פּעדאַגאָגישן סיסטעם און אַ סך אַנאַרכיסטישע וויסנשאַפטלעכע פּערזענלעכקייטן האָבן געשאַפן שול־ביכער אויף פאַרשידענע געביטן און די שולע האָט געהאַט גרויסע דערגרייכונגען. אונטערן איינפלוס פון שפּאַניע האָבן די אַנאַרכיסטן פון פראַנקרייך, אַרגענטינע און אויך פון די פאַראייניקטע שטאַטן געמאַכט פּרווון צו אַנטוויקלען אַזעלכע שולן. אָבער אין שפּאַניע האָט דער קלער ניט גערוט, זיי האָבן געהעצט קעגן די שולן און פערערס לעבן איז געווען אין געפאַר. די שפּאַני־שע אַנאַרכיסטן האָבן געלייגט גרויס געוויכט אויף דער פראַגע פון קינדער דערציאונג, כדי אַרויסצורייסן די קינדערישע נשמות פון די גלוחישע נעצן. זיי האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ בילדונגס־נעץ פאַר דערוואַקסענע אַרבעטער. זיי האָבן אָבער דערפאַר געמוזט באַצאָלן מיטן טויט פון זייער גרויסן פּעדאַגאָג קעגן וועלכן מען האָט גע־מאַכט אַ בלוט־בילבול און אים פאַרמשפּט צום טויט. ער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ גרויסער מאַרטירער אין קאַמף קעגן דער קירכע און פאַר אַ פרייע דערציאונג. דער איינפלוס פון אַנאַרכיזם איז אין שפּאַניע שטענדיק געווען אַ גרויסער. יעזואיטישע הערשער און די קירכע איז קיינמאָל ניט געלונגען צו צעברעכן דעם ווידער־שטאַנד פונעם פרייהייט־ליבנדן פאָלק. זייער ליבע צו פרייהייט האָט זיי טאַקע די ערשטע אין אייראָפּע געשטעלט אין אַ העראָאישן קאַמף קעגן היטלערן, מוסאָלינען און פראַנקאָ־פאַשיזם. אויך דער זיג פון פאַשיזם האָט ניט געקאָנט פאַרלעשן דעם פרייהייטס־גייסט פון שפּאַנישן פאָלק.

## 8. אַנאַרכיזם און די באָלשעוויקעס

איינע פון די גרעסטע קלעפּ וואָס דער אַנאַרכיזם האָט באַקומען איז געווען פון די באָלשעוויקעס. ניט נאָר וואָס זיי האָבן פיזיש דערמאָרדעט טויזנטער אַנאַרכיסטן, סיי רוסישע, סיי געקומענע פון אַנדערע לענדער העלפן דער רוסישער רעוואָלוציע, ניט נאָר וואָס זי האָט אין בלוט דערשטיקט דעם קרוינשטאַטער אויפשטאַנד פון די מאַטראָזן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, ניט נאָר וואָס זיי האָבן פאַרניכטעט די מאַכנאָ־אַרמיי, נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעהאַלטן אירע נצחונות איבער די ווייס־גוואַרדייער און ווען זי איז געוואָרן פאַר די באָל־שעוויקעס מער ניט נויטיק האָבן זיי אָט די אַנאַרכיסטישע אַרמיי געטאַדלט אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנערן און אַפילו אַלס פּאָגראָמ־שטשיקעס, דער עיקר האָט דער באָלשעוויזם געגעבן דעם אַנאַרכיזם. אַן אידעאָלאָגישן קלאַפּ, ניט ווייל זי האָט אָפּגעלייקנט די אַנאַר־כיסטישע אידעאָלאָגיע, נאָר גראָד פאַרקערט, מיט דעם וואָס זי האָט זיך צוגעאייגנט די אַנאַרכיסטישע וויכטיקסטע פּרינציפּן אין דער פראַגע פון באַציאונג צו דער מלוכה, וואָס האָט ביי טויזנטער אַנאַר־כיסטן געשאַפן די אילוזיע און דעם נאַיוון גלויבן אַז די באָלשע־וויקעס וועלן ווערן די פאַרווירקלעכער פון אַנאַרכיזם.

דער גרונט פאַר אַזאַ אילוזיע האָט געגעבן לענינס בוך: „מלוכה און רעוואָלוציע", וואָס איז דערשינען אין סעפּטעמבער 1917, ערב דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. אין דאָזיקן בוך זאַמלט לענין צענויף אַ סך ציטאַטן פון מאַרקסן און ענגעלסן צו באַווייזן אַז די מלוכהשע מאַכט איז אַ פּאַראַזיטיזם וואָס האָט אָפּגעשפּילט איר ראָלע און מען דאַרף זי צעקלאַפּן. אין זיין דיסקוסיע מיט בערנשטיינען זאָגט דאָרט לענין: „מאַרקס גייט זיך צענויף מיט פּרודאָנען אין דעם אַז ביידע זענען דערפאַר מען זאָל צעקלאַפּן די היינטיקע מלוכה־מאַ־שין. אָט די ענלעכקייט צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם (אויך פּרודאָן און באַקונין) ווילן די אָפּאָרטוניסטן און קאַוטסקיאַנער ניט זען, ווייל אין דעם פּרט זענען זיי אַוועק פון מאַרקסיזם". און לענין קוויקט זיך מיט די ציטאַטן, ווי מאַרקס רופט צו פאַרניכטן די מלוכה־

שע מאַכט, װעלכע איז „אַ בלוט זױגנדיקע מכה״, װעלכע „איז שױן איצט אין גאַנצן איבעריק״. לענין װאַרפט אָבער פאָר די אַנאַרכיסטן אַז: „זײ לײקענען גאָר אין גאַנצן, אַז דער רעװאָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך באַנוצן מיט דער מלוכה־מאַכט און זײַן אָנערקענען גאָר ניט די רעװאָלוציאָנערע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״. די גרױסע אומלאָגיק פון לענינען און אױך מאַרקסן איז װאָס בײַ דעם װאָס זײ מאַכן די מלוכהשע מאַכט פאַר מער ניט נױטיק, רופט לענין צו בױען אַ נײַע פּראָלעטאַרישע מלוכה־מאַשין און ער גיט צו: „און גײענדיק אױף אַזאַ װעג װעלן מיר צוקומען צו דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון ביוראָקראַטיזם״. װען לענין שטײט אױף פונעם קבר װאָלט ער געזען װי קרוב צו 70 יאָר נאָך דער רעװאָלוציע, װי עס בושװועט אין ראַטנפאַרבאַנד די ביוראָקראַטיע.

דאָס אַלץ האָט לענין געשריבן פאַר דער אָקטאָבער רעװאָלוציע. מיר נעמען נאָר אײנציקע בלימעלער פון יענע אַרטיקלען, אין זײַן אַרטיקל: „דער מוסר השכל פון דער רעװאָלוציע״, שרײַבט ער קעגן דער קערענסקי רעגירונג: „װאָס האָבן זײ (די אַרבעטער און פּױערים) פון דער רעװאָלוציע דערװאַרט? עס קען װעגן דעם קײן צװײ מײנונגען ניט זײַן, אַז זײ, די מאַסן, האָבן פון דער רעװאָלוציע דערװאַרט פיר זאַכן: פרײַהײט, שלום, ברױט און ערד״. אָט די אַלע פיר גוטע זאַכן, װאָס אױך די באָלשעװיקעס האָבן באַרױבט דאָס רוסישע פאָלק. אָבער דאָך האָבן טױזנטער נאַיװע אַנאַרכיסטן געגלױבט אַז די באָלשעװיקעס װעלן געבן פרײַהײט און ברױט און די פּאַעקשנטע צװישן זײ װאָס האָבן פּרובירט דאָס צי פאָדערן בײַ די באָלשעװיקעס, האָבן זײער „פרײַהײט״ באַקומען אין די פײַניקונג־קעלערס פון דער „טשערעזװיטשײקע״. לענין האָט געטאָן דאָס אין װאָס ער האָט באַשולדיקט די צײַטװײַליקע קערענסקי און גוטשקאָװ־מוליקאָװ רעגירונג. װען לענין שרײַבט, אין זעלבן אַרטיקל, אַז: „אַנשטאָט פרײַהײט האָט מען װידער אײַנגעפירט די זעלבע שקלאַפערײ (װאָס בײַם צאַר), װידער אַמאָל אַנשטאָט פרײַהײט — טױט־שטראָפן״, „קלינגען הײַנט די דאָזיקע װערטער, װי לענין װאָלט דאָס געשריבן אַ באַשולדיקונג קעגן זיך אַלײן און קעגן דער באָלשעװיסטישער מאַכט.

מאַרקס, ענגעלס און אַפילו לענין ווען זיי האָבן געפּסלט די מלוכה האָבן גאָר ניט געטראַכט זי צו פאַרטוישן אויף אַ „פּראָ־לעטאַרישע מלוכה". אין זייער „קריטיק צום גאָטהייער־פּראָגראַם", וואַרפט מאַרקס אָפּ יעדן סאָרט מלוכה, ווייל סאָציאַליזם מיט מלוכה פּאָרן זיך גאָר ניט. ערשט נאָך דער אָקטאָבער איבערקע־רעניש נעמט לענין רעדן וועגן אַ „פּראָלעטאַרישע" אָדער „סאָ־ציאַליסטישע מלוכה", ווי לאַסאַלס אָנהענגער האָבן גערעדט וועגן אַ „פרייע מדינה". באַקונין האָט שוין אָבער מיט הונדערט יאָר צוריק פּאָרויסגעזען אַז די אַ. ג. „פּראָלעטאַרישע מאַכט", וועט מיט גאָר ניט זיין בעסער און אַפילו טיילווייז ערגער פון יעדער אַנדערע מאַכט. אָבער לענין נאָכן פאַרכאַפּן דורך די באָלשעוויקעס די מאַכט רעדט שוין וועגן מאַכט און מלוכה, גאָר אַנדערע דיבורים. ניט די מאַכט ווי אַזעלכע איז שולדיק נאָר די צאַרישע מאַכט. די מאַכט איז מער ניט „פּאַראַזיטיש" ניט מער „קיין איבריקע זאַך" נאָר ווערט גאָר אַ נויטווענדיקייט פאַר די אַרבעטער און פּויערים און ער פרעגט אין זיין אַרטיקל: „איז טאַקע אינדיווידועלע דיקטאַ־טור אין ווידערשפּרוך מיט די פּרינציפּן פון אַ סאָוויעטישער רעגירונג? (סאָציאַליסטישע רעגירונג), עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָט מען פיל ביישפּילן, ווי די דיקטאַטאָרישע מאַכט, פון געוויסע פּערזאָנען איז געווען אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן די דיקטאַטור פון רעוואָלוציאָנערן קלאַס". ווי איר זעט האָט שוין דאָ לענין געשאַפן דעם „קולט פון פּערזענ־לעכקייט" און דערמיט באַרעכטיקט זיין אייגענע און די שפּעטערדיקע בלוטיקע דיקטאַטור פון סטאַלינען.

און לענין וועלכער האָט אין זיין „מלוכה און רעוואָלוציע" באַ־מיט זי צו באַווייזן אַז אין דער פראַגע מלוכה עקזיסטירט גאָר ניט קיין אונטערשיד צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם, ווי מיר האָבן פריער ציטירט. (צווישן מאַרקסן און פּרודאָנען). רעדט שוין דאָ ווידער גאָר אַנדערע דיבורים און זאָגט: „אויב מיר זאָלן ניט זיין קיין אַנאַרכיסטן מוזן מיר דאָך אָנערקענען די נויטווענדיקייט פון אַ מלוכה" (לענין: „די איצטיקע אויפגאַבע פון דער סאָוויעטישע רעגירונג") און לענין נעמט לויבן די סאָוויעטישע רעגירונג: „וואָס

זי האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט אָפּצושאַפן די בורזשואַז־דעמאָקראַ־טישע יוסטיץ״. ער באַדויערט נאָר (אין זעלבן אַרטיקל) וואָס: „אונ־דזער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל איז נאָך זייער שוואַך״. אפשר האָט דזשערזינסקין צו ווייניק מענטשן געשטעלט צו דער „סטיענקע״? אַזוי האָט עס אויסגעזען לענינס הומאַניזם.

דעם ערנסטן גרויסן קלאַפּ האָט דער אַנאַרכיזם אויך באַקומען פון פאַשיזם. צום ערשט פון דעם מוסאָליני־פאַשיזם אין איטאַליע, וואָס האָט אומגעבראַכט איינע פון די שענסטע אַנאַרכיסטישע באַ־וועגונג, דערנאָך דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד, ווי עס האָט עק־זיסטירט אַ טעטיקע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג און אַן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע פאַראייניגן. צום סוף אין שפּאַניע, די העראָישע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע באַוועגונג וועלכע איז דערטרונקען גע־וואָרן אין בלוט דורך די היטלער־מוסאָליני־ און פראַנקאָ־פאַשיזם, און אויך דורך די סטאַליניסטן, וואָס האָבן דער שפּאַנישער פריי־הייט געגעבן אַ מעסער אין רוקן. דער אומקום פון אַנאַרכיזם אין רוסלאַנד און אין שפּאַניע, וואָס איז געווען דער וועלט־צענטער פון אַנאַרכיזם אויף דער גאַנצער וועלט. האָט געגעבן אַ גרויסן קלאַפּ דעם אַנאַרכיזם אויף דער וועלט.

דער אַנאַרכיזם אַלס אַלטערנאַטיוו קעגן דער היינטיקער רוצחי־שער וועלט פון אייביקע מלחמות, פאַרברעכן, עקספּלאָאַטאַציע און פאַרשקלאַפונג, קען אָבער ניט ליקווידירט ווערן. זי שפּראָצט ווידער אויף, זי באַהערשט ווידער די מוחות פון דער בעסטער יוגנט אין אַלע לענדער, אירע אידעאַלן, בליען אין דער פילאָזאָפיע, קונסט און ליטעראַטור. אירע אָרגאַניזאַציעס קומען ווידער אויף אין די פאַרשידנסטע לענדער און כאָטש זי איז ווייט פון אַ מאַסן־באַוועגונג, איז פון ווען אָן זענען די גרויסע מאַסן געווען? וויפל גרויסע דעמאַגאָגן, אַוואַנטוריסטן און פּאָליטישע קאַריעריסטן זענען די מאַסן נאָכגעלאָפן און זיי פאַרגעטערט?

## 9. סטאַלין און דער אַנאַרכיזם

נאָכדעם ווי לענין אין זיין בוך „מלוכה און רעוואָלוציע", באַמיט זיך אַקראַבאַטיש צו באַווייזן, אַז צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם, אין דער פראַגע פון באַציאונג צו דער מלוכה, עקזיסטירט ניט קיין שום אונטערשיד, און דאָס דאָזיקע בוך איז אויף אַ מיסטעריעזן אופן פאַרשווונדן געוואָרן, פּשוט קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישע מאַכט. נאָך לענינס טויט, האָט דאָס דאָזיקע ווערק, זיך מער ניט באַוויזן אין ראַטן פאַרבאַנד. דער נאָמען פון אַזאַ בוך געפינט זיך טאַקע אין אַלע שפּעטער דערשינענע לענינס געזאַמלטע ווערק, אָבער בלויז דער נאָמען, ווייל דאָס איצטיקע בוך מיטן דאָזיקן נאָמען „מלוכה און רעוואָלוציע" איז ניט מער ווי אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען אויף דער טעמע, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיטן אָריגינעלן לענינס בוך. אין אַנדערע שפּראַכן קאָן מען דאָס בוך מסתמא געפינען, אויסער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד. אין יידיש איז דאָס בוך דערשינען אין 1921 יאָר אין ניו יאָרק איבערגעזעצט דורך בורגי און אַשעראָוויטש. אין דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע פון 1950 איז ניטאָ קיין וואָרט וועגן דאָזיקן לענינס באַרימטן בוך, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָר ניט עקזיסטירט.

נאָך לענינס טויט איז דער הויפּט טעאָרעטיקער אין דער פראַגע פון מלוכה געוואָרן סטאַלין. דער וואָס האָט „מיטן מאַרקסיסטישן געווער, דעמאַסקירט און צעשמעטערט די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע". צוליב דעם צוועק איז אויסגעגראָבן געוואָרן אַן אַלטע סטאַלינס בראָשור, געשריבן אין 1906 אין גרוזיניש אונטערן נאָמען: אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם" געווען פאַרעפנטלעכט אין אַ גרוזינישע צייטשריפט „ניי צייט" (אַבאַלי דראָעבא) געשריבן ווי אַ דיסקוסיע מיט די גרוזינישע אַנאַרכיסטן. וועגן אָט דעם סטאַלינס אַרטיקל ווערט אַזש אויף זיבן גרויסע שפּאַלטן, אין דער גרויסער סאָוויעטישער ענציקלאָפּעדיע פון 1950 גערימט, ווי דער וויכטיקסטער מאַרקסיסטישער דאָקומענט, וואָס דעמאַסקירט דעם אַנאַרכיזם און האָט בלומרשט אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג. פאַרשטענדלעך אַז ביי

סטאַלינס לעבן איז דאָס אַרטיקל איבערגעזעצט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן פון די סאָוויעטישע פעלקער אין אַ פאַרברייטערטן פאָרם, ווי סטאַלין איז ניט בלויז דער באַגרינדער פון מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו דער פראַגע פון מלוכה נאָר אויך דער באַגרינדער פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגן דער סאָוויעטישער מלוכה, ווי: „אַלס מאָדערנסטע און מעכטיקסטע פון אַלע מלוכה־פאָרמען אויפן וועג פון איר אָפּשטאַרבן". דאָס וואָרט „אָפּשטאַרבן" האָט סטאַלין צוגע־געבן ווי אַ שטייער וואָס מען מוז אָפּצאָלן מאַרקסן און ענגעלסן. עס לאָזט זיך אָבער, מיטן קלאָרן שכל, ניט פאַרשטיין צי וועלכן טייוול דאַרף מען אַ מלוכה, וואָס דאַרף „אָפּשטאַרבן", זי מאַכן אַזוי מעכטיק און גרויס אַזאַ מעכטיקע מלוכה קאָן פון מעכטיקייט פּלאַצן אָבער ניט פרייוויליק „אָפּשטאַרבן". אָבער גיי פאַרשטיי אַזאַ משונה־דיקע דיאַלעקטיק מיטן קלאָרן שכל?

די „גרויסע סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע" רימט סטאַלינען וואָס האָט באַוויזן „מיט דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק אַנטקעגנצו־שטעלן דעם קליינבירגלעכן, אַנטיפּראָלעטאַרישן און קאָנטררעוואָ־לוציאָנערן אַנאַרכיזם — דעם ווויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, דערמיט געגעבן טעאָרעטיש אַ טויט־קלאַפּ דעם רעאַקציאָנערן אַנאַרכיזם דעם שונא פון אַרבעטער־קלאַס". ביי דער געלעגנהייט רעכנט זיך די ענציקלאָפּעדיע אָפּ מיטן אָפּאָרטוניסטישן צווייטן אינטערנאַציאָ־נאַל, וואָס האָט ציניש אויסגעמיטן אַ דיסקוסיע מיט אַנאַרכיזם אין דער פראַגע פון מלוכה, אָבער דעם גרעסטן קלאַפּ באַקומט דאָ דער „שונא פון פאָלק", בוכאַרין פאַר זיין „רעאַקציאָנערע, ליגנע־רישע און אַנטימאַרקסיסטישע לערע פון אויפרייסן די מלוכה" און פאַר זיין טעאָריע אַז „דער אַרבעטער־קלאַס איז פרינציפּיעל קעגן דער מלוכה".

## 10. אַנאַרכיזם און דערציאונג

דער אַנאַרכיזם האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן די גרעסטע פאַר־אינטערעסירונג צו דער דערציאונג פון קינד. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הנחה, אַז אויב מען וויל איבעראַנדערשן און בעסער מאַכן

די וועלט איז ווייניק צו מאַכן בלוטיקע רעוואָלוציעס. עס איז אַ סך וויכטיקער איבערצודערציען דעם מענטש און מאַכן אַ רעוואָלוציע אין דער מענטשלעכער נשמה, באַפרייען אים פון דעם גייסט פון אונטערטעניקייט, פון איבערגלויבנס, פון עגאָיזם, פון שאָוויניסטישן טשאַד און דערציען אים צו זיין אַ פרייער מענטש. דעריבער האָט דער אַנאַרכיזם זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פעדאַגאָגיק און אַליין געשאַפן מאָדערנע פרייע שולן. דער געוואַגסטער פרווו פון שאַפן אַזעלכע שולן האָבן געמאַכט די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן אונטער די לייטונג פון באַרימטן שפּאַנישן אַנאַרכיסטישן פעדאַגאָג פראַנציסקאָ פעררער. קראָפּאָטקין האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די פרייע שולן אין שפּאַניע און געשריבן צו פערערן, צווישן אַנדערן:

— „אין דער היינטיקער שולע מוז מען אַלץ איבערמאַכן, פריער פון אַלץ די אייגנטלעכע דערציאונג, דאָס הייסט, דאָס אויסבילדן פון קינד צו אַ מאָראַליש וועזן; צו אַ טעטיקן אינדיווידיום, וועלכער דאַרף זיין פול מיט איניציאַטיוו, אונטערנעמונג, גייסטמוטיק, פריי פון פחד פאַרן געדאַנק, וואָס איז דאָס כאַראַקטעריסטישע פון היינטיקן מענטש“.

אין שפּאַניע איז דעמאָלט געווען אַזעלכע 61 פרייע שולן אָנגעפירט דורך די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן. געווען אויך אין פראַנקרייך אַזאַ שולע און שפּעטער אין אַמעריקע. אָבער זיי זענען דורך דער מאַכט אומעטום אונטערגעדריקט געוואָרן און פערער אַליין האָט געמוזט פאַר זיין דרייסקייט אַרויסצורייסן די קינדישע נשמות פון די גלוחישע נעצן, באַצאָלן מיטן טויט. ער איז אין 1904 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט פאַר כלומרשטן אויפהעצן דאָס פאָלק צום יוני־אויפשטאַנד אין באַרצעלאָניע.

די רעגירונג און די קלעריקאַלן האָבן גוט אָפּגעזוכט זייער קרבן: פערער איז געווען אַ מענטש, וואָס צווישן זיין געדאַנק און זיין טאַט זענען ניט געווען קיין סתירות.

פערער זאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז אין דער צוקונפט וועט די דערציאונג זיין אַ פרייוויליקע, אַ נאַטירלעכע. איצט קאָנען מיר זי נאָך ניט פאַרווירקלעכן, אָבער די עוואָלוציע פון די מעטאָדן, וועלכע



**פראַנציסקאָ פערער**

וועט וואָס ווייטער, ברענגען אַלץ אַ ברייטערע פאַרשטענדעניש פאַר די דערשיינונגען פון לעבן וועט דאָס דערמעגלעכן.

פערער פאַרשטייט אָבער, אַז די וואָס באַלעבאַטעווען איצט איבערן שול־וועזן, קענען קיין מאָל ניט האָבן קיין אַנדערע אידעאַלן, ווי: „אויסצובילדן אַזעלכע וועזנס, וואָס זאָלן אָננעמען אַלע קאָנווענציאַליזמען, אַלע פאָראורטיילן, אַלע ליגנס אויף וועלכע די געזעלשאַפט איז באַזירט".

עס זענען פאַראַנען אַזעלכע כלומרשטע אָנהענגערס פערערס, וואָס שטיצן אָבער אין דער זעלביקער צייט דעם מלוכהשן מאָנאָפּאָל איבער דער דערציאונג. קיין גרעסערע סתירה, ווי אָט די, איז שווער זיך פאָרצושטעלן — פערער האָט ניט איבערגעלאָזט קיין איין שריפטלעכן דאָקומענט פון אַזאַ קראַפט, ווי די אַרבעט וואָס איז אַריין ווי דער ניינטער קאַפּיטל פון: „**די מאָדערנע שול**". און אָט

די אַרבעט איז דורכויס געצילט צו באַקעמפן די מלוכהשע אינטער־
ווענץ אין דער דערציאונג.

לאַמיר טאַקע פון יענער אַרבעט פּערערס ציטירן אַ זאַץ, וואָס
דריקט אויס, וואָס פאַר אַ מענטשן ער וויל אַרויסקריגן פון דער שול
און דריקט אויס צו דער זעלבער צייט זיין טיפע איבערצייגונג, אַז
קיין שום מלוכה וועט ניט וועלן האָבן אַזאַ דערציאונג:

**„מיר האָבן קיין מורא ניט אַרויסצוזאָגן אָפן: מיר ווילן
אַזעלכע מענטשן, וואָס זאָלן זיין פעאיק כסדר זיך צו אַנט־
וויקלען, וואָס זאָלן זיין פעאיק צו צעשטערן און צו באַנייען
אומאויפהערלעך זייער קרייז און זיך אַליין באַנייען. מיר
ווילן מענטשן, וואָס זייער אינטעלעקטועלע אומאָפּהענגיקייט
זאָל זיין די גרעסטע קראַפט, וועלכע וועלן ניט זיין צוגע־
בונדן צו קיין זאַך, נאָר תמיד גרייט אָנצונעמען דאָס וואָס
איז בעסער: מיר ווילן מענטשן, וועלכע זאָלן זיין גליקלעך
פון דעם נצחון פון נייע אידעען, מענטשן וואָס שטרעבן צו
לעבן אַ סך לעבנס אין איין לעבן. די היינטיקע געזעלשאַפט
ציטערט פאַר אַזעלכע מענטשן. מיר קאָנען דעריבער נישט
האָפן, אַז זי וועט ווען עס איז וועלן האָבן אַזאַ דערציאונג,
וואָס זאָל זיין פעאיק אונדז צו געבן אַזעלכע מענטשן".**

אַנסעלמאָ לאָרענסאָ, פּערערס נאָענטסטער מיטאַרבעטער, רע־
זומירט וווּנדערלעך דעם גרויסן מאַרטירערס געדאַנקען וועגן דער
מלוכה און דער דערציאונג:

**„ניט דאָ און ניט אין קיין לאַנד אויף דער וועלט וועט
די מלוכה ניט געבן קיין ראַציאָנעלע דערציאונג — די מלוכה
קאָן ניט שטרעבן דערצו אַז יעדער מוח זאָל באַוועגן אַ ווילן,
וואָרעם זי וויל פאַראייביקן די טעותים פון איטלעכער עפּאָכע
אין די אינטערעסן פון די פּרעמדע קאַסטן אָדער קלאַסן.
דעריבער קנעט זי אויס די מוחות אין דער אמונה און אין
דער געהאָרכזאַמקייט".**

ניטאָ קיין ספק — די מלוכה, וואָס האָט דערמאָרדעט פראַנסיסקאָ
פּערערן, האָט עס געטון אין שליחות פון אַלע מלוכות פון אַלע צייטן!
וויניקער גליקלעך איז געווען די רעאַקציע: די שול־באַוועגונג,

וואָס זי האָט געזוכט צו דערשטיקן צוזאַמען מיט איר באַשאַפער, האָט נאָך פערערס טויט זיך ערשט פונאַנדערגעוואַקסן און זיך אויס־געשפּרייט איבער אַלע פּרייע לענדער. פערערס אויסגעשריי: „זאָל לעבן די מאָדערנע שול!" איז ערשט פאַרהילכט געוואָרן פון די דונערן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ווידער אויפגעלעבט אַ פּעדאַגאָגישע באַוועגונג, אין וועלכער עס איז געווען קענטיק פערערס איינפלוס. די אויסשפּרייטונג פון די דיקטאַטורן אין די דרייסיקער יאָרן און די צווייטע וועלט־מלחמה האָבן אָפּגעשוואַכט די הערלעכע איינפלוסן, וואָס פערער האָט מיט אַ מעכטיקן פּאַרנעם געגעבן דער דערציונג. איצט הערט מען זעלטן ריידן וועגן דעם רעכט פונעם קינד, וועגן דרך־ארץ פאַרן קינדס פּערזענלעכקייט, דעם קינדס כאַראַקטער און זיין קריטישן חוש, מכוח רעספּעקטירן זיינע נייגונגען. עס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים דער אַלטער שפּאַנישער רעאַקציאָנער, וואָס פערער דערציילט וועגן אים, אַז ער האָט געזאָגט: „שפּאַניע נויטיקט זיך ניט אין קיין געבילדעטע אַרבעטערס, מיר דאַרפן ניט מער ווי אַרבעט־חיות!" דער חילוק איז נאָר וואָס די היינטיקע רעאַקציאָנערן דאַרפן דווקא עפּעס אַ „געבילדעטע" אַרבעט־חיה, וואָס זאָל טויגן פאַר טעכניקערס פון דער שווערער אינדוסטריע, פאַר אינזשינירן פון ראַקעטן, אַטאָם־באָמבעס אאַז"וו. פערער האָט מיט ביטערניש פאַרויסגעזען אַט די נייע פאָרעם פון די אַלטע באַרבאַרישע אידעען מכוח דער דער־ציונג פון דער יוגנט, און ער האָט דעריבער געוואָרנט מיטן גאַנצן כוח קעגן דעם איבערלאָזן די דערציונג אין די הענט פון די רעגירונג.

## 11. וועגן היסטאָרער נויטווענדיקייט

דאָס דערקלערן אַלע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען ווי „היס־טאָרישע נויטווענדיקייטן", ד.ה. אַז אַלץ וואָס איז געשען האָט געמוזט געשען און אַלץ וואָס וועט זיין אין פאָרויס באַשטימט אָדער פאַר־משפּט, אַז עס מוז אַזוי און נישט אַנדערש זיין. די דאָזיקע לערע דערקלערט אויך אַז אַלץ וואָס שטיצט זיך אויפן מענטשלעכן גייסט

האָט גאָר ניט קיין וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט און איז ניט מער ווי פֿאַנטאַזירעריי און אוטאָפּיע. דערמיט רייסט אָט די לערע אונטער דעם באָדן פֿאַר אַ נייער קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט פֿאַר אַ בעסערער געזעלשאַפט וואָס קען קומען, ווי אַ גייסטיק־מאָראַלישער דערוואַ־כונג, אָדער פּרייוויליקן ווילן פֿון מענטש. דער מאַרקסיזם פֿאַרוואַנדלט דעם סאָציאַליזם אין אַ וויסנשאַפט פֿאַרגעסנדיק אַז דער ציל פֿון דער וויסנשאַפט איז גאָר ניט צו דינען קיין געזעלשאַפטלעכע אָדער פּאָליטישע שטרעבונג. איר הויפּט־ציל איז צו באַזייטיקן די טונקל־קייט אין וועלכע עס איז איינגעהילט אונדזער עקזיסטענץ. זי באַנוצט זיך דערצו מיט די מעטאָדן פֿון אָבסערוואַציע און אַנאַליז, מיר וואָלטן אָבער ניט געהאַט קיין ערנסטע דערגרייכונגען אין דער וויסנשאַפט אָן דעם באַנוצן זיך מיט אונדזער אינטואיציע. אָן איר וואָלטן מיר ניט באַנומען די רעאַליטעט, וואָס איז איינגעהילט ניט נאָר אין סודותדיקייט נאָר אויך אין ווידערשפּרוכן און אַנטינאָמען, וואָס זענען שטאַרק טענדענציעז און מאַלן אונדז אויס די רעאַליטעט אַלע מאָל אַנדערש. עס איז גאָר ניט לייכט אונדז צו פֿאַנגען די באַוועגלעכע רעאַליטעט אין די נעצן פֿון אונדזער „קלאָרן שכל" אָן דער הילף פֿון אונדזער פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט, וואָס איז אויך ניט שטאַרק אָביעקטיוו. דערפֿאַר מוזן מיר זיך גרינטלעך באַפֿרייען פֿון יעדן דאָגמאַיזם וואָס בויט אירע „אמתן" אויף אַבסאָלוטע דאָקטרינעס. אפֿילו דער ענגלישער פֿילאָזאָף בערטראַנד ראַסל, וואָס האָט זיינע געדאַנקען געשטיצט אויף מאַטעמאַטישע און לאָגישע געזעצן, האָט כאָטש די זון גייט אויף יעדן טאָג מיט דער זעלבער מאַטעמאַטישער גענויקייט, ניט שטאַרק זיך פֿאַרלאָזט אויף דער וויסנשאַפֿטלעכקייט פֿון די נאַטור־געזעצן. אויך איינשטיין, דער וויכטיקסטער זייל פֿון לאָגישן פּאָזיטיוויזם, האָט אַרויסגערוקט די וויכטיקייט פֿון דמיון און אינטואיציע און זיי צוגעשריבן אַ גרעסערע חשיבות ווי דער וויסנשאַפט, ווייל יעדע דערפֿינדערישקייט פֿון אונדזער געדאַנק טראָגט זיך אויף די פֿליגלען פֿון דער פֿאַנטאַזיע. זי האָט דאָס דער מאַטעמאַטיק געשאָנקען די שפּראַך פֿון סימבאָלן וואָס העלפֿן אונדז באַנעמען די קאָנקרעטע רעאַליטעט מיט דער הילף פֿון אַבסטראַקטע ציפֿערן. די הויכע מאַטעמאַטיק, ווי די עקזאַק־

טע וויסנשאַפט פאַלט אָפּט אַריין אין דער כימעריע און אין די אָרעמס פון דער מעטאַפיזיק.

שוין מיטן דערפינדן פון דער ראָד האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן דער נייער וועלט־באַנעם פון אַ פּליסנדיקע רעאַליטעט, פון נייע שייכותן צווישן צייט, רוים און באַוועגונג. נאָר די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט אויסגעפונען און פאָרמולירט, אַלע מאָל פון דאָס ניי, די נאַטור־געזעצן. די פאַנטאַזיע וועלכע הערשט איבער דער וויסנשאַפט לעבט ניט בשלום מיטן טערמיניזם, ווייל זי אַליין דער־נערט זיך פון צופאַל און שווימט אַרויס פון דער פאַרנעפּלדיקער סודותקייט. יעדע דערפאַרונג און נייע היפּאָטעזע ענדערט פון דאָס ניי אונדזער באַנעמען דער רעאַליטעט.

נאָך מער איז דאָס געזאָגט לגבי געשיכטלעכע דערשיינונגען. די היסטאָריזאָפיע וואָס ווייסט ניט פון קיין עקסיאָמען און טאַפּטשעט אין דער געשיכטלעכער פאַרנעפּלטקייט טאָר דאָך ניט זוכן קיין געזעצן,ווי זיי זענען ניט בנמצא. די געשיכטע איז דאָך רייך מיט „אינצידענטן״, וואָס מאַכן צונישט די טעאָריע פון „היסטאָרישער נויטווענדיקייט״. מיר קענען קיינמאָל ניט באַווייזן, אַז דאָס וואָס איז געשען האָט געמוזט געשען. דעריבער איז דאָס אָנשפאַרן אַ געזעלשאַפטלעכע ווזיע, ווי דער סאָציאַליזם, אויף אַ ניט שטאַנד־מאַפּטיקע טעאָריע, וואָס פּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז, איז אַן אומזין. ווי קענען מיר באַווייזן, אַז היטלער, סטאַלין אָדער אוישוויץ זענען געווען „היסטאָרישע נויטווענדיקייטן״. מען קען דאָס גיכער דער־קלערן ווי היסטאָרישע אומגליקן.

די חכמים וועלכע ווילן דאָס לעבן צופּאַסן צו זייערע טעאָריעס, אַנשטאָט צו וואָגן צו גרויסע געדאַנקען און טאָטן פאַרנעמען זיך מיט זוכן געזעצן פאַר דער געשיכטע. זיי פאַרגעסן אַז די געשיכטע האָט גאָר ניט קיין געזעצן, ווי עס איז גאָר ניטאָ קיין געזעצן אַפילו אין דער נאַטור. שוין ניוטאָן האָט ריכטיק באַמערקט אַז דאָס וואָס מיר רופן „נאַטור־געזעצן״, זענען אייגנטלעך ניט מער ווי פאָרמוליעס וואָס דער מענטש שאַפט זיך, כדי זיך קלאָר צו מאַכן געוויסע נאַטור־דער־שיינונגען. ד. ה. מיר שאַפן זיך טעאָריעס און היפּאָטעזעס כדי זיך אַביסל אַרויסצופּלאָנטערן פון דער גרויסער נאַטור־סטיכיע, וואָס

איז אַזוי רייך מיט קאַטאַסטראָפעס, ערד־ציטערנישן, ווולקאַנען אויס־ברוכן, נאַטור־אומגליקן, פונקט ווי די געשיכטע איז דערמיט רייך. וואָס זענען דען די אַלע בלוטיקע מלחמות, רעוואָלוציעס, דער היטלעריזם און סטאַליניזם, אוישוויץ, קאַמבאָדזשאַ און כומייני; אַלע מאָרדן איבער פעלקער, אַלע אינקוויזיציעס, רעליגיעזע־פאַנאַ־טישע אויסברוכן אויב ניט קיין געשיכטלעכע קאַטאַסטראָפעס און געשיכטעלעכע אומגליקן?

אומזיסט ווילן די גרויסע חכמים די אומגליקן אַריינפּאַסן אין ראַמען פון וויסנשאַפטלעכע געזעצן, וועלכע מיר קענען אַפילו מיט אונדזער „קלאָרן שכל" ניט באַנעמען. וואָס פאַראַ לאָגיק, וואָס פאַראַ קלאַסן־אינטערעסן, וואָס פאַראַ „געשיכטלעכע נויטווענדי־קייט" האָט געשטעקט אין דערמאָרדן זעקס מיליאָן יידן, דערפון אַנדערטהאַלבן מיליאָן אומשולדיקע יידישע קינדער? אויך ניט מיט דער הילף פון דער „מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק", קען מען דאָס פאַרענטפערן. מיר קענען אָט דעם גרויל פון דער בלוטיקער אוישוויצער ווירקלעכקייט באַנעמען ווי עפּעס אַ מיסטישע ניט־ווירקלעכקייט, ווי עפּעס אַ בייזער חלום פון שריפות וואָס רויכערן זיך אין מתים־טהאָלן.

עס איז בכלל אַ ספק צי געשיכטע איז אַ וויסנשאַפט, ווייל זי ווערט דאָך געשריבן טענדענציעז, לויט די סוביעקטיווע מיינונגען און געדאַנקען פון די היסטאָריקער.

מאַרקס און ענגעלס, די פאַטערס פון מאַרקסיזם, האָבן דאַרווינס ביאָלאָגישע לערע פון נאַטירלעכן אויסוואַל אַריינגעפירט אין דער סאָציאָלאָגיע. אַנשטאָט קאַמף פון מינים דאַרף דער נאַטירלעכן אויסוואַל אין דער געזעלשאַפט פאָרקומען דורך אַ קאַמף פון קלאַסן. אין קאָמוניסטישן מאַניפעסט" שרייבן זיי: „די געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז שטענדיק געווען, אַזוי ווי ביז איצט די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף". מאַרקס האָט פאַרגעסן אַז עס זענען געווען אויך רעליגיעזע קאַמפן, פעלקער מלחמות צווישן פעאָדאַלע דינאַסטיעס, מלחמות פאַר מאַכט אין די ראַמען פון זעלבן קלאַס. די דאָזיקע קלאַסן־טעאָריע שטערט גאָר ניט אַז מענטשן פון זעלבן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס זאָלן פירן צווישן זיך בלוטיקע מלחמות און

דאָס קאָמוניסטישע כינע זאָל פירן מלחמה מיט אירע וויעטנאַמישע חברים און די וויעטנאַמישע קאָמוניסטן זאָלן מאָרדן זייערע קאָמוניס־טישע ברידער פון קאַמבאָדזשע, אַז דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד זאָל דראָען מיט האַרמאַטן זייערע כינעזישע חברים אין נאָמען פון מאַרקסיזם. ווי זענען אַלזאָ די קלאַסן־אינטערעסן? דער אמת איז אַז עס זענען דאָ נאָר מאַכט־אינטערעסן, ווי עס טענהט שטענדיק דער אַנאַרכיזם.

מיר פּרובירן גאָר ניט צו לייקענען אין דער גרויסער ראָלע וואָס עס שפּילט דאָס דערנערן אויף דעם טראַכטן, דאָס מיינט אויך די ראָלע פון דער עקאָנאָמיק אויף אונדזער גייסטיק און געזעלשאַפט־לעבן לעבן. מאַרקס האָט אָבער איבערגעזאָלצן מיט זיין „מאָגן פילאָזאָפיע" און דערביי אונטערגעשאַצט די ראָלע פון דעם פּסיכישן גורם אין לעבן פון יחיד, געזעלשאַפט און איר ראָלע אין דער געשיכ־טע. מעגלעך אַז אַ צווייטער יידן, פּרויד, האָט אפשר אַ צו גרויסע ראָלע צוגעשריבן דעם סעקס, כאָטש ביאָלאָגן שטעלן דעם גורם פון פאַרמערונג אויף דעם זעלבן פלאַץ וואָס דערנערונג. פּרויד האָט אָבער אין דער מענטשלעכער נשמה אַנטדעקט אַ נייעם קאָנטינענט, דעם אונטערבאַוווסטזיין. פון וואַנען עס שטאַמען אַלע אונדזערע האַנדלונגען, ווי עס ווינט די אינטואיציע, פאַנטאַזיע און חלום, וואָס זענען די מוטער פון אַלע אונדזערע גלויבנס און שטרעבונגען, ווי פון דער קונסט און וויסנשאַפט. פּרויד האָט אונדז געוויזן די גרויסע ראָלע וואָס עס שפּילט אין די מענטשלעכע האַנדלונגען זיינע געפילן, ליידנשאַפטן, אינסטינקטן, וואָס האָבן גאָר ניט קיין קלענערע ראָלע אויף די האַנדלונגען פון יחיד און געזעלשאַפט און ווירקט ניט ווייניקער, ווי די עקאָנאָמישע פּראָצעסן אויף די געשיכטלעכע געשעענישן אין די אונטערקוליסן פון מלחמות, רע־וואָלוציעס, פּאָגראָמען, קאַטוילישע אינקוויזיציעס, „מאָסקווער פּראָ־צעסן". מיר וואָלטן אַז פּרוידן ניט פאַרשטאַנען די טונקלקייטן וואָס באַהאַלטן זיך אונטער אַלע געשיכטלעכע גרויזאַמקייטן, סאַדיזם און אכזריות, מיר קענען נאָר אין דער פּסיכאָפּאַטיע געפינען דער־קלערונגען פון אַזעלכע דערשיינונגען, ווי דער היטלעריזם, סטאַלי־ניזם, און אַריינקריכן אין די נשמות פון אַ ראָביספּיער, אָדער

נאַפּאָלעאָן. מיר וואָלטן אַן אַדלערס טעאָריע פון „מינדערוווערטיקייט־קאָמפּלעקס" ניט פאַרשטאַנען דעם יצר פון הערשאַפט און ניט די האַנדלונגען פון אַלע דיקטאַטאָרן און גרויזאַמע דעספּאָטן.

אַ דאַנק פרוידס געניאַלקייט איז באַוויזן געוואָרן פון דער סאָציאָלאָגיע די מאַרקסיסטישע איינזייטיקייט. דער פּסיכאָלאָגישער פאַקטאָר שפּילט דאָך צוזאַמען מיטן עקאָנאָמישן, איר וויכטיקע ראָלע אויפן גאַנג פון דער געשיכטע.

## 12. צי איז אַנאַרכיזם אַן אוטאָפּיע?

עס ווערט שטאַרק פאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז יעדע ווירקלעכ־קייט האָט אונטער די פליגלען פון די שענסטע אידעאַלן און אידעלסטע באַגערן, אַז יעדע אידייע ווען זי האָלט אַפּ איר נצחון, ווען זי דערגרייכט איר ציל מוז זי גיין אויף שווערע קאָמפּראָמיסן מיט דער ווירקלעכקייט. אָדער, ווי שאָפּנהויער האָט זיך אויסגעדרוקט, אַז דער זיג פון אַן אידייע איז אויך איר אומקום. דערפון דער אויספיר, אַז דאָס קריטיקירן די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פירט צו גאָר ניט, ווייל שולדיק איז דאָך דער מענטש, וואָס שאַפט די אינסטיטוציעס. ד.ה. דער רעזשים איז שלעכט ווייל דער מענטש איז שלעכט. פון וואַנען שטאַמט אָט די מיינונגן?

קודם כל פון דעם אָבערגלויבן, אַז „אַנדערש קען ניט זיין" און פון דער אַבסורדאַלער טעאָריע פון „היסטאָרישער נויטווענדי־קייט", וואָס גיט אַ געזעלשאַפטלעכן סטאַטוס צו אַלץ וואָס עקזיס־טירט און איז ניט ווערט צום עקזיסטירן, צו אַלץ וואָס געשעט און דאַרף ניט געשען. זי גיט אונדז די איינציקע ברירה צו קאַפּיטו־לירן פאַר עקזיסטירנדיקן שלעכטס, פאַרן פאַטאַליזם פון גורל. דאָס איז אַ טראַגישע מיספאַרשטענדעניש, וואָס אַנשטאַט וועקן אונדז צום בונט קעגן דער היסטאָרישער עוולה פון זיין פאַרשקלאַפט איין מענטש צום צווייטן. מאַכט זי אונדז פּאַסיוו צו די דערשיינונגען פון לעבן.

די אַלע וואָס ציטערן פאַר יעדע ענדערונג, שרעקן אונדז מיטן

וואָרט — אוטאָפּיע, כאָטש דער גאַנצער מענטשלעכער פּראָגרעס איז דער אייביקער גאַנג פון אוטאָפּיע צו אוטאָפּיע. אָן איר וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין געוואַגטער געדאַנק. אַלע גרויסע דענקער זענען געווען אוטאָפּיסטן, אַלע גרויסע אידעאַלן — אוטאָפּיעס. דער וועלט־פרידן, פעלקער־ברודערשאַפט, יושר, אויך דער ציוניזם זענען געווען אוטאָפּיעס. פריער איז די מענטשלעכע פאַנטאַזיע געפלויגן אין די הימלען איידער מיר זענען געפלויגן מיט עראָפּלאַנען. אַלץ וואָס זעט אונדז היינט אויס רעאַל וועט מאָרגן זיין ניט שכלדיק, פון אוטאָפּיעס ווערט געבוירן יעדע נייע ווירקלעכקייט.

דער גרעסטער פּאָר גליק איז אַ שטאַרק קאָמפּליצירטער, ווייל דעם מענטש איז אַלץ ניט קלאָר וואָס איז אַזוינס גליק. אויב גליק מיינט דאָס דערגרייכן דאָס באַגערטע, ווייסן מיר קיינמאָל ניט ווי וועט אין דער ווירלעכקייט אויסזען דאָס באַגערטע, ווייל יעדע זאַך באַזיצט דער מענטש פריער אין טרוים איידער ער באַזיצט דאָס אין דער ווירקלעכקייט.

איז טאַקע דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון מענטשלעכן טראַכטן, ווי אַזוי „אַריינצושפּרינגען פון דעם קעניגרייך פון נויטווענדיקייט אין דעם קעניגרייך פון פרייהייט" (ענגעלס), דערפון אַלע מענטשלעכע אוטאָפּיעס פון דעם רעליגיעזן גלויבן אין אַ געטלעכער קעניגרייך ביז די סאָציאַלע אוטאָפּיעס פון אַן אידעאַלע קעניגרייך אָן אַ גאָט.

אויב דער ווילן צו לעבן אין אַ געזעלשאַפט פון יושר, פרייהייט און שלום אַנשטאָט אין אַ וועלט פון גזילה, ליגנגט, פּחד, מאָרד און אונטערטעניקייט ווערט אָנגערופן — אוטאָפּיע, ווילן מיר זיין אוטאָ־פּיסטן. איז דען ניט נויטווענדיקער צו באַפרייען זיך פון דער אָרגאַ־גאַנטישער ביוראָקראַטיע און הערשנדיקע עליטעס וואָס שטויסט די וועלט צו סאָציאַלע קאַטאַקליזמען און פעלקער־שחיטות?

דער ציל פון דער „אוטאָפּיע", וואָס מען רופט אַנאַרכיזם איז צו הייבן די חשיבות פון יחיד, מאַכן אים פאַרן בעלי־בית איבערן אייגענעם גורל, אַז קיין שום זאַך זאָל ניט געשען, וואָס דער מענטש וויל ניט עס זאָל געשען.

די „רעאַל"־פּאָליטיקער האָבן דערקלערט דעם אַנאַרכיזם פאַר אַן אוטאָפּיע און זיי גלויבן אַז אַלץ וואָס זיי פּרעדיקן און טוען איז

שכלדיק און רעאַל. ווען דאָס וואָלט געווען אמת וואָלט דאַך די געשיכטע פון די פעלקער ניט געוווּסט פון אַזוי פיל דורכפאַלן, אומ־גליקן, פון מלחמות און בלוט פאַרגיסונגען, כאָטש זיי און די מוש־לים האַלטן זיך פאַר די פאַרטיידיקער פון געזעץ און אָרדענונג, זענען זיי דאַך די פאַקטישע אַרכיטעקטן פון אומאָרדענונג, כאַאָס, הפקר און טעראָר, אויב דאָס ליגט אין די אינטערעסן פון זייער הערשונג אָדער אַפילו צוליב זייערע פערזענלעכע אַמביציעס. זיי נוצן אויס די נייגונג פון די מאַסן צו מאַכן זיך געצן, צו שאַפן לעגענדעס אַרום פירער און קענען ניט באַגרייפן דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק, אַז עס קאָן עקזיסטירן אַ געזעלשאַפט אָן מלוכהשן צוואַנג, אַז אָן דעם כוח פון דער בייטש, איז מעגלעך איינצוהאַלטן רו און אָרדענונג. האָבן דען ניט מיליאָנען געריטשעט: „הייל היטלער", אָדער געפּאַטשט בראַוואָ דעם „געניאַלן" סטאַלין? אַפילו מיטן קליינעם שטים־צעטל קענען מאַסן זיך פרייוויליק פאַרשקלאַפן. אָבער די וועלט־באַנדיטן און וועלט־פאַרדאַרבערס נויטיקן זיך אין דער טיפּשות פון די מאַסן, זיי בעסער צו באַשווינדלען און באַגזלען.

דער אַנאַרכיזם איז אָבער קיינמאָל ניט געווען און איז היינט ניט קיין אוטאָפּיע, ווייל זי רופט דאַך צו אַ קאָנסטרוקטיוון סאָציאַ־ליזם, וואָס קאָן אין יעדער צייט פאַרווירקלעכט ווערן, דורך אָרגאַ־ניזירן קאָלעקטיוון, קאָאָפּעראַטיוון, קיבוצים און נויטיקט זיך דערצו ניט צו פאַרכאַפּן קיין מאַכט, ניט אין דער הילף פון מיליטער, פּאָ־ליציי און טורמעס, אַפילו ניט אין אַ באַשטעטיקונג פון אַ פּאַרלאַ־מענט, נאָר אין דעם פרייען, פרייוויליקן ווילן פון יעדן מענטש באַזונדער. דער אַנאַרכיזם וואָס איז קעגן יעדע אַגרעסיע, טעראָר און דיקטאַטור, האַלט יעדן דעמאָקראַטישן רעזשים פאַר בעסער ווי די דיקטאַטור, דאָס מיינט אָבער ניט קיין קולט פאַר דעמאָקראַטיע, ווייל אויך אין אַ דעמאָקראַטישן רעזשים הערשט ניט דאָס פאָלק נאָר די פּריווילעגירטע עליטע פון פּאָליטיקאַנטן; ווייל אויך דעמאָ־קראַטישע רעגירונגען זוכן אויסצושפּרייטן, זייער הערשאַפט, צו פאַר־כאַפּן און איינשלינגען קליינע און שוואַכע פעלקער. אויך צוויי דעמאָקראַטישע רעזשימען קאָנען צווישן זיך פירן מלחמות פונקט ווי צוויי קאָמוניסטישע מדינות. (דאָס איז גאָר ניט קיין נייעס),

דערפאַר שטרעבט דער אַנאַרכיזם צו אַ געזעלשאַפט פון דירעקטער דעמאָקראַטיע, ווי דאָס פאָלק אַליין זאָל דעצידירן אין איר גורל און אַליין פאַרוואַלטן איבער זיך, דורך אַ זעלבסטפאַרוואַלטונג, אין אַ ניט־צענטראַליזירטע געזעלשאַפט פון פעדעראַטיווע, אויטאָנאָמיע און עטנישע איינהייטן, ווי יעדעס דאָרף, יעדער קאָלעקטיוו, יעדע שטאָט וועט אַליין זיך פאַרוואַלטן און אַלע פאַרייניקן אין אַ פרייען פאַרבאַנד פון פרייע מענטשן, וואָס ווייסן ניט פון מלחמות, פון קיין מלחמות צווישן פעלקער, ניט קיין קלאַסן־קאַמפן. איז דען ניט אַזאַ געזעלשאַפט, ווייניקער קאָמפּליצירט און פשוטער צו פאַרווירקלעכן, ווי לעבן אין אַ געזעלשאַפט, פון כאַאָס, מורא, בלוט־פאַרגיסונג און פאַרברעכנס ?

## 13. פרייהייט און אַנאַרכיע

דער באַגריף פרייהייט איז גאָר נישט אין קעגנזאַץ צו די געזעצן פון דער נאַטור און נישט קעגן די פליכטן פון דעם איינציקן צום געזעלשאַפטלעכן קאָלעקטיוו, נאָר פאַרקערט, זי איז דאָס צופּאַסן די אייגענע פרייהייט צו די נאַטור־געזעצן און צו נוצן פאַר דער געזעלשאַפט.

„נאָר פרייע מענטשן — שרייבט שפּינאָזאַ אין זיין „עטיק" — זענען באמת נוצלעך איינע דעם אַנדערן און פאַרבונדן צווישן זיך מיטן שטאַרקסטן בונד פון פריינדשאַפט". פרייהייט — שרייבט פּרודאָן — איז בעצם אַן אָרגאַניזירטע קראַפט כדי צו זיכערן די גלייכהייט צווישן מענטשן און דעם שלום צווישן פעלקער". פון דעם געזאָגטן איז קלאָר, אַז דאָרט ווי עס נישטאָ קיין פרייהייט הערשט ווילקיר און אונטערדריקונג.

גייסטיקע פרייהייט ווייסט נישט פון קיין באַגרענעצטע האָריזאָנטן, קיין פאַרווערטע וועגן, זי פאַרטראָגט נישט קיין צענזור, וואָס איז אייגנטלעך דער פחד פון די הערשער פאַרן אמת. דעריבער שטייט גייסטיקע פרייהייט אין איר אייביקן קאָנפליקט מיט דער מאַכט, וועמענס טבע איז אַנצוואַרפן אַלעמען נישט נאָר איר ווילן,

נאָר אויך איר אידעאָלאָגיע, אַריינקריכן אין דער נשמה און מישן זיך אין פּריוואַטן לעבן פון אירע בירגער. טאָטאַלע רעזשימען טוען דאָס ברוטאַלער ווי ליבעראַל־דעמאָקראַטישע, פאַרוואַנדלענדיק דאָס לעבן פון די פעלקער אין אַ גייסטיקן בית־הקברות.

מאַכט, איז אַ צייגעניש פון דער אומרייפקייט און אומנאָרמאַל־קייט פון געזעלשאַפטלעכן געבוי. זי איז אַ ירושה־קראַנקהייט פון די פּרימיטיווע דורות. מאַקס נעטלוי שרייבט אַז: „פרייהייט שטעלט מיט זיך פאַר אַ העכערע אַנטוויקלונג אין פאַרגלייך מיט מאַכט, פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער שטעלט מיט זיך פאַר אַ העכערע אַנטוויקלונג אין פאַרגלייך מיט אַ קינד". דער פּרימיטיווער מענטש קען זיך נישט פאָרשטעלן קיין לעבן אָן אַ הערשער, ווי ער קען זיך נישט פאָרשטעלן אַ לעבן אָן אַ גאָט.

פרייהייט איז ניט קיין אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר אַ טיפער באַגער, אַ נאַטירלעכער אינסטינקט, אַ טיף איינגעוואָרצלטער אין דער מענטשלעכער נאַטור און אויך ביי חיות. די פרייהייט פון מיטמענטש איז דער ערשטער באַדינג פאַר דער אייגענער פריי־הייט. אַ פרייער מענטש איז דער וואָס רעספּעקטירט די פרייהייט פון אַנדערע און איז טעטיק אין די נוצן פון אַנדערע.

פרייהייט מיינט פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט ניט צו באַשרענקען די פרייהייט פון מיט־מענטש. מען באַנוצט אָפט דעם באַגריף פרייהייט ווי אַ נעגאַציע צו פאַרשקלאַפונג. מען קען אָבער זיין פיזיש פריי און גייסטיק פאַרשקלאַפט. מען קען זיין פאַר־קנעכט צו אַבערגלויבנס, צו איינרעדענישן צו גלויבנס. אַ פאַ־נאַטיקער קען ניט זיין פריי.

אַ פרייער מענטש איז אָבער גאָר ניט פריי פון פליכטן. ניט קיין געצוווּנגענע, נאָר באַוווּסטזיניקע, פרייוויליקע: צו דער געזעל־שאַפט, צו נאָענטסטע, צו פריינט און חברים און אַזוי ווייטער.

פרייע מענטשן טראַכטן מיטן אייגענעם שכל און זענען טאָלע־ראַנט צו פרעמדע געדאַנקען און פרעמדע מיינונגען. זיי וואַרפן קיינמאָל ניט אָן קיינעם זייערע געדאַנקען און ניט זייער הערשאַפט. די וואָס הערשן איבער אַנדערע זענען אַליין קיינמאָל ניט פריי.

לויט דעם פרייען סאָציאַליזם דאַרף דער מענטש נישט זיין

קיין שקלאַף צו דער געזעלשאַפט — נאָר פּאַרקערט: די נאַטור, די געזעלשאַפט, די וויסנשאַפט, טעכניק און פילאָסאָפיע דאַרפן דינען די פרייהייט און גליקזעליקייט פון דעם מענטש. באַפרייען פון יעדן לאַסט פון גייסטיקער שקלאַפעריי, מיט רעכט צו לעבנס־פרייד. צו לעבן אָן באַפעלן, אָן האַרן. אמתער הומאַניזם מיינט דאָס וועקן אין מענטש דעם נאַטירלעכן חוש צו הומאָר, קריטיק, נייגעריקייט צום וויסן, צו פרייהייט, צו שיינקייט.

## 14. עקאָלאָגיע

זיין גליק קאָן דער מענטש געפינען נאָר אין די ראַמען פון געזעלשאַפטלעכער סאָלידאַריטעט אָבער אויך אין סאָלידאַריטעט מיט דער נאַטור. ווען אויך די באַפרייאונג פון מענטש מוזן קומען מיט דער באַפרייאונג פון דער נאַטור. דערפאַר ווען דער נביא ישעיהו האָט געזאָגט אַז: „אַ פאָלק וועט קעגן אַ צווייט פאָלק ניט אויפהייבן אַ שווערד״, האָט ער גלייך צוגעגעבן אַז: אַ וואָלף וועט הויזן מיט אַ שעפּס און אַ לעמפּערט מיט אַ ציג וועט הויזן און אַ לייב וועט ווי אַ רינד עסן שטרוי״. דאָס איז די וויזיע פון סאָלידאַריטעט צווישן מענטשן און פון דער נאַטור.

ווען מיר טראַכטן וועגן גליק מוזן מיר געדענקען אַז דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער ערד, פון וועלכער ער קען זיך ניט אָפּרייסן, אַ זון פון דער געזעלשאַפט פון וועלכער ער קאָן ניט אַנטלויפן.

מיט דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און אינדוס־טרי ווערט דער שייכות צווישן מענטש און נאַטור אַ גאָר ברענענ־דיק פּראָבלעם.ליידער איז אייגנטום און טעכניק אַ שונא פון דער נאַ־טור. די נאַטור שענקט אונדז גאָר ניט אויף גראַטיס און מיר מוזן מיט איר מיטאַרבעטן. מיר לעבן מיט אַ פאַלשן באַגריף אַז ערד, וואַסער און לופט זענען אומאויסשעפּלעך און מיר פאַרסמען און צעשטערן אירע אוצרות. מיטן פאַרגוואַלדיקן די נאַטור איז אויך אָפּהענגיק די באַציאונג פון מענטש צו מענטש. אויך צו דער נאַטור דאַרפן

מיר זיין הומאַניטאַר. אויך צו דער חיות־וועלט, וועלכע זענען דאָך אונדזערע שכנים. דער מאָרד איבער מענטשן הויבט זיך אָן מיטן מאָרד איבער חיות.

דער אַנאַרכיזם אַלס אַ קולטור־מאָראַלישע באַוועגונג קען ניט בלייבן גלייכגילטיק צו דער פאַרברעכערישער באַציאונג פון די מושלים און עקספּלאָאַטאָרן צום לעבן און געזונט פון מענטש, ווי צו דער הפקרדיקער עקספּלאָאַטאַציע פון דער נאַטור. מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אַז מיר זענען ניט דער לעצטער דור אויף אונדזער פּלאַנעט און טראָגן אויך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די קומענדיקע דורות. דער אַנאַרכיזם, ספּעציעל אין האָלאַנד, האָט דער ערשטער אויפגעהויבן דעם פּראָטעסט קעגן פאַרסמען די וועלט. דער קאַפּיטאַליסטישער גייציק נאָך ריווח שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין זאַך און גייט אָן מיט אַ הפקרדיקער, סופּער־עקספּלאָאַטאַציע, מיט באַראַבעווען די נאַטור. די הערשער פון דער וועלט, אויב זיי שיקן ניט די מענטשן דערמאָרדעט צו ווערן אויף די שלאַכטפעלדער, זענען גלייכגילטיק וואָס מיר ווערן פאַרסמט אין די פאַבריקן, וואָס מיר ווערן דערמאָרדעט אויף די וועגן, אויף וועלכע עס לויערט דער מלאך המוות. די אויטאָ קאַטאַסטראָפעס נעמען אָן אַ מוראדיקן כאַראַקטער.

מיטן זעלבן אייפער ווי איין מענטש, אָדער אַ גרופּע מענטשן, ווילן הערשן איבער אַנדערע, אַזוי שטאַרק וויל דער מענטש הערשן איבער נאַטור. דער מענטש, ניט נאָר וואָס ער עקספּלאָאַטירט ברוטאַל די נאַטור, נאָר ער טוט זי ביסלעכווייז פאַרניכטן. די היינטיקע טעכניק פאַרסמט די לופט, די טייכן און ימען, ברענגט אום די וועלדער. אָט די הפקר־באַציאונג צו דער נאַטור, די פאַרשפּרייטונג פון דער אַטאָם־אינדוסטריע, וואָס פילט אָן די לופט מיט שעדלעכע ראַדיאָ־אַקטיווע אַרויסשטראַלונגען. דאָס פאַרנאַכלעסיקן די סאָציאַלע און עקאָלאָגישע קריטעריעס איז דער קין־צייכן פון דער היינטיקער צייט. דער קאַמף קעגן דער פאַרברעכערישער באַציאונג צו דער נאַטור איז מיט גאָר ניט וויינקער וויכטיק ווי דער עקאָנאָמישער קאַמף. דאָס איז דאָך אויך דער קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די דורות וואָס קומען נאָך אונדז, פאַר

אונדזערע קינדער און אייניקלעך. מיר מוזן דאָך אויך זײַן פֿאַראַנט־וואָרטלעך פֿאַר די קומענדיקע דורות.

דער גרעסטער פֿאַרברעכן קומט פֿאַר, אין די הויך אַנטוויקלטע לענדער, אויפֿן געביט פֿון דער קאָמוניקאַציע.

עס איז אַ פֿאַקט אַז איין אויטאָבוס קען דרייסט פֿאַרטרעטן 60 פּריוואַטע אויטאָס, און פֿירן מיליאָנען מענטשן צו דער אַרבעט און צוריק אַהיים. מיר קענען זיך פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַראַ אומגעהייערע איינשפּאָרונג פֿון ענערגיע, וויפֿל ווייניקער די לופֿט וואָלט געוואָרן פֿאַרקאָפּטשעט און וויפֿל ווייניקער מענטשן וואָלטן אומגעקומען אויף די שאָסייען. שוין אָפּגערעדט פֿון די קאָסטן. וויפֿל מעטאַל, און אַנדערע רוישטאָפֿן וואָלטן ניט פֿאַרשווענדט געוואָרן, וויפֿל ווייניקער שאָסייען און אַספֿאַל מען וואָלט אײַגעשפּאָרט און וויפֿל ווייניקער קאַטאַסטראָפֿעס אויף די וועגן. אַוודאי איז. פֿאַר דעם וואָס קען זיך דערלויבן, פֿיל באַקוועמער צו פֿאָרן מיט אַן אייגענעם אויטאָ, ווי מיט דער באַן אָדער אויטאָבוס. ניט נאָר באַקוועמלעכקייט, דאָס גיט אים אויך אַ העכערן סאָציאַלן סטאַטוס, ווי אַ מענטש פֿון אַ העכערע סאָציאַלע מדרגה. קומט טאַקע פֿאַר אַ גײַציג פֿאַר באַקוועמלעכקייט, פֿאַר לוקסוס אויפֿן חשבון פֿון אייגענעם און געזונט פֿון אַנדערע, אויפֿן חשבון אָפֿט פֿון לעבן. וויפֿל לעבנס ווערן אונטערגעשניטן נאָר כּדי איינשפּאָרן דאָס שטיקל וועג פֿון דער שטוב ביזן אויטאָבוס, באַן אָדער מעטראָ. פֿון יחידישן שטאַנדפּונקט איז באַקוועם צו האָבן אַ פּריוואַטן אויטאָ, אָבער פֿון קאָלעקטיוון שטאַנדפּונקט, נעמענדיק אין אַכט די ריזיקע ענערגיע־פֿאַרשווענדונג, איז דאָס אַנטי־סאָציאַל. אָבער די וועגן און שאָסייען ווערן וואָס אַמאָל מער פֿאַרשטאָפּט פֿון די פּריוואַטע אויטאָס אַזוי אַז פֿאַר דעם אויטאָ־באַזיצער ווערט די באַקוועמלעכקייט אומבאַקוועם.

די פּריוואַטע אויטאָס, וואָס פֿאַר אירע באַזיצערס איז דאָס אַ גרויסע באַקוועמלעכקייט, ווערט אָבער פֿאַרן קאָלעקטיוו אַלץ מער אַ גרויסע קללה. דאָס פּראָבלעם פֿון קאָמוניקאַציע ווערט אַלץ מער קאָמפּליצירט. די רעגירונגען, וועלכע זענען ניט פֿעיִק צו לייזן קיין איינע פֿון די געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען, זענען אויך אומבאַ־

האָלפֿן אין דער פֿראַגע פֿון קאָמוניקאַציע. זענען דאָך ניט פֿריי צו מאַכן ראַציאָנעלע ענדערונגען לטובת דער עפֿנטלעכע קאָמוניקאַציע און אָפּרייניקן די גאַסן פֿון די שטעט, פֿון דער אויטאָ־פֿאַרפּלייצונג. אָפּרייניקן די לופֿט פֿון קאַפּעטש און סמים.

דאָס וואָלט געקאָנט טאָן נאָר אַ פֿרייע אַדמיניסטראַציע, וואָס זאָל ניט זיין אָפּהענגיק פֿון דעם דרוק פֿון די פֿאַראינטערעסירטע אויטאָ־אינדוסטריעלער און אויטאָ־סוחרים, זי וואָלט געקאָנט די פֿראַגע לייזן אין פֿולער פֿאַרשטענדיקונג פֿון דער גאַנצער באַפֿעל־קערונג און נוצן פֿון יחיד און פֿון דעם קאָלעקטיוו, ווי אין די גע־זונט־אינטערעסן פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג.

דער אַנאַרכיזם מיינט גאָר ניט אַז ער פֿאַרמאָגט אַ תרופֿת־פּלא פֿאַר יעדער געזעלשאַפֿטלעכער קראַנקייט. אין איין זאַך זענען די אַנאַרכיסטן זיכער אַז מיט דער הילף פֿון דער מלוכה קאָן מען קיין געזונטע געזעלשאַפֿט ניט בויען, ווייל די מלוכה אַליין איז דער גרעסטער פֿאַרברעכער און אַרכיטעקט פֿון גרעסטן אומאָרדענונג, די שולדיקע פֿון אַלע פֿעלקער־מלחמות, פֿון די מערסטע אינטריגעס, שנאה און פֿאַרברעכנס.

אַנאַרכיזם האָט קיינמאָל ניט באַטראַכט, אַז וועלכער עס איז גע־דאַנק לאָזט זיך ניט ענדערן אָדער אָפּרופֿן, כאָטש זי האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען קיין „אייביקע אמתן" און ניט געשאַפֿן קיין דאָגמעס, וועט זי זיך אָבער קיינמאָל ניט אָפּזאָגן פֿון איר נעגאַציע צו מאַכט און הערשאַפֿט, ווייל דאָס איז דער געוואָגסטער און איר דערהויי־בענער געדאַנק, דער אַלטערנאַטיוו צו דעם אומזין און געבוי פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט; פֿון איר קראַנקייט. מיט אָט דעם הומאַניטאַרן געדאַנק שפּאַנט דער אַנאַרכיזם אין די פֿאָדערשטע רייען פֿון גייסטיקע שטרעבונגען און הומאַניטאַרע וויזיעס, צו אַ פֿרייער און יושרדיקער געזעלשאַפֿט.

## 15. אַנאַרכיזם ביי יידן אין צאַרישן רוסלאַנד

די ערשטע אַנאַרכיסטישע גרופּן אין רוסלאַנד זענען אַנטשטאַנען אין צווייטן העלפֿט פֿון די 70־קער יאָרן אונטער דער השפּעה פֿון

באַקונינען. זי איז אָבער גיך אויסגעגאַנגען אויף די עשאַפּאָטן און קאַטאָרגיע. די גערעטעוועטע זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און זיך קאָנצענטרירט באַזונדער אין גענף און אין לאָנדאָן. אין די יאָרן 1900—1903 האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אין רוסיש אַנאַרכיס־טישע ליטעראַטור ווי די ווערק פון באַקונינען, קראָפּאָטקין, טשערעס־קאָוו, עליזע רעקלי, זשאַן גראַוו, ווי אויך דאָס בוך פון אליעשווילי וועגן די שיקאַגער מאַרטירער. די אַלע ביכער זענען אַריינגעשמוגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיטן ערשטן אָרגאַן פון רוסישן אַנאַרכיזם: „כליעב אי וואָליאַ" (ברויט און פרייהייט). די רוסישע באַוועגונג אין אויסלאַנד איז באַשטאַנען פון רוסישע סטודענטן און יידישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבן אַן אַנאַר־כיסטישע צייטשריפט אין יידיש: „דער אַרבעטער פריינד". דער רעדאַקטאָר פון אָט דער יידישער צייטונג איז געוואָרן אַ דייטש, דער אַנאַרכיסט רודאָלף ראָקער וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש כדי אָנצופירן מיט אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע און מיט עקאָנאָמישע און קולטורעלע טעטיקייט צווישן די יידישע עמיגראַנטן אין ענגלאַנד.

ערשט אין אָנהייב 1904 האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן אַנאַרכיס־טישע פעדעראַציעס אין אַ גאַנצע רייע שטעט פון רוסלאַנד און פוילן (פוילן האָט דעמאָלט געהערט צום צאַרישן רוסלאַנד), ווי די יידישע אַנאַרכיסטן האָבן געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָל. עס איז געווען גראָד אין די שטורמדיקסטע צייט און די גיך־אויסגעוואַקסענע באַ־וועגונג האָט גלייך געמוזט אַריין אין פייער פון די קאַמפן קעגן דער זעלבסטהערשאַפט, וועלכע האָט געהאַלטן דאָס פאָלק אין נויט און טעראָר. צווישן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען וואָס האָבן לויט דער טראַדיציע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", געענטפערט אויף דעם רעגירונגס־טעראָר, מיט טעראָר קעגן רעזשים, זענען געווען חוץ די אַנאַרכיסטן די פּאַרטייען: עס. ער. (סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָ־נערן), מאַקסימאַליסטן, די פּוילישע סאָציאַליסטן פּ.פּ.ס., אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן אָפּגעוואָרפן דעם מעטאָד פון אינדיווידועלן טעראָר, האָבן אָבער פּאַקטיש באַנוצט זיך מיט „עקס־פּראָפּיראַציעס". אַ דאַנק די פּאַרכאַפּטע מלוכהשע געלטער, האָבן זיי געקאָנט אָנפירן מיט דער פּאַרטיי טעטיקייט. אין שפּיץ פון זייערע

„עקספּראָפּיראַציעס", איז אין קאַווקאַז געשטאַנען דער מאַרקסיסט סטאַלין. אויך דער „בונד", וועלכער איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, האָט אָפט אַנטיילגענומען אין באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען און ביז היינט זענען זיי שטאָלץ מיט דעם אַטענטאַט פון דעם בונדיסט הירש לעקערט אויף דעם צאַרישן טשינאָווניק פאָן וואַל, וועלכער האָט באַפוילן צו שמייסן פּאָליטישע אַרעסטירטע. די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרמאָגט הונדערטער לעקערטס, וואָס זענען פאַר דער געשיכטע געבליבן אומבאַקאַנט. ווייל דער אַנאַרכיזם האָט זיך פאַרנומען מער מיט מאַכן געשיכטע ווי שרייבן געשיכטע. אין יענע שווערע באַדינגונגען האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן זאַמלען דאָקומענטן און אויפהאַלטן אַרכיוון, אַפילו אומלעגאַלע. דאָך זענען אַ סך העראָישע קאַפּיטלער ניט געגאַנגען פאַרלוירן אַ דאַנק די באַריכטן וואָס איז פון רוסישן אונטערגרונט איבערגעשיקט געוואָרן צו די אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישע קאָנגרעסן.

ווי מיר האָבן געזאָגט זענען די אַנאַרכיסטן ניט געווען די איינציקע וואָס האָבן באַנוצט זיך מיט טעראָר קעגן צאַרישן רעזשים. אַז עס איז ניט מעגלעך געווען אין צאַרישן רוסלאַנד קיין אַנדער פאָרם פון קאַמף, האָט דאָס אַמבעסטן דערציילט דער פירער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", דער רוסישער שרייבער מיכאַלאָווסקי, אין אַ בריוו אַרויסגעשיקט פון דער „פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג", ווי ער איז לאַנגע יאָרן געווען פאַרשפּאַרט. ער האָט געשריבן: „די סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד האָבן אָנגעהויבן זייער בלוטיקן קאַמף נאָכן אויספּרובירן אַלע די מיטלען מיט וועלכע עס באַנוצן זיך די פּאָליטישע פּאַרטייען אין מערב אייראָפּע. אָבער ביי אונדז האָט מען פאַר פּראָפּאַגאַנדע באַשטראָפט מיט קאַטאָרגע, פאַר ביכער, מיט טורמע פאַרשיקונג. אַז אויב מען פאַרשטאָפּט ביי אַ מענטשן, וואָס וויל רעדן, דאָס מויל, בינדט מען אים דערמיט פונאַנדער די הענט. די רעוואָלוציע וואָס האָט באַדאַרפט זיין באַוואָפנט מיטן וואָרט געצוווּנגען געוואָרן זיך צו באַוואָפענען מיט דינאַמיט". אַפילו קאַרל מאַרקס, ווי ענגעלס האָבן הויך געשעצט די טעראָריסטן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און זענען געווען מיט איייניקע פון זיי שטאַרק באַפריינדעט (לאָפּאַטין). נאָכפאָלגנדיק דעם פּראָצעס קעגן די

מערדער פון צאַר ניקאָליי, האָט מאַרקס געשריבן צו זיין טאָכטער: „דער טעראָר אין רוסלאַנד איז אַ היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט וועגן וועלכן מען קען אַזוי ווייניק מאָראַליזירן ווי וועגן אַן ערדציטערניש". דער רוסישער אַנאַרכיזם האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען. דער צאַרישער רעזשים איז נאָך אָקטאָבער 1905, געקומען אַביסל צו זיך האָט זי גלייך זיך גענומען צום טעראָר קעגן פאָלק און אָרגאַניזירט פּאָגראָמען קעגן די יידן. די צאָל קרבנות פון רעגירונגסטעראָר, בלויז פון פעברואַר 1905 ביז אויגוסט 1907, האָט באַטראָפן — געהרגעטע אין די גאַסן 19144. פאַרמשפּעטע צום טויט 3418, דערהרגעטע דורך קאָנוואָיען 1350, פאַרוווּנדעטע 20704, אַנדערע אומגעקומענע 1935. 78 טויזנט מענער, פרויען, סטודענטן און שילער, פאַרשיקטע דורך אַן „אַדמיניסטראַטיוון באַפעל", דאָס הייסט אָן אַ געריכט. 13 טויזנט זענען געהאַלטן געוואָרן אונטער אַרעסט. צוזאַמען נאָענט צו 200 טויזנט קרבנות און אויך מיליאָנען אַרבעטער און פויערים וועלכע זענען מאַסנווייז געשטאָרבן פון הונגער. דאָס אַלץ צו פאַרזיכערן די הערשאַפט פון אַ געקרוינטן אידיאָט מיט זיינע סאַטראַפּן. האָבן דען די אַנאַרכיסטן געהאַט אַן אַנדערן וועג ווי צי ענטפערן מיט אַ קעגנטעראָר? און מען מוז צוגעבן אַז די דעספּאָטיע האָט באַקומען גוט באַצאָלט, פאַר זייערע פאַרברעכנס. 4 טויזנט פאַרטיידיקער פון דעם בלוטיקן רעזשים זענען געפאַלן אין משך פון זעקס יאָר. דערפון 8 מיניסטאָרן, 1 אַרכיביסקופּ, 1 גרויספּירסט, 21 גענעראַלן, 12 גובערנאַטאָרן און שטאַב קאָמאַנדירן, 20 פּאָליציימייסטערס און קאָמאַנדירן פון שטראָף־עקספּעדיציעס, די איבעריקע שפּיאָנען, געהיים־אַגענטן און פּאָליציילייט.

אין ביאַליסטאָקער קרייז אין דער פאַבריק־שטאָט קרינקי האָבן די אַנאַרכיסטן פאַרכאַפּט די שטאָט און זי געהאַלטן אַ פּאָר טעג אין אירע הענט. אין ניזשני האָבן זיי אויפגעריסן דעם רעוויזיאָנס געריכט און דעם פּאָליציי אוטשאַסטאָק. אין אָדעס געוואָרפן אַ באָמבע אויף דער זשאַנדערמעריע און פיל פון זיי דערהרגעט אַלס נקמה פאַר אָרגאַניזירן דעם פּאָגראָם קעגן יידן. עס איז אויך דערהרגעט געוואָרן דער פּריסטאַוו פּאָגרעבעיאַ, דער אָרגאַניזאַטאָר פון הרגות אויף יידן, ווי אויך צוויי שעדלעכע אַגענטן פון דער געהיים־פּאָליציי.

אין מאָסקווע האָבן זיי געוואָרפן אַ באָמבע אויפן בנין פון דער „אָכראַנע" און פאַרברענט וויכטיקע דאָקומענטן. אין יאַקאַטעריניאָס־לאַוו האָבן זיי פרובירט אויפרייסן די קאַזאַרמע פון די קאַזאַקן, זיי האָבן דאָרט אויך אַריינגענאַרט די פּאָליציי אין אַ פאַסטקע און גוט באַצאָלט פאַר זייערע פאַרברעכנס. זיי האָבן אויך דערהרגעט דעם תליון פון דער שטאָט און אַן אָפיציר וואָס פלעגט פאַטשן די זעלנער פאַר ניט סאַלוטירן. אין באַקו האָבן זיי דערהרגעט דעם הויפּט פריסטאַוו. עס איז אוממעגלעך דאָ אויסצורעכענען אַלע נקמה־אַקטן פון די אַנאַרכיסטן אין רוסלאַנד און פוילן. זיי האָבן געפירט אַ פּאַקטישע מלחמה מיטן צאַרישן רעזשים און דערביי אויך אָנ־טיילגענומען אין עקאָנאָמישע אַקציעס צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער. זיי האָבן אָנגעפירט מיטן שטרייק פון די ביאַליס־טאָקער וועבער און פון אומגעגנט און מיט דעם שטרייק פון די מאַטראָסן אין אָדעס. אין מאַי 1906 ביי אַ פאַרצויגענעם שטרייק פון די ביאַליסטאָקער וועבער, ווען די בעלי־בתים האָבן אויסגעהונגערט די אַרבעטער האָבן די אַנאַרכיסטן אַטאַקירט די שפּייז־מאַגאַזינען און צעטיילט צווישן די הונגעריקע אַרבעטער ברויט און פלייש.

אַ גרויסע ראָלע האָבן די אַנאַרכיסטן געשפּילט ביי פאַרטיידיקן די יידישע באַפעלקערונג קעגן די פּאָגראָמען, באַזונדערס אין אָדעס און יעקאַטערינאָסלאַוו, און נקמה גענומען אין די אָרגאַניזאַטאָרן פון די פּאָגראָמען. אין וואַרשע האָבן זיי צעגראָמירט די יידישע אונטערוועלט, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט באַפאַלן יידישע אַר־בעטער און געפאָדערט פון זיי „פּראָטעקציע געלט". אין לאָדזש, ריגע, אָדעס, באַקו, און זשיטאָמיר האָבן די אַנאַרכיסטן אָנגעפירט מיט אַרבעטער שטרייקן און געווען אויך טעטיק אין קאַווקאַז, צווישן די פּויערים וואָס האָבן פאַרכאַפּט פּריוואַטע ערד. אין דאָרף קולנאַל אין קאַווקאַז האָבן די אַנאַרכיסטן אָרגאַניזירט אַ פּויערים־קאָמונע דערביי האָבן זיי געפירט אַ ברייטע אידעישע פּראָפּאַגאַנדע, אויפ־געהאַלטן געהיימע דרוקערייען, אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקן מוט און גבורה, באַפאַלן טורמעס און באַפרייט זייערע חברים. געהאָלפן מאַטעריעל די אַרבעטער פון די פאַרכאַפּטע מלוכהשע געלטער.

אַזאַ געוואַלטיקער, ביטערער און העראָישער קאַמף האָט ניט

געקאַנט געפירט ווערן אָן קרבנות. איז עס אויך געווען אַ לאַנגער מאַרטירער וועג מיט אַנאַרכיסטישע קרבנות. פון די ערשטע דריי יאָר פון דער אַקטיווער אַנאַרכיסטישער קאַמף־טעטיקייט אין רוס־לאַנד און פוילן איז ניטאָ קיין גענויע רשימה פון פאַרמשפּטע אַנאַר־כיסטן צום טויט. מען גיט אָן אומגעפער אַרום 60 דערשאָסענע אַנאַרכיסטן פון וועלכע אַ טייל פון זיי זענען געווען גוט באַקאַנט אין אויסלאַנד. אַ גרויסע צאָל אַנאַרכיסטן זענען געפאַלן דירעקט אין די קאַמפן. די אַנאַרכיסטן זענען אין גרעסטן טייל געווען באַוואָפנט און זיך ניט אונטערגעגעבן אָן אַ קאַמף. מען גיט אָן, אַז די געפאַלענע אין די שלאַכטן מיט דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע זענען אומ־געקומען איבער הונדערט אַנאַרכיסטן. בערך אַזוי פיל זענען פאַר־משפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן שווערע קאַטאָרגע. אַלע האָבן זיי מיט ווירדע, ביז דער לעצטער מינוט פון לעבן, געטראָגן דעם נאָמען אַנאַרכיסט.

מיר ווילן דאָס אילוסטרירן מיט אַ באַקאַנטן פאַקט. דעם 17 יאַנואַר 1906 זענען 11, פאַרמשפּטע אַנאַרכיסטן, אָפּגעפירט געוואָרן צום טויט. פינף סלופּעס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין טורמע פון וואַרשעווער ציטאַדעל. פאַרן דערשיסן האָט דער אַרבעטער יענקל גאָלדשטיין זיך געזעגנט מיט אַ רעדע צו די זעלנער, אַז זיי דערשיסן די געטרייסטע זין פון פאָלק און גערופן זיי זאָלן צוזאַמען מיט זיי אויסשרייען — זאָל לעבן דער אַנאַרכיזם! ווען די ביקסן האָבן זיך אויפגעהויבן זיי צו דערשיסן, האָבן אַלע געזונגען די „קאַמעריאַל״ און מיטן געזאַנג פון אַנאַרכיסטישן הימן אומגעקומען. צומאָרגנס האָט מען אין זעלבן ציטאַדעל דערשאָסן נאָך 6 אַנאַר־כיסטן. צווישן זיי דעם באַקאַנטן אַנאַרכיסטישן אָראַטאָר וויקטאָר ריווקין, וועלכער האָט אויף דער פראַגע פון אויספאָרשונגס־ריכטער. וואָס איז זיין פאַך, געענטפערט אַז זיין פאַך איז אומצוברענגען די בורזשואַזע טיראַניע. אין דריי־און־צוואַנציק טעג אַרום האָט מען דערשאָסן די לעצטע פינף פון די 16. צווישן זיי דעם יונגן גימנאַזיסט איגעלסאָן. זיין רעגירונגס־אַדוואָקאַט האָט אים געוואָלט ראַטעווען פון טויט און אים געבעטן ער זאָל דערקלערן אַז ער איז אַ גנב און דאָס פאַרכאַפּט מלוכה־געלט האָט ער געוואָלט נעמען פאַר זיך און

ניט פֿאַר דער אַנאַרכיטישער באַוועגונג, ער האָט אָבער עקשנותדיק, מיט אַ פֿעסטער שטים דערקלערט — איך בין אַן אַנאַרכיסט! און ער האָט, אין זיינע לעצטע ווערטער פֿאַרן טויט אויסגעשריגן: „איר קענט אונדזערע קערפּערס נאָר טויטן אָבער ניט אונדזער הייליקן גייסט״!

די דערשאָסענע זענען געווען:

שמואל פּורצייג, (17 יאָר), דוד קרישטאַל (18), יודקע קערנבערג (19 יאָר) וויקטאָר ריווקין (18 י.), אברהם ראַטקאָפּף (18 י.), שלמה ראָזנצווייג (20 י.), יעקוב גאָלדשטיין (20 י.), שיינער (20 י.), און יענקל פּפּעפּער (18 יאָר).

דער לעגענדאַרער העלד פֿון די קרינקער אַנאַרכיסטן איז געווען ניאָמקע פֿרידמאַן — ניאָמקע אַנאַרכיסט. געוואָקסן אין אַ שטוב פֿון הונגער און נויט. זיין טאַטע הערשל איז געווען אַ שניידער־לאַטוטניק. גאָר יונג איז ניאָמקע אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַנאַרכיסטישע באַוועגונג און אַרויסגעוויזן אַ סך העלדישקייט.

זייענדיק אין גאַנצן 15 יאָר, האָבן די ביאַליסטאָקער אַנאַרכיסטן אים אָנגעטרויט צו וואַרפֿן אַן אָפּשרעק־באָמבע אין קרינ־ניק. זי האָט אויפגעריסן מיט אַ גרויסן קראַך, אָבער קיינעם ניט געשאָדט. אַנטלויפנדיק האָט אַן „אוראַדניק״ אים געכאַפּט און אָפּגעפירט אין דער גראָדנער תפיסה. כאָטש די באָמבע האָט קיינעם ניט געשאָדט. און די יידן פֿון שטעטל האָבן געשטעלט די בעסטע אַדוואָקאַטן און עדות וואָס האָבן פֿאַרזיכערט אַז ניט ער האָט געוואָרפֿן די באָמבע, האָט אָבער ניאָמקע אויסגענוצט דאָס געריכט פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, אויסרופנדיק אין געריכט: „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!״. ווען ניט זיין יונגקייט וואָלט ער באַקומען טויט־שטראָף. ער האָט אָבער באַקומען 8 יאָר קאַטאָרגע. ער איז דאַן אַלט געווען אין גאַנצן 16 יאָר.

געפֿירט האָט מען אים מיט אַן עטאַפּ קיין סיביר צופּוס. מיט אַ קאָמפּאַניע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס זענען פֿריער באַזאָרגט געוואָרן, אין געהיים פֿון זייערע חברים, מיט רעוואָלווערן פֿאַרשטעקטע אין ברויט. בעת אַן אָפּרו־סטאַציע צום אָוונט־עסן האָבן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זיך צעבונטעוועט, דערשאָסן דעם קאָנ־

וואַי־קאַפּיטאַן און צוויי זעלנער און געצוואונגען די אַנדערע קאַנוואָי־זעלנער אָפּצושליסן פון זיי די קייטן. נאָכדעם זענען זיי זיך צעלאָפן און זיך באַהאַלטן. די חברים האָבן זיי באַזאָרגט מיט געלט זיי זאָלן זיך קאָנען אָפּטראָגן קיין אויסלאַנד. ניאָמקע האָט אָבער ניט געוואָלט נעמען קיין געלט און ניט אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, ער האָט נאָך געהאַט עפּעס אַ חשבון מיט דער מאַכט. ער איז אַוועק קיין גראָדנע און זיך אַוועקגעשטעלטביים טויער פון דער גראָדנער טורמע אָפּגעוואַרט דעם טורמע־נאַטשאַלניק, כדי אין אים נקמה צו נעמען, ווייל ווען ניאָמקע איז פריער געזעסן אין דער תפיסה האָט מען דאָרט אַריינגעבראַכט אַ גרופּע מיידלעך, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר שטרייקן אין דער גראָדנער טאַבאַק־פאַבריק. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ מיידל וואָס ניאָמקע איז מיט איר געווען גאָר נאָענט באַפריינדעט. דער דאָזיקער נאַטשאַל־ניק, האָט באַפוילן די מיידלעך אָפּצושמייסן און בעת דער עקזי־קוציע, האָט זיך זייער געוויין געטראָגן איבער דער גאַנצער טורמע. ניאָמקע האָט באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט נקמה צו נעמען אין דעם אכזר. און ער האָט עס טאַקע דורכגעפירט. ווי נאָר דער נאַטשאַלניק איז אַרויס פון טורמע האָט אים ניאָמקע דערשאָסן. ער האָט פּרובירט נעלם צו ווערן אָבער פּאָליציי האָט נאָכגעיאָגט און ער איז אַריין אין אַ הויז און פון דאָרטן באַוויזן צו דערשיסן אַ פּאָליציאַנט. אָבער די פּאָליציי האָט אים געוואָלט כאַפּן אַ לעבעדיקן און אַלאַמירט די פייערלעשער. ניאָמקע האָט זיך מיט דער לעצטער קויל אַליין דערשאָסן. ווען די פּאָליציי איז אַריין אין דעם צימער פון וועלכן ער האָט געשאָסן, האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט דער אויפשריפט געשריבן מיט בלוט: „זאָל לעבן דער אַנאַרכיזם״ ער איז דאַן אַלט געווען אין גאַנצן 17 יאָר.

די געשיכטע פון ניאָמקע דעם אַנאַרכיסט ווערט דערציילט פון דוב ראַבין און פון ניאָמקעס ברודער אין דעם „פּנקס קריניק״, ווי אויך פון י. סטאָלאַרסקי אין דעם 100־סטן נומער „פּראָבלעמען״. אויך ישראל גלילי, דער געוועזענער פירער פון „הגנה״ און געווע־זענער מיניסטער אין ישראל, דערציילט אין דעם „אליהו גולומב־בוך״, 2טער באַנד, תל־אביב תשט״ו, אַז אליהו גאָלאָמב האָט ביי

אַ סך געלעגנהייטן דערמאָנט מיט כבוד זיין העלדישן יוגנט־חבר ניאָמקע אַנאַרכיסט, וועלכער איז אומגעקומען, נקמה־נעמענדיק אין אַ פּאַרשטייער פון דער מאַכט, פאַרן כבוד פון יידישע מיידלער.

די פּאָליצייאישע צילן צו ליקווידירן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז ניט געלונגען, נאָך די דערשיסונגען און אַרעסטן זענען אויסגעוואַקסן נייע גרופּן, נייע מענטשן. פון לאָנדאָן זענען אָנגעקומען פאַרשידענע מאַטעריאַלן און די צייטונג „גלאָס רעוואָלוצי". אויף דעם פּאָליצייאישן טעראָר האָבן די אַנאַרכיסטן געענטפערט מיט אַ קעגנטעראָר. פון בריסל איז אין 1907 געקומען אַ באַקאַנטער אַנאַרכיסט אונטערן פּסעוודאָנים סען־גאַי, וואָס האָט פאַרנומען זיך מיט אַ פאַרשטאַרקטער פּראָפּאַגאַנדע. ער איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן אין אַזערקאָוו און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער איז אַ בעלגישער בירגער.

אין 1907 איז אין קאָוונע פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די אַנאַרכיסטן פון פּוילן און ליטע וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף „צו אַלע אַרבעטער". די קאָנפערענץ האָט אַנאַליזירט די ביז איצטיקע פעלערן און אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון ווייטערדיקער טעטיקייט. נאָכן צעגראָמירן אין וואַרשע די גרופּע „אינטערנאַציאָנאַל" איז אַנטשטאַנען די גרופּע „וואָלנאָשטש". דאָך האָט די צאַרישע פּאָליציי ניט גערוט און געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אין איר מלחמה קעגן די אַנאַרכיסטן. פּאַגראָמירט אירע אָרגאַניזאַציעס און נאָך טויט־שטראָפן און לאַנגע יאָרן פאַרשיקונגען איז אויף אַ קורצע צייט איבערגעריסן געוואָרן די טעטיקייט פון די אַנאַרכיסטן אין פּוילן. אָבער אין יאָר 1910 שטייט אויף די „גרופּע פון רעוואָלוציאָנערע־נקמה־נעמער", זייערע גרינדער זענען געווען יוזיף פּיאָנטעק און עדוואַרד דלוזשעווסקי. פּיאָנטעק איז געווען פריער אַ מיטגליד אין דער „באַיאָווע אָרגאַניזאַציע" פון דער פּ.פּ.ס. און דערנאָך אין „פּ.פּ.ס. פראַקציאַ רעוואָלוצינאַ". ער איז שפּעטער געווען טעטיק אין טשעבאָסלאָוואַקיי און צום סוף געקומען קיין לאָדזש, ווי ער האָט זיך געטראָפן מיט דלוזשעווסקען וועלכער שטאַמט אויך פון דער „פּ.פּ.ס. פראַקציאַ רעוואָלוצינאַ" און צוזאַמען האָבן זיי געגרינדעט די „גרופּע רעוואָלוציאָנערן נקמה־נעמער" וועמענס גרעס־

טע טייל מיטגלידער זענען אויך געקומען פון דער „פ.פ.ס. פראַקציאַ רעוואָלוציינאַ״. די גרופּע האָט מיטגעאַרבעט מיט דער גרופּע „טעראָריסטן־רעוואָלוציאָנערן״ וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער „פ.פ.ס.״ אין זייער אויפרוף צו די אַרבעטער האָט די גרופּע פון רעוואָלוציאָנערע נקמה־נעמער״, צווישן אַנדערן געשריבן: „אַרבעטער! זאָל אונדזער נויט אונדז אָנרעגן צו אַ בעסער לעבן און אויב שטאַרבן איז מיט כבוד און צו אַ דירעקטע נקמה קעגן די געמיינע אונטערדריקער, צום פולשטענדיקן באַזייטיקן די הערשער איבער די קאַפּיטאַלן און רייכטום. אַז אויף דער ערד זאָל גיך הערשן דער יושר. אַ טויט די אונטערדריקער! זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמונע״.

די דאָזיקע „גרופּע פון רעוואָלוציאָנערע נקמה־נעמער״ האָבן דורכגעפירט אין די יאָרן פון 1910 ביז 1912 איבער הונדערט טעראָר־אַקטן, די מערסטע אין לאָדזש און אומגעגנט, ווי אויך אין קעלצער, פּיאָטריקאָווער און ראַדאָמער גובערניעס. אין 1912 האָט די צאַרישע פּאָליציי אָפּגעשאַצט אַז די דאָזיקע גרופּע האָט געציילט אַרום 100 מאַן. צוליב די פאַרשאַרפטע פּאָליציי רדיפות איז פון דער גרופּע דערמאָרדעט און דערשאָסן געוואָרן צווישן אַנדערע: ע. דלוזשעווסקי, א. יאבט, ע. יאשא, ס. סלאבאש, ס: ניעדארקעוויטש: י. באנאַשטשיק, ס. דעמבסקי, י. פּיאָנטעק, מ. ביגאַשינסקי: נאָכן טויט פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער גרופּע איז אין איר שפּיץ געשטעלט געוואָרן מיכאַל זאַקזשעווסקי. מיט זיין איניציאַטיוו איז דעם 26 מאַי פאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון אַט דער גרופּע אין זאַקאָפּאַנע מיטן אָנטייל פון 14 מאַן, ווי אין זיין רעפעראַט האָט זאַקזשעווסקי גערופן צו פאַרשטאַרקן די נקמה־אַקטן קעגן דער צאַרישער מאַכט. נאָך אַ גאַנצע רייע טעראָר־אַקטן איז זאַקזשעווסקי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי צוזאַמען מיט אַנדערע און די „גרופּע פון רעוואָלוציאָנערע נקמה־נעמער״, איז ליקווידירט געוואָרן.

אָבער אויף דער פּוילישער ערד זענען געווען טעטיק נאָך אַנדערע אַנאַרכיסטישע גרופּן, וואָס זענען צווישן די יאָרן פון 1905 ביז דער מלחמה־אויסברוך פון 1914 געווען טעטיק צווישן די וויכטיקסטע

פון זיי קען מען באַטראַכטן די גרופּן: „זמאַווּאַ ראַבאָטניטשאַ", „גרופּאַ אַנאַרכיסטיטשנאַ", „כלעב אי וואָלנאָשטש", „טשערוואָני כּאַראַנגעוו", „סטאָוואַזשישעניע אַנאַרכיסטוב קאָמוניסטוב" און „שמיערטש".

אין אָנהייב 19־טן י. ה. איז אויף דער פּוילישער ערד אַנטשטאַנען גרופּן אָנהענגער פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. איינער פון זיי איז געווען יוזעף זשעלינסקי דער מחבר פון אַזעלכע ביכער ווי: „סטרייק פּאָושעכני", „אַבלוּדני סאָציאַליזם", „באַיאָווע ראַבאָטניטשאַ זוויאָנזקי זאַוואָדאָווע", „טשי וו פּאָלסצע אַנאַרכיזם מאַ ראַציע ביטו"? ער האָט אין זיינע אַרבעטן אונטערגעשטראָכן אַז דער אַנאַרכיזם האָט אויסצופירן אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: קאַמף פאַר אָפּשאַפן דאָס אייגנטום און קאַמף אָפּצושאַפן די הערשאַפט. דעם עקזיסטירנדיקן סיסטעם קאָן מען אָפּשאַפן נאָר דורך אַ רעוואָלוציאָנערן וועג, דורך דירעקטע עקאָנאָמישע שטרייקן און ניט דורך שטים־צעטלער. אין 1906 האָט ער אויף אַ מיטינג אין פּאַריז געזאָגט: אַז די אַנאַרכיסטן קעמפן סיי קעגן דער בורזשואַזיע, סיי קעגן דער רעגירונג. זשעלינסקי האָט אויך געשריבן אַז אין פּוילן זענען דאָ די זעלבע סיבות און די זעלבע באַדינגונגען, ווי אין אַנדערע לענדער פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אַנאַרכיזם. עס עקזיסטירן אָבער אָבערגלויבנס בנוגע צו אייגנטום און מאַכט. עס איז דאָ אויך אַ שטאַרקער קלער, דער קלויסטער און רעליגיע, זיי שטערן אין דעם באַוווּסטזיין פון מענטש. זעלטן אַ לאַנד ווי עס איז דאָ אַזאַ גרויסער צאָל אַנאַלפאַבעטן, ווי אין פּוילן.

דער צווייטער נעבן זשעלינסקין איז געווען אויגוסטין ווּרובלעווסקי וועלכער איז געווען טעטיק אין קראָקע אין די יאָרן 1912—13 ער האָט אָרגאַניזירט און אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון זיין גרופּע די צייטונג „ספּראַוואַ ראַבאָטניטשאַ", ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט דעם פּראָגראַם פאַר אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג געשטיצט אויף די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קאָאָפּעראַטיוון. ער האָט געזען אין נייעם פּוילן אַ מין קאָאָפּעראַטיווע רעפּובליק.

אין 1912 געלונגט אים צו אָרגאַניזירן אין קראָקע אַנאַרכאָ־

סינדיקאַליסטישע קרייזן וואָס ציילן יעדע פון 10 ביז 15 מאַן אויך אין באַריסלאָוו אַנטשטייען אַזעלכע דריי קרייזן.

ווען מען רעדט וועגן אַנאַרכיזם אין פוילן קען מען ניט דורכ־לאָזן אַזעלכע פערזענלעכקייטן ווי: וואַצלאַוו מיכאַיסקי און עדוואַרד אַבראַמאָווסקי. מיכאַיסקי האָט געשריבן אונטער ליטעראַרישן פסעוו־דאָנים: א. וואָלסקי. געבוירן אין פינטשעוו האָט ער זיך באַפריינדעט מיטן באַקאַנטן שרייבער סטעפאַן זשעראָמסקען און ער ווערט ביי זשעראָמסקין דער פּראָטאָטיפּ פאַר זיין העלד, אַנדזשעי ראַדעק, אין זיין בוך „סיזיפאָווי פּראַצאַ". מיכאַיסקי האָט פריער געהערט צו דער פּ.פּ.ס., שפּעטער צו דער סדקפּ"ל אין 1892 געוואָרן פאַר־שיקט קיין סיביר פון וואַנען ער איז אין אַ פאַר יאָר אַרום אַנטלאָפן און אין זשענעוו אַנגעטראָפן זיך מיט אַנאַרכיסטן, פון וועמען ער איז באַאיינפלוסט געוואָרן ער האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע אַנאַרכיסטישע ווערק, צווישן אַנ. „באַנקרוטסטוואָ סאָציאַליזמו וו 20 וויעקו".

אַבראַמסקי האָט אין די יאָרן 1894—1895 פאַרלאָזט דעם מאַרק־סיזם און אַוועק צום אַנאַרכיזם, ווו ער האָט גערופן צו בויקאָטירן די מלוכהשע אינסטיטוציעס. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע אַנאַרכיסטישע ווערק אונטערן פסעוודאָנים מ. א. טשייקאָווסקי צווי. אַנ.: „סאָציאַליזם און מלוכה", „דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַליזם". אין זיינע אַרבעטן האָט ער שאַרף קריטיקירט דעם מאַרקסיזם. וועגן אָט דיביידע טעאָרעטיקער פון פוילישן אַנאַרכיזם נויטיקט זיך אין אַ באַזונדערע פאָרשונג און אַ באַזונדערע ברייטע אַרבעט. זייערע איינפלוסן דערגרייכן צו געוויסע גרופּן פון דער היינטיקער „סאָ־לידאַרנאָשטש".

דער געדאַנק פון די רוסישע „נאַראָדניקעס" און פון דער באַוועגונג „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" (ס. ר.), אַז פון דער געמיינזאַמער ערד וואָס עס באַזיצן די רוסישע פויערים (מיר) און פון דער געמיינזאַמער באַאַרבעטונג פון די דאָזיקע ערד, קען אויסוואַקסן דער יסוד פון דאָרפישע קאָמונעס. דער פויער קען ווערן דער אַוואַנגאַרד פון רוסישן סאָציאַליזם, האָט שטאַרק משפּיע געווען אויף קרייזן פון יידישע סטודענטן און געוועזענע

ישיבה־בחורים פון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן די באַוועגונגען: „ביל״ו״ און עם עולם״, די פּיאָנערן פון „חיבת ציון״. ביידע האָבן געשטעלט זיך דעם ציל געזונט צו מאַכן דאָס יידישע לעבן דורך איבערגיין צו ערד־אַרבעט. אַזוי ווי אין צאַרישן רוסלאַנד איז דאָס געווען אוממעגלעך זענען די ביל״ו״צעס אַוועק קיין ארץ ישראל, ווו זיי האָבן פאַרלייגט די ערשטע קאָלאָניעס, און די „עם־עולם״־ניקעס זענען אַוועק קיין אַמעריקע דאָרט בויען קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס. ווי עס דערציילט אלכסנדר האַרכאַווי איז די קיעווער אָרגאַניזאַציע פון „עם־עולם״ צוזאַמען מיטן יידישן פּאָעט דוד עדל־שטאַדט, פון די ערשטע רעדאַקטאָרן פון דער אַנאַרכיסטישער „פרייע אַרבעטער שטימע״ אין ניו־יאָרק, אַוועק קיין אַמעריקע בויען אַ קאָלעקטיוויסטישע קאָלאָניע. אַזעלכע גרופּן פון „עם־עולם״, זענען אַוועק פון ווילנע, קרעמענטשוק, מינסק און אַנדערע שטעט און אויפגעשטעלט אַזעלכע קאָלאָניעס ווי „בן חורין״ („דער זון פון פרייהייט״), „בית לחם יהודה״ און אַנד.

די באַוועגונג פון „עם עולם״, האָט זיך געפונען אונטער אַ גרויסער השפּעה פון באַקונינען און זיי האָבן ניט ווייניק בייגע־שטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער יידיש־אַנאַרכיסטי־שער באַוועגונג אין אַמעריקע. די יידישע אַנאַרכיסטן אין אַלע לענ־דער האָבן קיינמאָל ניט געליטן פון אַ נאַציאָנאַלן קאָמפּלעקס, ווייל פאַר זיי איז ניט געווען קיין צווייפל, אַז יידן האָבן די זעלבע רעכט, ווי אַלע פעלקער, זיך אויסצולעבן נאַציאָנאַל אין זייער קולטור און שפּראַך. דעריבער האָבן זיי קיינמאָל ניט באַקעמפט דעם בונדישן פּראָגראַם פאַר נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויטאָנאָמיע, אויך דער ציוניסטישער ציל צו אַ נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל איז קיינמאָל ניט געווען אין סתירה צום אַנאַרכיזם. דאָס איז אויך געווען פאַר־שטענדלעך פאַר די ניט־יידישע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן רעספּעק־טירט די רעכט פון זייערע יידישע חברים צו קעמפן קעגן דער נאַ־ציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און צו פירן זייער טעטיקייט אויף די געביטן פון זייער יידישער קולטור און יידישער שפּראַך. דאָס זעלבע, ווי די שפּאַנישע אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע האָט קיינמאָל ניט גע־שטערט די קאַטאַלאָנישע אַנאַרכיסטן צו פירן זייער קאַמף פאַר

אַ קאַטאַלאָנישע אויטאָנאָמיע און צו פלעגן זייער קאַטאַלאָנישע שפּראַך, ווי דאָס האָט ניט געשטערט די באַסקישע אַנאַרכיסטן צו קעמפן פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון באַסקן לאַנד. די יידישע אַנאַרכיסטן האָבן זיך דעריבער ניט גענויטיקט אין קיין באַזונדערן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם און האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי אין דער אַלגעמיינער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג סיי אין יידישן געזעלשאַפטלעכן, פּראָפעסיאָנעלן און קולטורעלן לעבן.

## 16. אַנאַרכיזם און אינדיווידועלער טעראָר

„אַלע ביז־איצטיקע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען, — פון דער אויטאָקראַטיע דורך דער פּלוטאָקראַטיע און אָליגאַרכיע ביז צו דער דיקטאַטור, און אַפילו אויך די דעמאָקראַטיע, איז געבויט אויף געוואַלד־מעשים. פריי פון געוואַלד קאָן נאָר זיין די אַקראַטיע, די ניט־הערשאַפט, די אַנאַרכיע, די אָן־הערשאַפט. ביזן היינטיקן טאָג באַגייען שווידערלעכע געוואַלד־מעשים אַלערליי נאַציאָנאַליסטן, אָבער קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו זאָגן, אַז נאַציאָנאַליזם און טעראָריזם זענען דאָס זעלבע. בעת די נאַציאָנאַליסטישע געוואַלד־מעשים זענען תמיד דער רעזולטאַט פון אָרגאַניזירטע גרופּעס, זענען די אַנאַרכיסטישע געוואַלד־מעשים אַלע מאָל געווען דער פּועל־יוצא פון איינצלנע יחידים, וואָס האָבן דאָס געטאָן אויף זייער אייגענער האַנט. אַ נאַציאָנאַליסט קאָן דורך טעראָר דערגרייכן זיין ציל. און די געשיכטע האָט דאָס טאָקע אַזוי באַוויזן. אָבער קיין שום אַנאַרכיסט קאָן ניט אַפילו בלויז האָפן אויפצושטעלן אַ ליבער־טאַרישע געזעלשאַפט דורך געוואַלד־מעשים. אויך די געציילטע אַנאַרכיסטן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואַלד־מעשים, האָבן דאָס גאַנץ גוט געוווסט, אַפילו אין די צייטן פון דער „פּראָפּאַגאַנדע דורך מעשים״, וואָס איז, אַגב, געווען דער אויפטו ניט בלויז פון די אַנאַרכיסטן. אַלע אינדיווידועלע געוואַלד־מעשים מצד אַנאַר־כיסטן זענען דאָך בלויז אַ טראָפּן אינעם ים פון טעראָר פון אַלער־ליי פּאָליטישע באַוועגונגען אין דער געשיכטע, באַזונדערס די נאַ־

ציאָנאַליסטישע, שוין אָפּגערעדט פונעם מאָסן־טעראָר מצד מלוכות. עס וואָלט דאָ פאַרנומען צו פיל פּלאַץ אויסצורעכענען דעם גע־שיכטלעכן מאָסן־טעראָר פון די אַמאָליקע טעאָקראַטישע מלוכות, פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און פילצאָליקע אַנדערע מאָ־דערנע אינקוויזיציעס, ווי די פונעם דריטן רייך און פון דער באָל־שעוויקישער מדינה. דער אַלטער טעראָר איז דאָך אָנגעגאַנגען איידער דער אַנאַרכיזם איז געבוירן געוואָרן. און דער טעראָר אין אונדזערע צייטן איז דאָך תמיד אַדורכגעפירט געוואָרן דורך די קעגנערס פונעם אַנאַרכיזם און ניט דורך זיינע אָנהענגערס. אויגוסט בעבעל, למשל, דער סאָציאַליסט און איינער פון די גרינדערס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, האָט אין זיינער אַ רעדע, וואָס איז שפּעטער אויך געוואָרן אָפּגעדרוקט, אויפגעוויזן, אַז בלויז אין די פריערדיקע צוויי הונדערט יאָר זענען צווישן די אינדיווידועלע טעראָריסטן געווען גלחים, מאָנאַכן, אַריס־טאָקראַטן, פּריצים, און פּשוטע בירגערס, אָבער בלויז אַ קליינע צאָל אַנאַרכיסטן. און בעבעל האָט אויסגעפירט: „קיין שום קלאַס מענטשן, קיין שום שיכט פון דער געזעלשאַפט איז פריי פון דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט ניט אַרויסגעגעבן קיין יחידישע טעראָריסטן".

אָבער דאָך ווערט איטלעכער טעראָריסט, ווער ער זאָל ניט זיין, פאַרשריגן ווי אַן אַנאַרכיסט, אפילו די היינטיקע פּאָליטישע באַוועגונגען, וואָס באַנוצן זיך מיט טעראָר, — ווי די פּאַלעסטינישע נאַציאָנאַליסטן, די איטאַליענישע מאַאָאיסטן, די אַרגענטינישע מאָנ־טאָנעראָס, און די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע באַאַדער־מאַינהאָף־באַנדע, וואָס איטלעכע איינע איז אַזוי ווייט פונעם אַנאַרכיזם ווי מזרח פון מערב, — אפילו אויך זיי ווערן פאַרשריגן ווי אַנאַרכיסטן.

די איראָניע פון דער געשיכטע איז, אַז גראַד אַנאַרכיסטן (אַחוץ פון צאַרישן רוסלאַנד), האָבן אַרויסגעגעבן די נישטיקסטע צאָל טעראָריסטן פון אונדזערע רייען. און מיר וואָס קעמפן און שטרעבן צו אַ געזעלשאַפט פון פרייהייט און שלום מוזן אויפקלערן דער וועלט, אַז אַנאַרכיזם האָט ניט קיין שום שייכות מיט יחידישע געוואַלד־מעשים, וואָס זענען פּאַקטיש שוין דער אַלטער היסטאָרישער קנין

פון אַ סך אַנדערע פּאָליטישע, דער עיקר נאַציאָנאַליסטישע, באַוועגונגען. און מיר וועלן דאָס נאָך מסתמא מוזן טאָן אַזוי לאַנג ווי איטלעכער טעראָריסט און צעדרייטער באַנדיט וועט איגנאָראַנטיש אָנגערופן ווערן „אַנאַרכיסט".

לאָמיר אויך דערמאָנען, אַז דער גרויסער דייטשער אויפקלערישער פילאָסאָף אימאַנועל קאַנט האָט שוין מיט קנאַפּע צוויי הונדערט יאָר צוריק געשריבן: „אַנאַרכיע איז געזעץ און פרייהייט אָן געוואַלד".

(אויגוסט זוכי, וועגן יחידישן טעראָר).

ס'איז אָן אומזין צו פאַרגלייכן די היינטיקע „לינקע" כנופיות צו די אַמאָליקע טעראָריסטן פון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אָדער „סאָצ. רעוואָלוציאָנערן". די זשעלאַבאָווס, פּעראָקאָווסקאַיאַס, ווייראַ פינגערס און אַנדערע, זענען געווען טיף עטישע פּערזענלעכקייטן. די אַריסטאָקראַטן פון אָפּשטאַם זענען אויך געווען אַריסטאָקראַטן פון גייסט, וואָס זענען נישט פעיק געווען צו דערמאָרדן אַן אומשולדיקן. אָט האָבן זיי אין דער לעצטער מינוט זיך אָפּגעהאַלטן פון וואַרפן אַ באָמבע אויפן צאַר, ווייל אין זיין קאַרעטע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויך צוויי קינדער און זיי האָבן פאַר זייער מענשלעכקייט באַצאָלט מיטן אייגענעם לעבן.

מיר ברענגען דאָ אַ ביסל אויסצוגן פון דעם אַנאַרכיסטישן צווייוואָכנשריפט אין דייטש „צייטגייסט", נומער 15 אַרויסגעגעבן אין האַמבורג 1972 צווישן אַנדערע ווערט דאָרט געשריבן:

— די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג באַנוצט זיך נישט מיט געוואַלד און שטרעבט נישט צו פּאָליטישער מאַכט. דער רוף צו געוואַלד און פּיסטאָלעטן איז נישט קיין רוף פון אַנאַרכיסטן, מיר קעמפן נאָר מיט גייסטיק געווער.

— דער אַנאַרכיזם איז אַ הומאַניטאַר קולטורעלע וועלט אויפפאַסונג, זי איז נישט קיין פּאָליטישע באַוועגונג. איר שטרעבונג איז צו שאַפן אַ פאַרבאַנד פון מענטשן מיט אַ הומאַניטאַרן אַרט פון דענקען, אַ בלאָק קעגן ברוטאַלער הערשאַפט, קעגן ביוראָקראַטיזם, מיליטאַריזם און מענטשן שנאה.

— מיר אַנאַרכיסטן, ווי פרייע סאָציאַליסטן זענען קעגן יעדע אַגרעסיע און געוואַלד. די „ב. מ״. און „ראַף״ גרופּן האָבן גאָר נישט צו טאָן מיטן אַנאַרכיזם. די „באַדער־מיינהאָף״ טעראָריסטן רופן זיך דאָך אַליין — „רעוואָלוציאָנערע מאַרקסיסטן״ אין אַ מאַאָיס־טישער אינטערפּרעטאַציע.

## 17. אַנאַרכיזם אין שייכות מיט קונסט און ליטעראַטור

עס איז פאַראַן אַ לאַנגיאָריקע שייכות צווישן אמתער קונסט און אַנאַרכיזם. אַ סך פרייע קינסטלערס אין אַ היפּשער צאָל לענדער האָבן געפילט אַ גייסטיקע נאָענטקייט צום ליבעראַטאָרישן סאָציאַליזם. די דאָזיקע ליטעראַטורן פון אַ סך פעלקער און אויף אַלע לשונות. גענוג בלויז צו דערמאָנען אַזעלכע שרייבער ווי: וואָלטער, טאָלסטוי, איבסען, קאַפקאַ, וועלכע האָבן רעוואָלטירט דעם געדאַנק. טאָלסטוי, באַרביס, רעמאַרק האָבן מיט זייערע אַנטי־מלחמה־ווערק אויסגע־שריגן זייער באַשולדיקונג קעגן מלחמה, ווי אַן אָרגאַניזירטן מאַסן־מאָרד; אַ גרויסע אָנקלאַגע קעגן דער גרעסטער קללה פון דער מענטשהייט. קאַפקאַ האָט אין זיין „משפט״ און שלאָס״ געוויזן אונדז די פאַרלוירנקייט פון דעם פשוטן מענטש וואָס איז פאַרפּלאָנטערט אין דער שפּינען־נעץ פון דער מלוכה־מאַשין, וואָס קריכט אַריין מיט אירע שטיוול אין דער מענטשלעכער נשמה, שפּילט זיך מיט זיין גורל, פאַרמשפּט אומשולדיקע, זייעט אומזיכערקייט און פּחד. דער טשע־כישער שרייבער מאַניאַטשקאָ אין זיין בוך „דער טעם פון הערשאַפט״, ווייזט אונדז אַז די הערשער, געפאַנגענע אין די נעצן פון אייגענע אַמביציעס, לעבן אויך אין פּחד פאַר די מאַסן, פאַר אַנדערע הער־שער, פאַר פאַרלירן די מאַכט. די וואָס רויבן צו די פרייהייט פון מיליאָנען זענען אַליין ניט פריי. זיי די איינזאַמע ברואים ציטערן פאַר יעדער ענדערונג, פאַר יעדן פּראָגרעס און זענען נזירים אין די ענגע קאַמערן פון אָפּגעלעבטע דאָקטרינעס, פון זייערע טורמע רעזשימען.

דער „אוטאָפּישער״ ראָמאַן פון ג׳אָרדזש אורוועל „1984״, איז

גאָר ניט אוטאָפּיש, נאָר איז די ווירקלעכע ווירקלעכקייט אין די טאָטאַלע מדינות, אין וועלכע עס הערשט דער מאָנאָפּאָל פון אָן איינציקע פּאַרטיי און אירע הערשנדיקע מנהיגים. דער מחבר פירט אונדז אַריין אין דער מלוכה פון אַ געשלאָסענער אָרגאַניזירטער און מעכטיקער אָליגאַרכיע אין וועמענס שפּיץ עס שטייט אַ „גרויסער ברודער״. די דאָזיקע כּלומרשטע אוטאָפּיע איז דער שפּיגל פון דער היינטיקער ווירקלעכקייט און דערביי אַ גרויסע וואָרענונג פאַר די לענדער וועלכע זענען נאָך ניט קיין „איין־פּאַרטיי־שטאַט״. ער דערציילט אונדז ווי דאָרט פאַרטעמפּט די מאַכט דעם מענטש, שטעלט אים צו פאַלשע אינפאָרמאַציעס, פאַרפלייצט דעם מענטש מיט שקר, לערנט אים טראַכטן מיט די סטאַנדאַרטע באַגריפן, וואָס זענען נויטיק די הערשער. אָט די דעספּאָטיע איבער דעם מענטש און איבער זיין מוח קרוינט זיך פאַר דער אמתער דעמאָקראַטיע, אַלס „פאָלקס־הערשאַפט״. מסירה רופן זיי יושר, פאַרראַט — פריינטשאַפט, צוואַנג — פרייהייט. איז דאָס בוך אַ וואָרענונג, וואָס די אַנאַרכיסטן זענען אין זייער גאַנצע געשיכטע, ניט מיד געוואָרן צו וואָרענען, צו וואָס פאַרא פאַרקריפּלונג די מאַכט קען דערגיין.

צי איז ליטעראַטור אַ פּראָפעסיע אָדער אַ שליחות? עס איז גענוג צו דערמאָנען די מאַרטירער־וועגן פון גענייאַלע שרייבערס און קינסטלערס וועלכע האָבן ביי זייער לעבן בכלל ניט געפונען קיין אָנערקענונג, אָפט געשטאָרבן פון הונגער, גערודפט געוואָרן פון די רעגירונגען, באַשפּיגן געוואָרן פון די פּיליסטערס און סנאָבן. וויפל האָבן זיך אָנגעליטן די פּושקינס, לערמאָנטאָווס, שעווטשענקאָ, בייראָן, שעלי, הוגאָ, וואָס האָבן ביי זייער לעבן ניט געטראָגן קיין לאָבערקרענץ, ניט באַקומען קיין פּרייזן, ניט קיין האָנאָראַרן — דאָס וואָס עס דערציילט איבסען וועגן זיך איז גילטיק פאַר די מערסטע גרויסע שרייבער און דיכטער: „פאָלק מיינס, דו האָסט מיר דערלאַנגט דעם שטעקן פון וואַנדער, אַרויפגעוואָרפן אויף מיינע אַקסלען די לאַסט פון נויט און איינגעהילט מיינע פיס מיט סאַנדאַלן פון זאָרג״.

די ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דיכטער דערציילן גאָר ניט פון פערזענלעכע דערפאָלגן, דערפאַר איז די געשיכטע פון ליטע־

ראַטור, די געשיכטע פון גייסטיקן לעבן פון די פעלקער. דער באַרימטער דעניש־יידישער לעטעראַטור־קריטיקער, ג. בראַנדעס האָט געשריבן, אַז: „שלעכטע שרייבער און דיכטער זענען די וואָס האָבן ניט קיין אויערן פאַר מעכטיקע אידעען אונטער דער ערד און פאַרן קלאַנג פון פליגלען און לופט". דער דיכטער קען אַנקליידן גרויסע אידעען אין פּאָעטישע פאָרמען, ווייל אמתע דיכטונג שרעקט זיך ניט פאַר די אידעען פון דער צייט נאָר באַלויכט זי מיטן ליכט פון מעכטיקן געפיל. די ליטעראַטור שעפּט פון טיף־גייסטיקע ברונעמס, ווייל זי איז ווי די פילאָסאָפיע, דער טרייב־קראַפט פון מענטשלעכן טראַכטן.

אויך געזאַנג האָט שטענדיק געשפּילט ביים אַנאַרכיזם אַ גאָר גרויסע ראָלע. צענדליקע קאַמפּס־לידער זענען געשאַפן געוואָרן אין אַלע שפּראַכן, פּאָעזיע מיט מוזיק האָבן געדינט דעם אַנאַרכיסטישן געדאַנק און איר פּראָפּאַגאַנדע. אין 1906 איז דערשינען אַ לידער־בוך פון אַנאַרכיסטישע לידער אין לאָנדאָן. דאָס לידער־ביכל נעמט אַרום לידער אין פראַנצויזיש, דייטש, יידיש, שפּאַניש, איטאַליעניש, ענגליש, טשעכיש, פּויליש, רוסיש, אוקראַיניש. די לידער האָבן באַגייסטערט אין די קאַמפן, באַגלייט אויף די גלות־וואַגלען, זיי זענען געזונגען געוואָרן דורך צום טויט־פאַרמשפּטע אין די לעצטע מינוטן פון לעבן, ווי אויף די ווייטע פאַרשיקונגען. די יידישע לידער פון דוד עדלשטאַדט זענען געדרוקט סיי אין יידישער ווי אין לאַטיינישער שריפט. מיט אָט די לידער אין אַלע שפּראַכן האָבן די „ריטער פון פרייהייט" געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, ניט געקענט נאָר די שפּראַך פון נייעם לאַנד אָבער שוין מיט די נייע חברים צוזאַמען געזונגען.

דאָס מיסברויכן פון די הערשערס און הערשנדיקע קליקעס האָט געבוירן דעם הומאַניסטישן געדאַנק אויך אין דער ליטעראַטור. פּונקט ווי דייטשע פּאָעטן און דענקער, ווי זומע, זשאַן פּאָול, העלדערין האָבן געשליידערט אין דייטשן פּנים די זינד פאַר איר קולט צו מאַכט, ווייל צווישן פּאָעזיע און פּאָליטיק ליגט אַן אייביקער אָפּגרונט און היינע האָט אָפן געזונגען:

**אַ קלאָג דיר פֿאַלש פֿאָטערלאַנד
אין וועלכן עס בליִען מאָר און שאַנד,
וואָס האָדעווען ווערעם, פֿוילקייט און מיסט
ווי יעדער בלום ווערט פֿרי פֿאַרוועלקט.**

דער אידילישער ענגלישער פּאָעט שעלי האָט אין זיין: „דער באַפֿרייטער פּראָמעטעאוס" געגעבן אונדז אַ נביאישן אַרעאַל פֿון רוח הקודש, אַ קאַרנאַוואַל פֿון גייסט און אַן אומשטערב־לעכע סימפֿאָניע, אַ פּראָטעסט קעגן שלעכטס און קנעכשאַפֿט און לויב צו אייביקער שיינקייט. די פּאָעזיע פֿון דזשאָן קיט און בייראָן האָבן אין זייער בלוט געטראָגן דעם דערמאָניש־פּראָמעטעאוש־בונטאַרישן גייסט פֿון שאַפֿונג, מיט אַפּראָדיטישן געפֿיל צו שיינקייט, וואָס באַשיינט דעם אוניווערס און דעם מענטשלעכן גייסט, וואָס רייסט זיך צום פּלי, צו העראָישקייט פֿון טאָט און וואָרט. מיט פֿריש־קייט פֿון דעם טוי פֿון באַגינענס צו זיין דער ווונדערלעכער זינג־פֿויגל פֿון דער מענטשהייט, וואָס וויל ניט זינקען אין דעם שווידער פֿון דאַנטישן גיהנום, נאָר מיטן פּרעכטיקן ווען פֿון אַ באַטריטשע צו שפּאַנען אין דעם גן־עדן פֿון קינסטלערישן אויסדרוק, מיט עקס־טאַז פֿון קאָסמישן געזאַנג, צו אַ גייסטיקער דערהויבנקייט, וואָס זאָל וואַרעמען די נשמות מיט פּאָעטישן פֿייער.

אַ ליטעראַטור וואָס איז ניט הומאַניטאַר און אָן באַדייטונג, אָן נוצן, ווייל דער מענטש וואָס האָט באַזיגט די נאַטור, באַזיגט שטח און צייט, פֿליט אין די הימלען, האָט אָבער ניט באַזיגט דעם טייוול אין זיך; ניט זיין דורשט נאָך בלוט, ניט זיין סאַדיזם און יצר צו מאָרד און מלחמות. ער האָט פֿאַרסמט די לופֿט, פֿאַסקודיעט די טייכן און ימים און צום סוף געבליבן אַליין באַזיגט און ער שטייט אויפֿן שוועל פֿון אייגענעם אומקום. ער האָט געקענט ווערן אַ גאָט און געוואָרן אַ טייוול, ווייל ער האָט פֿאַרלוירן דעם שייכות צווישן שכל און יושר.

## 18. וועגן אַנאַרכאָ־מאַרקסיזם

דער גייסטיק־אידעאישער באַנקראָט פון מאַרקסיזם האָט אין די מוחות פון געוויסע פּראָפעסאָרן און אינטעלעקטואַלן געבוירן דעם געדאַנק צו באַנייען און ראַטעווען דעם מאַרקסיזם מיט דער הילף פון אַנאַרכיסטישע קאָנצעפּציעס און זיי האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צי געפינען אַ סינטעז וואָס זאָל פאַראייניקן דעם מאַרקסיזם מיטן אַנאַרכיזם, אָדער בויען אַ בריק צווישן ביידע. איינער וואָס האָט פּראָבירט דאָס צו טאָן איז געווען הערבערט מאַרקוזע. כאָטש בלייבנדיק געטריי דעם גייסט פון העגעלן און מאַרקסן האָט ער פּרובירט אַריינפירן אין מאַרקסיזם די פּסיכאָאַנאַ־ליטישע קאָנצעפּציעס פון פרוידן און באַמיט זיך צו רעהאַביליטירן דעם מאַרקסיזם, שאַפנדיק אַ מין אַנאַרכאָ־מאַרקסיזם וואָס איז אַזאַ אומזין (ווי דאָס האָט געזאָגט דער וועטעראַן פון דייטשן אַנאַרכיזם, אויגוסטין זוכי), ווי אַן אַטעאיסטישער קאַטאָליציזם. די פּרוּוון פון פאַראייניקן אַזאַ אַנטיאויטאָראַטיווע, פרייהייטלעכע פילאָזאָפיע, ווי דער אַנאַרכיזם מיטן אויטאָראַטיוון מאַרקסיזם, וואָס איז געווען באַהערשט פון קנוטא־גערמאַנישן דעספּאָטישן גייסט, פון אַ מין רויטן פּרייסנטום.

איינער פון די טעאָרעטיקער און פאַרטיידיקער פון דאָזיקן אַבסורד איז געווען אויך דער איטאַליענער לואיגי פאַבברי. אין זיין בראָשור „די היסטאָרישן און זאַכלעכע צוזאַמענהאַנג צווישן מאַרקס און אַנאַרכיזם״, ווי ער באַמיט זיך אַפילו צו באַווייזן אַז מאַרקסנס טענדענץ ביי איבערטראָגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק (1872), איז אייגנטלעך געווען כדי איבערצולאָזן דעם אייראָפּעישן קאַמפּס־פעלד איבערן סאָציאַליזם באַקונינען און דעם אַנאַרכיזם. דער ציל פון לואיגי פאַבברי איז צו שטעלן די אַמאָליקע אַנאַרכיסטישע לאָזונג פון „פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט״, אין דינסט פון דער „לעניניסטיש־מאַרקסיסטישע״ טע־ראָר־גרופּן און ער לייגט פאָר אַז די אידעאישע פאַראייניקונג פון מאַרקסיזם מיטן אַנאַרכיזם דאַרף פאָרקומען דורכן באַזייטיקן פון מאַרקסיזם די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און פון אַנאַרכיזם דעם אינ־

דיווידואַליזם. לויט אים זענען מאַרקס און באַקונין, געווען די צוויי גרעסטע רעוואָלוציאָנערן און צווישן ביידע דאַרף געשאַפן ווערן אַ בריק.

אַ צווייטן פּרוּוו האָט געמאַכט דער פראַנצויזישער סאָציאַליסט דאַנעל גוערין, ער געפינט צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם אַ גע־מיינזאַמע אָרדענונג־מאָדעל פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. לויט אים איז פּרודאָן געווען דער שעפער פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג־אידעע און לענין איר פאַרמאַלירער. כאָטש די אידעע איז אין דער רוסישער רעוואָלוציע אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דעם זעלבן גורל האָט, לויט אים, געהאַט דער פּאָזיטיווער פּרוּוו פון שאַפן אינדוס־טריעלע־ און אַגראַר־קאָלעקטיוון פון די אַנאַרכיסטן אין שפּאַניע אין די 30־קער יאָרן, צו וועלכן דער מלוכה־סאָציאַליזם באַציט זיך נעגאַטיוו. בלויז אין יוגאָסלאַוויע און אַלזשיריע פאַרווירקלעכט זיך היינט דער סיסטעם פון זעלבסטפאַרוואַלטונג אין די פאַבריקן און דאָס ליידער אונטער דיקטאַטאָרישע רעזשימען. לויט דאַניעל גוערין האָט דער מלוכה־סאָציאַליזם אומעטום געליטן אַ גרויסן פיאַסקאָ און ער געפינט דעם אויסוועג אָנצושפּאַרן דעם מאַרקסיזם אויף אומ־אָפּהענגיקע סינדיקאַטן אין גייסט פון שפּאַנישן אַנאַרכאָ־סינדיקאַ־ליזם און געפינען אַ סינטעז צווישן אַנאַרכיסטישן אויטאָנאָמיזם און מאַרקסיסטישן צענטראַליזם.

אַ דריטער פּרוּוו פון זוכן אַ סינטעז צווישן מאַרקסיזם און אַנאַר־כיזם זענען די ברידער כהן בענדיט. דאַניעל איז געווען דער איניצ־יאַטאָר פון דער „באַוועגונג פון 22־טן מערץ", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער מאַי־רעוואָלוציע אין 1968 יאָר, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אָראָפּצוּוואַרפן די דע־גאָל רעגירונג אין פראַנקרייך. די באַוועגונג האָט גערופן די אַרבעטער אין פראַנקרייך צו באַזעצן די פאַבריקן, שולן, און אוניווערסיטעטן. דעם „רויטן דאַני", ווי מען האָט דאַניעלן גערופן, איז געלונגען זיך צו קרוינען פאַר אַן אַנאַרכיסט און צו פירן אונטער זיך מאַאָיסטישע, טראָצקיסטישע און פידעליסטישע סטודענטן און יוגנט גרופּן צו געמיינזאַמע באַריקאַדן־קאַמפן. גע־ראַטעוועט דע־גאָלן, האָט די פראַנצויזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, צוליבן פּחד פון די קאָמוניסטן פאַרן וווּקס פון דער אַנטי־אויטאָ־

ריטאַטיווער באַוועגונג. לויט די ברידער בענדיט כהן, דאַרף די פּאַר־אייניקונג צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם אַרויסוואַקסן פון די אינ־טעלעקטועלע קרייזן. די אוניווערסיטעטן דאַרפן ווערן דער שפּרינג־ברעט פאַר אַ נייע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וואָס זאָל באַפרייען זיך פון דעם שווערן באַלאַסט פון די אַלטע אָפּגעלעבטע שאַבלאָנען און פריי מאַכן דעם וועג פאַר דעם אָריגינעלן ראַטן־מאָדעל. די ברידער כהן בענדיט זעען אין דער מאָדערנער טעכניק, מיט אירע געוואַלדיקע קאָמוניקאַציע־נעצן, די גרויסע מעגלעכקייט פאַר אַ דירעקטער דעמאָקראַטיע. וואָס זאָל דערמעגלעכן די מאַכט פון אָרגאַניזירטע הערארכיעס צו פאַרטוישן אויף זעלבסטפאַרוואַלטונגען פון די מאַסן. זיי וואַרפן אָפּ לענינס סיסטעם פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן", וואָס איז געווען די גרונט־סיבה וואָס האָט גע־ברענגט שאָדן דער „באַוועגונג פון 22־טן מערץ", דורך די פּאַר־שידענע טראָצקיסטיש, מאַאיסטישע גרופּן. לויט די בענדיט כהנס דאַרף אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג זיך ניט שטיצן אויף קיין פונק־ציאָנערן־אַפּאַראַט, ניט אויף פּאָליטישע פּאַרטייען, וועלכע שטויסן צוריק יעדער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, נאָר דאַרף באַשטיין פון „אַקציע קאָמיטעטן" פון די מאַסן זעלבסט. די רעוואָלוציע דאַרף, לויט זיי, זיך באַפרייען פון די פּאַרטיי־געטאָס און אָננעמען אַן אַל־געמיין־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. ביידע ברידער בענדיט האַלטן זיך פאַר פּראָ־קאָמוניסטיש אָבער אַנטי־באָלשעוויסטיש. לויט זיי, ליגט אין דעם באָלשעוויסטישן אָרגאַניזאַציע־טיפּ, איר אַנטי־פאָלקס כאַראַקטער. דער אוקראַינישער אַנאַרכיסט מאַכנאָ איז לויט זיי, געווען פיל באַדייטנדיקער פון לענינען. דער קאָנטררעוואָלוציאָנע־רער באַדייט פון ראַטן־פאַרבאַנד הייבט זיך אָן פון לענינען, ווי פון איר צענטראַליסטישן און הערארכישע פּאַרטיי־סיסטעם.

עס איז נאָך געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו וואָס רופט זיך ראַטן־אַנאַרכיזם. די דאָזיקע שולע איז געגרינדעט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, דורך יאָהאַן אַלדיי אין לאָנדאָן. איר ציל איז צו באַנייען אין אַנאַרכיזם דעם מיליטאַנטישן גייסט פון די צייטן פון באַקונינען און צי גרינדן אין דייטשלאַנד אַ נייעם „ספּאַרטאַקוס־בונד", וואָס האָט זיך צעשפּרייט אויך איבער האָלאַנד, איטאַליע

און שווייץ. זייער לערע איז צו שאַפן אַ סינטעז צווישן ראָזאַ לוקסענבורג און באַקונינען און באַנייען די לאָזונג — „די גאַנצע מאַכט די ראַטן", אָבער ניט מיט די צילן וואָס לענין האָט זיך געשטעלט. די ראַטן דאַרפן ווערן דער יסוד פון אַ שטאַטלאָזע געזעלשאַפט, אַ מין זעלבסטפאַרוואַלטונג אַנשטאָט מאַכט. אַלדיי פאַרזיכערט אַז דאָס זענען אויך געווען די מיינונגען און צילן פון ראָזאַ לוקסענבורג און פון דער דייטשער רעוואָלוציע פון 1918 יאָר, וועלכע האָט ניט געוואָלט די רעוואָלוציע פאַרוואַנדלען פאַר אַ זאַך פון דער פאַרטיי. לויט אַלדיי האָט ראָזאַ לוקסענבורג, פאַר דעם ווי זי איז דערמאָרדעט געוואָרן, אין גאַנצן איבערגעריסן מיט לענינען און זיך דערנענטערט צו באַקונינען. די ראַטן־אַנאַרכיסטן ווייזן אַרויס אַ גרויסן אומצוטרוי צו דעם פאַרטיי־סיסטעם און שטרעבן צו אַ פאַראייניקונג פון די כוחות פון די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, ספּאַרטאַקוס־בונד און אַנאַרכיזם אין איין געמיינזאַמער באַוועגונג.

עס איז אָבער פאַר דער צוקונפט פון אַנאַרכיזם גאָר וויכטיק צי באַפרייען זיך פון יעדן פּרווו צו שאַפן אַ בריק מיטן מאַרקסיזם, ווייל אין דער נאַטור פון מאַרקסיזם שטעקט דער מאַטעריאַל פון וועלכן עס איז געבוירן געוואָרן דער דעספּאָטישער, ווי דער פּאָליטיקאַנטישער סאָציאַליזם, וואָס האָט געברענגט די גרויסע אומגליקן דעם היטלעריזם און סטאַליניזם. דער מאַרקסיזם איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע גרויסע טראַגעדיעס, וואָס די לעצטע דורות האָבן דורכגעליטן און פאַר די טראַגעדיע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ניט אומזיסט האָט גוסטאַוו לאַנדאַוער אין זיין „רוף צום סאָציאַליזם" באַצייכנט דעם מאַרקסיזם אַלס: „די צרעת פון אונדזער צייט און די קללה פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג". דער אַנאַרכיזם קען ניט האָבן קיין שום געמיינזאַמס מיט אַ באַוועגונג, באַזונדער מיטן באָלשעוויזם, וועלכער האָט אויפגעשטעלט אַ ברוטאַלן רעזשים, ווי עס איז דערשטיקט געוואָרן די מענטשלעכע פרייהייט.

דער וויכטיקער טעאָרעטיקער וואָס האָט געוואָלט רעפאָרמירן דעם מאַרקסיזם איז געווען, דער פּראָפעסאָר פון סאַן־דיעגאָ־אוניווערסיטעט, הערבערט מאַרקוזע, דער גייסטיקער פאָטער פון „נייעם

לינקס״ און פון „לעניניסטיש־מאַרקסיסטישן״ טעראָר, וואָס בושעוועט איבער אייראָפּע. זיינע הויבט ווערק זענען: „חכמה און רעוואָלוציע״ (1941) און „דער איינקלאַסיקער מענטש״ (1964). אַ געבוירענער אין דייטשלאַנד איז מאַרקוזע דערצויגן געוואָרן אויף דער דייטשער פילאָזאָפיע, מיט איר אויטאָראַטיוון געדאַנק פון קולט צו דער מלוכה, נאַציע, כוח און דיסציפּלין; אויף דער פילאָזאָפיע פון פיכטע און העגעל. מאַרקוזע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ געטרייען מאַרקסיסט. ער האָט אָבער דערקענט די שוואַכקייט פון מאַרקסיזם און געזוכט זי ראַטעווען, איינפירנדיק נייע עלימענטן פון אַנאַרכיזם ווי פון פּרוידן.

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט איז פּראָפעסאָר מאַרקוזע געווען דער גייסטיקער פאָטער פון „לעניניסטיש־מאַרקסיסטישן טעראָר; פון די טעראָר־גרופּן פון „באַדער־מיינהאָף״ אין דייטשלאַנד, פון „רויטן־פראָנט״ אין איטאַליע, יאַפּאַן און אַנד. דעם דאָזיקן היינטיקן טעראָר קען מען ניט פאַרגלייכן מיטן טעראָר פון דער „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ״, אָדער אַנאַרכיסטן אין צאַרישן רוסלאַנד, אָדער די טעראָר־אַקטן פון אַנאַרכיסטן אין שפּאַניע אָדער פראַנקרייך. יענער טעראָר איז געווען אוממעגלעך אויסצומיידן און געהאַט דעם ציל אַרויסצורייסן אַ ביסל פרייהייט פון דער דעספּאָטיע פאַר די פאָלקס־מאַסן, ווען דער היינטיקער „לעניניסטיש־מאַרקסיסטישער״־טעראָר ווערט געשטיצט פון טאָטאַלע רעזשימען קעגן דעמאָקראַטיע, קעגן פאָלק מיטן ציל איינצופירן דיקטאַטאָרישע און דעספּאָטישע רעזשימען. די דאָזיקע לעניניסטן־מאַרקסיסטן פון מאַרקוזיס חדר פאַרשטייען ניט, אַז דער טעראָר, וואָס איז געווען געווענדעט קעגן צאַרישן רעזשים אין רוסלאַנד, איז געווען אומפאַרמיידלעך, ווערט אָבער דער טעראָר ביי דעמאָקראַטישע רעזשימען אַ שעדלעכער פאַרברעכן. מיטן טויט פון הערבערט מאַרקוזע איז אפשר געשטאָרבן יעדער פּרווו פון געפינען אַ סינטעז, אָדער אַ בריק צווישן מאַרקסיזם און אַנאַרכיזם, אָדער מיט דער הילף פון אַנאַרכיזם צוריק לעבעדיק צו מאַכן דעם מאַרקסיזם.

## 19. וועגן ראַטן־פאַרבאַנד

איינע פון די הויפּט־אייגנשאַפטן פון יעדן טאָטאַלן רעזשים איז דער ליגן. נאָך קיינמאָל אין דער געשיכטע איז ניט געווען אַזאַ טיפער תהום צווישן ווערטער און דערווירקלעכקייט ווי אין דעם ראַטן־פאַרבאַנד. דער סיסטעם פון ליגנט האָט אַזוי ווייט אַריינגע־דרונגען אין לעבן, אַז די מאַסן האָבן זיך דערצו צוגעוווינט ווי צו אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, ווי אַנדערש קען גאָר ניט זיין. נעמען מיר אַזאַ מאַרקסיסטישע טעאָריע וועגן „אָפּשטאַרבן" פון דער מלוכה. ווערט אָט די טעאָריע שוין נאָענט צו 70 יאָר געפּרעדיקט און ניט נאָר וואָס די מלוכה טראַכט גאָר ניט „אָפּצושטאַרבן", נאָר מיט איר העכסטע טעכניק דערגרייכט זי אַלץ מער די „גלייכשאַלטונג" פון טראַכטן און פאַרפולקאָמט אַלץ מער איר הערשאַפט־אַפּאַראַט און אירע קאָנטראָל איבערן גאַנצן ווירטשאַפטלעכן, אידעאָלאָגישן דערציערישן לעבן, דערגייענדיק צו איר העכסטער שטופע פון אַרומנעמען די בירגער אין איין גרויסער צוואַנג. אַלץ מער גייט אָן די טענדענץ צו באַפרייען דעם סאָוויעטישן מענטש פון זעלבסט־שטענדיקן טראַכטן.

— וואָס פאַרא שאַד די געזעלשאַפט, אַזוי האָט קאָנסטאַטירט קאַרל מאַרקס — וואָס האָט ניט קיין בעסערע פאַרטיידיקונגס־מיטל ווי דעם תלין. אָבער אין מאַרקסנס צייטן האָבן נאָך קיין הענקער ניט געהאַט די אַמביציע צו ווערן פילאָזאָפן. אָבער וואָס וועט זיין דער מאָרגן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד ? אַ סך מוחות פּרווון ענטפערן פאַרשידן אויף אָט דער גורלדיקער פראַגע, ניט נאָר פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. אַ סך נביאות ווערן אַרויס־געזאָגט, אָבער איין זאַך איז זיכער אַז קיין שום טאָטאַלער סיסטעם איז ניט קיין אייביקייט, מעג איר מאַכט זיין ווי מעכטיק. איין אומ־סערלעכע גרויסע אויפטרייסלונג קען צעטרייסלען די גאַנצע „איי־זערנע מאַכט". איין פּאָליטישע, מיליטערישע אָדער געזעלשאַפטלע־כע קאַטאַסטראָפע קען צעטרייסלען די מוחות פון מיליאָנען פון די סאָוויעטישער פעלקער. און דאָס וואָס איז כמעט זיבעציק יאָר געווען הייליק קען ווערן פסול, עס קען ווי אַ זייפן־בלאָז פּלאַצן דער

גרויסער ליגנט. עס איז אָבער אַ פאַלשע אילוזיע, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד קען זיך פאַרוואַנדלען אין אַ מערב־דעמאָקראַטישן רע־זשים, זיך צוריקקערן צום קאַפּיטאַליזם, ווייל אַלץ וואָס איז נע־גאַטיוו אין דעם קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט דאָך אין דעם סאָוויעטישן מלוכה־קאַפּיטאַליזם. דער זעלבער סיסטעם פון געלט און ריווח, פון לוין־אַרבעט און שפּעקולאַציע, דעפּראַדאַציעס, גניבות און קאָרופּציע. עס זענען בלויז ניטאָ די קאַפּיטאַליסטן, אָבער דער סיסטעם פון קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט, די מאַכט, ביוראָקראַטיע, מיליטאַריזם און אימפּעריאַליזם לעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד גלייך ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע מדינות אין אַ סך שעדלעכערן פאָרם.

דעם רעזשים וואָס קרוינט זיך אַלס — סאָציאַליסטישער קענען מיר אָבער זייער גוט פון די גרויסע שרייבער ווי: זאַמיאַטין, בעסלי, אירוּוילס, סטרוגאַצי. פון זייערע ראָמאַנען פון פאַנטאַסטישער ווירקלעכקייט, ווי דער טאָטאַלאַריזם פאַרלייגט איר קאָנטראָל איבער אַספּעקטן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם בירגער, ווי איבער זיין פּריוואַטן לעבן, איבער זיין טראַכטן און האַנדלונגען: ווי די אידעאָלאָגיע פון דער מאַכט ווערט אַריינגעגאָסן אין די מוחות מיט אַלע מיטלען דורך די שולן, אוניווערסיטעטן, פאַבריקן און קאַזאַר־מעס, דורך דער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, דורך דערציאונג, ליטעראַטור און וויסנשאַפט. אָבער אויפן אָרט פון סטאַליניסטישן טעראָר באַנוצט היינט די סאָוויעטישע מאַכט זיך מיט פּעדאַגאָגיק. דאָס מיינט ניט אַז די טורמעס האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד אָפּגעשפּילט זייער ראָלע. דאָס וואָלט דאָך געווען דער אָנהייב פונעם סוף פון דעם צוואַנגס־סיסטעם. קיין שום דיקטאַטור קען דאָך ניט אַרויס־שפּרינגען פון איר הויט. זענען טאָקע די טורמעס פאַר דער דיקטאַ־טור ווייטער נויטיק אָבער נאָר קעגן די וואָס בונטעווען זיך נאָך. די טורמעס זענען ווייטער פול מיט ווידערשפּעניקע אָבער... אויב אין דער סטאַלין־עפּאָכע איז קיין שום בירגער, אַפילו דער גע־טרייסטער קאָמוניסט, ניט געווען זיכער מיט זיין מאָרגן, יעדער האָט געפונען זיך אונטער אַ חשד און קיינער איז ניט געווען באַוואָרנט ניט אַריינצופאַלן אין „אַרכיפּעלאַג גולאַג" אָדער אומקומען, קען

איצט יעדער בירגער רואיק שלאָפן אויב ער וואַרפט זיך נאָר אונטער די געזעצן פון סטאַבילן טאָטאַלאַריזם.

און דאָך איז ניט אין גאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן דער פרייער געדאַנק. ער טליעט אַלץ טיף אין די מוחות. די וואָרטזאָגער פון דער צעבונטעוועטער אינטעליגענץ ווי וואָלטשין טושטין און אַנדערע נעמען אָן די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע און זענען אידעאיש סאָציאַליסטן אָבער ניט קיין מאַרקסיסטן. דער יסוד פון זייער סאָציאַליזם שטיצט זיך אויף ברייטע דעמאָקראַטישע פרייהייטן און רעכט און פרייהייט פונעם יחיד, ווי דער שליסל פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. זי נעמט אָן לגבי דער היינטיקער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, דעם מעטאָד פון גאַנדיזם, פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד און וואָס נעמט פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק, אַז אין דער נייער געזעלשאַפט דאַרף דאָס רעגירן דערגרייכן צו אַ מינימום און די פּערזענלעכע פרייהייטן פון יחידישן לעבן צו אַ מאַקסימום און עס דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן יעדע מלוכה־קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפט וואָס דאַרף זיין אַ קאָאָפּעראַטיווע. ווי אַ פאַראייניקונג פון יחידים. אָן מלוכה־אייגנטום. די געזעלשאַפט דאַרף פאַרוואַלטעט ווערן פון אונטן אַרויף און ניט ווי אין די טאָטאַלע און פאָרמעל דעמאָקראַטישע מדינות, פון אויבן אַראָפּ...

אויב אָן ענדערונג, קען עס נאָר זיין אַן אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע און אַנטי־טאָטאַלע און אַנטי־מאַכט איבערקערעניש פאַר אַ ניט־געפעלשן סאָציאַליזם, וואָס וועט באַפרייען די פעלקער און די מענטש לעבע פּערזענלעכקייט פון קאַפּיטאַליסטישן און קאָמוניסטישן יאָך און פון דער מאַכט פון מענטש איבער מענטש.

## 20. וועגן קיבוץ אין ישראל

דער קיבוץ איז אַ געזעלשאַפטלעכער קאָלעקטיווע ווירטשאַפט פון פּראָדוקציע און געברויך, ווי פון קאָלעקטיווער צוזאַמענלעבן מיט קולטורעל־דערציערישע צילן, געשטיצט אויף אַלגעמיינער גלייכהייט.

דער ערשטער קיבוץ איז אַנטשטאַנען מיט 75 יאָר צוריק אין דגניה נעבן כנרת און היינט לעבט אין די קיבוצים אַ באַפעלקערונג פון 260000 נפשות. פון אָנהייב איז דער קיבוץ געווען אַן אויס־שליסלעך אַגראַר־ווירטשאַפט און שפּעטער אַנטוויקלט אַן אינדוס־טריִ וועמענס דערפאָלגן און דערגרייכונגען שטייגן ווייט איבער דער פּריוואַטער אינדוסטריִ. דער קיבוץ איז אַלזאָ אַן אַגראַר־אינ־דוסטריעלע קאָמונע, ניט קיין דאָרף ניט קיין שטאָט, נאָר אַ נייער טיפּ פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, ווי דאָס האָט זיך פאָרגעשטעלט קראָפּאָטקין, לאַנדאַוער און אַנדערע אַנאַרכיסטישע דענקער. אַ קאָמונע געשטיצט אויף זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ווי פיזישע אַרבעט שטייט אויף דער זעלבער מדרגה ווי גייסטיקע, ערד־אַרבעט, ווי אינ־דוסטריִ, מיט אַ הויך אַנטוויקלטער טעכניק, געשטיצט אויף וויסנ־שאַפטלעכע דערפאַרונג, מיט אַ הויכן לעבנס סטאַנדאַרט און הויכן קולטור־ניוואָ.

אין דער צייט ווען דער סאָוויעטישער קאָלכאָז איז אַ פאַר־מלוכהשטער דאָרף, וואָס ליגט אונטער אויסשליסלעך די באַפעלן פון דער צענטראַלער מאַכט, מיט אירע ביוראָקראַטישע אינסטאַנצן, איז דער קיבוץ דער ביישפּיל פון דירעקטער דעמאָקראַטיע, ווי אַלץ ווערט געהאַנדלט לויט די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פון די חברים, וואָס ווילט אויס איר פאַרוואַלטונג בלויז אויף איין יאָר און די קיבוצישע קאָמיסיעס זענען טעטיק כמעט 50 פּראָצענט פון אירע חברים.

דער קיבוץ איז דעריבער אַ נייער לעבנס־וועג, געשטיצט אויף די שענסטע מענטשלעכע ווערטן און גלייכצייטיק אַ פּיאָנערישע באַוועגונג, וואָס באַזעצט די וויסטע מדבר־שטחים, ווי דער פּרי־וואַטער איניציאַטיוו וואָגט ניט צו גיין און באַזעצן. דער קיבוץ איז אַ טיף מאָראַלישע געזעלשאַפט וואָס הייבט די ראָלע פון יחיד אין דער געזעלשאַפט, פלעגט זיין איניציאַטיוו און שעפערישקייט, באַפרייענדיק אים פון פּערזענלעכע זאָרג פאַרן קיום, רעספּעקטירנ־דיק זיינע רעכטן און דערציט צו געטריישאַפט צו פליכטן פאַר דער געזעלשאַפט. באַזונדער איז אונטערצושטרייכן די פאָרגעשריטענע מעטאָדן פון דערציען דאָס קינד, דאָס רעספּעקטירן די רעכטן פון

קינד און איינוואָרצלען דאָס געפיל, אַז דער דערוואַקסענער איז זיינס אַן עלטערער חבר און ניט קיין הערשער איבער אים, צוגרייטנ־דיק צו די שפּעטערדיקע פליכטן פאַר דער נייער געזעלשאַפט.

אין דער צייט פון העכסטער אַנטוויקלונג פון די מאַסן אין די קאָמוניסטישע רעזשימען, ווי אין דער אומפעיקייט פון דעמאָקראַ־טישן סאָציאַליזם צו ווּעלכע עס איז פאַרווירקלעכונג, ווען אויך ביי אונדז אין לאַנד בושעוועט דער איבערגעטריבענער מאַטעריאַ־ליזם, אומיושר און עגאָיזם, איז דער קיבוץ דער גרעסטער נס, וואָס רייסט אונטער דעם פאַלשן גלויבן, אַז אַן מעכטיקן מדינה־אַפּאַ־ראַט, אָן דעם כוח פון געזעץ און צוואַנג, קען קיין געזעלשאַפט ניט עקזיסטירן, אָן אַ הערשנדיקער קראַפט, אָבער דער קיבוץ נויטיקט זיך ניט אין דעם מלוכה־אַפּאַראַט מיט איר גאַנצן קלאַ־פּערגעצייג. פאַרקערט די מלוכה שטערט איר אַנטוויקלונג.

75 יאָר עקזיסטענץ פון קיבוץ באַווייזט אַז דער קיבוץ איז ניט קיין צייטווייליקע, ניט קיין איבערגייענדיקע דערשיינונג נאָר אַ פעסטונג פון פרייהייט, אַ לייכט־טורעם פאַר אַ בעסערער געזעל־שאַפט, אַ נייער לעבנס־וועג, וואָס פאַרמעסט זיך צו לייזן די וויכטיקסטע געזעלשאַפטלעכע, ווירטשאַפטלעכע וועלט־פּראָבלע־מען. מיט איר אַנטוויקלטער אַגראַר־ווירטשאַפט, דורך עפעקטיוון אויסנוצן יעדן שטח פאַר דער ווירטשאַפט, ווי דורך שאַפן אַן אָרגאַנישע אינדוסטרי, ווייזט זי דעם וועג ווי אַזוי צו ליקווידירן דעם מאַנגל אין שפּייז און ווי צו פאַרטרעטן דעם מאַנגל אין רוי־שטאָף.

דער קיבוץ איז אַלזאָ דער וועג צו דער צוקונפטיקער געזעל־שאַפט, אַ קאָלעקטיווער ווילן געשטיצט אויף דער פרייהייט פון יחיד און אויף געזעלשאַפטלעכן יושר. איר גאַנג קעגן שטראָם, אין מיטן דער וועלט פון געוואַלט, אַגרעסיע און פאַרדאָרבנקייט, פירט צו ראַדיקאַלער איבעראַנדערשונג פון דעם וועלט־סדר, איר איינפלוס וועט אַלץ מוזן וואַקסן אין דער צייט ווען די אַלטע וועלט זינקען אין די אָפּגרונטן פון געמיינקייט און פאַרברעכן. דאָס דאָזיקע גרויסע סאָציאַלע ווערק האָט געקענט אויסוואַקסן נאָר אונטערן איינפלוס פון הויכע אידעאַלן. דער קאָנסטרוקטיווער כאַראַקטער

פון קיבוצישן סאָציאַליזם דאָס איז אַ פאַרווירקלעכונג פון די אידעלן פון אַנאַרכאָ־סינדאַקאַליזם. די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן האָבן אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג אין די יאָרן 1936—1939 געשאַפן אין שפּאַניע אַזעלכע אַנאַרכאָ־קאָלעקטיוון.

די אַלע פאַרשידענע „מאַרקסיסטן־לענינסיטן", די געשוווירענע „לינקיסטן" וואָס פּאַפּלען וועגן איבעראַנדערשן די וועלט, וואָס ווייסן זיי וועגן אָט דעם וווּנדערלעכן ווערק? ווו עס גייט אָן ניט קיין פּלאַפּלעריי, ווו ניט מיט שיינע פראַזן, נאָר מיט טאָג־טעגלעכער ערלעכער אַרבעט ווערט געבויט דער סאָציאַליזם ווי ס׳גייט אָן אַן אמתע איבעראַנדערשונג פון דער וועלט.

אָבער די וואָס זוכן פלעקן און חסרונות אויפן קיבוץ קאָנען מיר זאָגן, אַז ווי לאַנג מענטשן וועלן ניט זיין פריי פון חסרונות, וועט אויך דער קיבוץ ניט זיין פולקאָם און בשלימותדיק. מיר קענען זיך אָבער טרייסטן, אַז דער קיבוץ האָט אויסגעמיטן צו ווערן דעגענערירט!

## 21. דער אמתער באַדייט פון וואָרט אַנאַרכיזם

„די קעגנערס פון אַנאַרכיזם זוכן אַריינצוטייטשן אינעם וואָרט גופא דעם היפּוכדיקן זין דערפון. אַנאַרכיע מיינט פּשוט: „אָן הער־שאַפט". אָבער די כלערליי אַנטי־אַנאַרכיסטן, באַזונדערס די מאַרק־סיסטן, טייטשן דאָס וואָרט אויס ווי הפקרות און כאָאָס. דעריבער טאַקע ריידן זיי וועגן דער היינטיקער „עקאָנאָמישער אַנאַרכיע", אַר־בעטסלאָזיקייט, אינפלאַציע, עקאָנאָמישע קריזיסן, ווערן מצד זיי באַטראַכט ווי רעזולטאַטן פון דער „אַנאַרכיע". דאָס איז אַן אַלטע פראַזע, וואָס איז שוין גענוצט געוואָרן אין אָנהויב פונעם 19טן יאָרהונדערט און אפשר נאָך פריער.

דעריבער טאַקע האָבן אפילו באַרימטע אַנאַרכיסטן זיך באַמיט פונאַנדערצוטיילן די צוויי סתירותדיקע טייטשן פון דעם וואָרט „אַנאַרכיע". באַקונין, למשל, האָט דאָס געטאָן אין זיינע שריפטן. און אַלבערט ר. פּאַרסאָנס, איינער פון די פינף אַמעריקאַנישע אַנאַר־כיסטישע מאַרטירערס, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס אויף

דער תליה פאַר זייער קאַמף פאַר אַן 8־שעהדיקן אַרבעטסטאָג אין 1887, האָט צום שופט אין שיקאַגאָ געזאָגט:

„אַנאַרכיע, הויכער ריכטער, ווי אַ סך אַנדערע ווערטער, האָט צוויי טייטשן, לויט ווערבסטערס ווערטערבוך. עס מיינט: אָן הערשערס אָדער רעגירערס; און אויך: אומאָרדענונג און כאַאָס. דעם צווייטן טייטש נוצן מיר ווען מיר ריידן וועגן דעם איצטיקן מצב איבער דער וועלט און אַפילו אויך דאָ, אינעם געריכטסזאַל. דאָס איז די קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע. דעם ערשטן טייטש פון אָן הערשערס און אָן רעגירערס מיינען מיר ווען מיר ריידן וועגן פרייהייטלעבער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע".

די דאָזיקע צוויי טייטשן האָבן אָבער קיין שום שייכות ניט צווישן זיך. וואָרן אַזוי קאָן דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער כאַאָס באַצייכנט ווערן מיטן זעלביקן וואָרט, וואָס סימבאַליזירט די שענסטע, האַרמאָניסטישע און פרידלעכע געזעלשאַפט פון דער צוקונפט?

די דאָזיקע צוויי סתירותדיקע טייטשן זענען תמיד געווען אַ פּראָבלעם פאַרן אַנאַרכיזם. דעריבער טאַקע האָבן פון צייט צו צייט אַ צאָל פּראָמינענטע אַנאַרכיסטן פאָרגעשלאָגן אויפצוגעבן דעם דאָזיקן נאָמען, וואָס מיר מוזן אים כסדר פאַרטיידיקן קעגן די פעלשערס. אָבער די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, ווי אַ גאַנצע איז אַלע מאָל געווען קעגן דעם. קראָפּאָטקין, למשל, האָט אויך אַרגו־מענטירט פאַר בייטן דעם נאָמען. אָבער ער האָט אויפגעגעבן דעם געדאַנק ווען ער האָט געזען, אַז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז קעגן אַ שינוי־השם. דאָך האָט ער אָפט מאָל אין זיינע שריפטן בכיוון פאַרטייטשט דאָס וואָרט, כדי צו מאַכן קלאָר וואָס ער מיינט. ער פלעגט, למשל, שרייבן אַזוי: „אַנאַרכיזם, דער רעגירונגסלאָזער סיס־טעם פונעם סאָציאַליזם".

אָבער דער אמתער באַטייט פון דעם וואָרט אַנאַרכיזם איז דאָך די העכסטע און שענסטע אַנטוויקלונג פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פון פרייהייט און סאָלידאַריטעט. אַנאַרכיזם מיינט דאָך אַ געזעל־שאַפט, געבויט אויף די יסודות פון אומגעפענטעטער פרייהייט און פולער קעגנזייטיקער הילף."

(פאול בערמאַן, דער אמתער באַדייט פון אַנאַרכיזם).

די שרעק פאַרן אַנאַרכיזם איז דער פּועל־יוצא פון דעם, וואָס זיין ציל איז אַזאַ סאָרט פרייהייט, וואָס שליסט אויס די עקזיסטענץ פון דער מלוכה, דער כלומרשטער באַזאָרגער אָבער פּאַקטישער אונטערדריקער און באַהעשער. אויפן פּלאַץ פון דער מלוכה וויל דער אַנאַרכיזם בויען פרייע פעדעראַציעס פון וואָלונטאַרע פאַראייניקונגען, וואָס זאָלן מיט זיך צוזאַמענשטעלן אַ ליבערטאַרישע געזעלשאַפט אָן היעראַרכיעס, אָן אויבערשטע און אונטערשטע קלאַסן.

אַנאַרכיע, איז דעריבער דער פּאַקטישער סינאָנים פון דעם באַגריף פרייהייט. דאָרט ווי עס הערשט אומאָרדענונג, כאַאָס, צוואַנג פאַרברעכן, אַגרעסיע, טעראָר קען ניט זיין קיין פרייהייט. אַנאַרכיע באַדייט די האַרמאָנישסטע אָרדענונג צו שלימותדיקער פאָרם פון פרייהייט. כאַאָס און הפקר איז דער קעגנזאַץ צו אַנאַרכיע. אַנאַרכיע מיינט פרייהייט!

יעדע אַנדערע אויסטייטשונג פון באַגריף אַנאַרכיזם איז אַן אָפענע פעלשונג, וואָס ווערט באַוווסטזיניק געטאָן פון אירע שונאים.

## 22. דער אַנאַרכיזם פון היינט

דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער און מאָראַלישער קריזיס אין וועלכן מיר לעבן, שטעלט פאַר אונדז די פראַגע — וואָס דאַרף זיין די ראָלע פון אַנאַרכיזם אין דער היינטיקער צייט, צי האָט זי אַ באַרעכטיקונג און אַ צוקונפט? צי איז מעגלעך איר פאַרווירקלעכונג?

דער באַגריף „פאַרווירקלעכונג” וועקט גאָר ניט קיין אָפּטימיסטישע אַסאָציאַציעס, ווייל דער נצחון פון די צוויי גרעסטע סאָציאַלע באַוועגונגען אין דער געשיכטע, דער קריסטנטום און דער מאַרקסיזם, איז געווען אויך זייער אידעישער און מאָראַלישער סוף. פון ביידע מעכטיקע באַוועגונגען זענען געבליבן נאָר די נעמען. די כהנים פון ביידע באַוועגונגען האָבן געטראָטן אויף זייער אייגענע גלויבנס און געבאָדן זייערע אידעאַלן אין בלוט און אין בלאָטע. דערפון דער צווייפל צי קען מען בויען אַ געזעל־

שאַפֿטלעכע סטרוקטור, וועמענס מעכאַניזם זאָלן גלאַטיק פּליסן לויט די מענטשלעכע אַספּיראַציעס; צי איז בכלל דער מענטש גע־בוירן געוואָרן צי זיין פֿריי און גליקלעך?

עס לאָזט זיך אָבער ניט פֿאַרשטעלן אַז דער מענטש איז פֿאַר־משפּעט געוואָרן צו לעבן אין אַן אייביקן גיהנום פֿון מאָרד און גזלה, זיך כסדר קעגנזייטיק אויסצושעכטן. עפּעס קען זיך ניט גלויבן אַז די וועלט מוז אייביק זיין באַהערשט פֿון געניאַלע שווינדלערס, סופּער־קאָמבינאַטאָרן, גאַנגסטערס, עקספּלאָאַטאָרן און דעמאַ־גאָגן; אַז ברוטאַלע הערשערס וועלן אייביק האַלטן אין זייערע בלוטיקע לאַפּעס דעם גורל פֿון מענטש און פֿעלקער. אפֿשר וועט די פּסיכאָלאָגיע אַמאָל געפֿינען אַ באַשייד אויף דעם וואָס דער מענטש־לעכער געדאַנק נעמט אָן דאָס משונהדיקע שלעכטע און אַבסורדאַלע פֿאַר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, וואָס לאָזט זיך ניט פֿאַרמיידן, און דאָס גוטע און יושרדיקע, ווי אַן אוטאָפּיע, וואָס לאָזט זיך ניט דערגרייכן.

די ריזיקע טריט מיט וועלכע עס שפּרייזט היינט די וויסנשאַפֿט, די טעכניק און אינדוסטריע, וואָס ענדערט אונדזערע לעבנס־באַדינ־גונגען, ברענגט נייע דערפֿאַרונגען, צווינגען אונדז צו מאַכן אַ רעוויזיע אין אונדזער טראַכטן, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם אַלטן גייסטיקן באַלאַסט פֿון אַבסאָלוטע דאָקטרינעס, קאָנסערוואַטיווע דאָג־מעס און קאָנווענציאָנעלע אמתן, ניט נאָר ביים באַנעמען די רעאַלי־טעט פֿון אונדזער עקזיסטענץ נאָר אויך לגבי די קאָמפּליצירטע גע־זעלשאַפֿטלעכע דערשיינונגען. דער הפֿקרדיקער וווּקס פֿון געבורטן ווי דער פּלאָג פֿון אָרעמקייט ווערט וואָס אַמאָל מער אַ סכּנה אויף פֿאַר די זאַטע און רייכע לענדער. די מאַטעריעלע און גייסטיקע אָרעמקייט ווערט אַ גינסטיקער באָדן פֿאַר רעליגיעזן פֿאַנאַטיזם, פֿאַר פֿאַשיסטישע און קאָמוניסטישע פּוטשן, ווי פֿאַר שאַרלאַטאַנישע פּאָליטיקאַנטן אַ מעגלעכקייט צו דעראָבערן דיקטאַטאָרישע מאַכט, צו פֿאַרשקלאַפֿן די אייגענע פֿעלקער און צו אַגרעסיווע אַוואַנטורעס קעגן פֿרעמדע פֿעלקער. דאָס באַוואָפֿענען זיך מיט די ראַפֿינירסטע מאָרד־מכשירים, קען ניט פֿאַרזיכערן, די זאַטע פֿעלקער, אַז די עלנט זאָל זיי ניט אָפּשווענקען צוזאַמען מיט זייער שווילטאָג און פֿאַרשווענ־קייט; דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס וועגעטירט אין איר סופּערלוקסוס, ווי

די לענדער וועלכע זינקען אין מאַסן־עלנט, שטייען ביידע אומבאַ־האָלפן קעגן די זעלבע סכנות, וואָס ברענגט מיט זיך דעם ראַדיקאַלן מאַנגל אין שפּייז און די באַגרענעצונג פון ענערגיע־קוואַלן. די מושלים פון דער וועלט פּרוּוון איבערצייגן זייערע פעלקער, אַז קיין זאַך לאָזט זיך ניט ענדערן און בעסער מאַכן. אויך דער באַלשע־וויסטישער מדינה־בלאָק, וועלכער קען ניט פאַרבעסערן די לאַגע פון די אייגענע פעלקער, טוען אַלץ צו באַדראָען און פאַרשקלאַפן פרעמדע פעלקער. אַנשטאָט ברויט פאַרפלייצן זיי די וועלט מיט טאַנקען און האַרמאַטן. ביידע אימפּעריאַליסטישע בלאָקן ענטפערן אויפן וווּקס פון מאַסן־עלנט מיט פאַרגרעסערן זייערע מיליטערישע בודזשעטן. דער א. ג. „דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם" מאַכט מיט די זעלבע שאַרלאַטאַנישע פּאָליטיק.

די רעוואָלוציע אין דער וויסנשאַפט און טעכניק וועלכע ברענגט צו אַ רעוואָלוציע אין מענטשלעכן געדאַנק, און שטעלט אויך דעם אַנאַרכיזם פאַר נייע פּראָבלעמען. דער קאַפּיטאַליזם איז היינט ניט דער זעלבער וואָס אין דעם 19־טן יאָרהונדערט. דער דעמאָ־קראַטישער קאַפּיטאַליזם איז היינט אַ קלענערער בייז פאַרן דעספּאָ־טישן סאָציאַליזם. דער היסטאָרישער וועג פון קאָמוניזם וועט אָבער ניט פירן צוריק צום פּריוואַט־אייגנטום און קאַפּיטאַליזם, זי וועט צום סוף מוזן געפינען איר דירעקטן וועג צו אַ פולשטענדיקן, ניט געפעלשטן סאָציאַליזם, צו אַ קלאַסנלאָזע און מלוכהלאָזע געזעל־שאַפט, די פליכט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איז צו העלפן די פעלקער וואָס שמאַכטן אונטער דער דעספּאָטיע פון מאַכט ווי אונטער דער דעספּאָטיע פון געדאַנק, צו געפינען דעם וועג צו דער פרייהייט.

די פעלקער וועלכע וועלן געפינען דעם וועג צו דער פרייהייט וועלן מוזן אָראָפּוואַרפן פון זיך די צענטראַליסטישע מאָנאָפּאָליסטי־שע צוואַנגס־ווירטשאַפט און איבערגיין צו אַ פרייוויליקע ווירט־שאַפט פון קאָלעקטיוון באַזיץ און קאָלעקטיווע אַרבעט, געשטיצט אויף מענטשלעכער סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף. זי וועט מוזן פאַרוואַרפן די איינרעדעניש, אַז ס'איז כלומרשט קעגן דער מענטשלעכער נאַטור צו לעבן אין קאָלעקטיוון. די געשיכטלעכע

דערפאַרונג לערנט אונדז דאָס פאַרקערטע. מענטשן האָבן שוין מיט הונדערטער יאָרן צוריק געשטרעבט און געשאַפן קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, פון געמיינזאַמע פּראָדוקציע און קאָנסומפּציע, וועלכע האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט און האָבן אויך היינט אַ ווירטשאַפט־לעכן דערפאָלג. די קריסטלעכע קאָמונעס זענען זיך ניט צעפאַלן נאָר ברוטאַל פונאַנדערגעטריבן געוואָרן פון די מלוכהשע און קירכע־מאַכט. די שפּאַנישע אַנאַרכיסטישע קאָלעקטיוון פון די יאָרן פון בירגער־קריג (1936—1939), זענען געווען פרייוויליקע און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, זיי זענען אָבער פאַרניכטעט געוואָרן דורך די פאַשיסטישע פראַנקאָ־באַנדעס. די עקזיסטענץ פון איבער 70 יאָר ישראל־קיבוצים זאָגן אַמבעסטן עדות פון געזעלשאַפטלעכן, ווירטשאַפטלעכן און מאָראַלישן איבערוואָג איבער דער פּריוואַט־ווירטשאַפט, אַלס אַ העכערער פאָרם פון ווירטשאַפט און העכערע פאָרם פון געזעלשאַפט. די צענטראַליסטישע מלוכה־ווירטשאַפט, אונטער די קאָמוניסטישע רעזשימען, האָט געליטן אַ פולשטענדיקן פיאַסקאָ, און די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט איז דאָרט פאַרשקלאַפט און באַליידיקט.

ביי אַט דער סיטואַציע ווערט די אַנאַרכיסטישע ווירקלעכקייט ניט קיין שיינער חלום נאָר אַ רעאַלע נויטווענדיקייט. זי וועט אָבער ניט דערגרייכט ווערן דורך קיין בלוטיקע רעוואָלוציעס, ניט דורך דעקרעטן אָדער פּאַרלאַמענטאַרישע רעזאָלוציעס. ניט דורך „דערליי־זערס" און ניט דורך פּאַרלאַמענטאַרישע געזעצן, נאָר אַרויסוואַקסן פון דעם ווילן פון די מאַסן צו אַ ראַדיקאַלע איבעראַנדערשונג. איר באַזע קענען ווערן די פּראָפעסיאָנעלע סינדיקאַטן. אין ישראל קענען דאָס ווערן די אונטערנעמונגען פון הסתדרות, ניט פאַרוואַלטעט דורך באַסן נאָר דורך די אַרבעטער גופו, דאָס קענען זיין די פריי־וויליקע דאָרפישע און שטאָטישע קאָלעקטיוון, אַגראַר אינדוסטריעלע קאָמונעס און קאָאָפּעראַטיוון, וואָס וועלן שאַפן נייע פאַרהעלטענישן צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומפּציע, אַ נייע ווירקלעכקייט פון גלייכהייט און יושר. דער אַנאַרכיזם רוקט אויך ניט אַרויס קיין דאָג־מעס אין דער ווירטשאַפט, זי האַלט ניט אַז אומעטום וועט די פאַר־ווירקלעכונג מוזן אָננעמען דעם זעלבן שאַבלאָן, דעם זעלבן סיסטעם.

אויף יעדן אָרט וועלן די אַרטיקע באַדינגונגען און דערפאַרונגען שאַפן די בעסטע פאָרמען פאַר דער אַנאַרכיסטישער פאַרווירקלעכונג. דער אַנאַרכיזם וועט ניט באַפעלן קיינעם ווי אַזוי צו לעבן. די באַפרייטע פעלקער וועלן אַליין געפינען די בעסטע וועגן ווי צו פאַרזיכערן זייער פרייהייט און אַ הויך קולטורעלן און ווירטשאַפטלעכן לעבנס־ניוואָ.

דעריבער נאָך איר געשיכטע פון אידעישקייט און הערצישקייט שטייט דער אַנאַרכיזם אַלץ ביי איר אָנהייב. איר רייכע געשיכטע איז געווען בלויז די פּראָלודיע. די צייט איז נאָך ניט געווען גענוג רייף פאַר אירע דערהויבענע אידעאַלן און געוואָגטע געדאַנקען. איצט ווערט דער אַנאַרכיזם אַלץ מער דער איינציקער אַלטערנאַטיוו, וואָס קען ראַטעווען די פעלקער פון אונטערגאַנג און קאַטאַסטראָפע. נאָך היטלעריזם און סטאַליניזם, נאָכן בלוטיקן חורבן, נאָכן באַנקראָט פון מאַרקסיזם, פאָדערט זיך פון דעם אַנאַרכיזם, מיט פרישקייט פון געדאַנק, מיט גייסט פון דער צייט, צו שפּאַנען צו אַ נייער איבעראַנדערשונג, צו אַ נייער געזעלשאַפטלעכער ווירקלעכקייט, צו אַ נייער קולטור און ציוויליזאַציע פון אַ ניט־געפעלשטער פרייהייט, און ניט־געפעלשטן סאָציאַליזם.

**וואָס מיינט אַנאַרכיזם פאַר דער היינטיקער צייט?**

די גרויסע נעגאַציע און פּראָטעסט קעגן דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק פון די פינאַנסיעלע און אינדוסטריעלע אָליגאַרכיעס, קעגן דער מעכטיקער ביוראָקראַטיע, וואָס אין נאָמען פון קאַפּיטאַליזם אָדער סאָציאַליזם באַנוצן זיך מיט ברוטאַלן געוואַלט צו פאַרשקלאַפן, פאַרטעמפּן דעם מענטשלעכן גייסט און טרייבן די מענטשלעכע געזעלשאַפט צו איר קאַטאַסטראָפע און אומקום. אַנאַרכיסטישע פאַרווירקלעכונג מיינט דאָס אַרויסרייסן זיך פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט פון דער שליטה פון דער מאַכט וואָס פאַרלייגט אירע הערשערישע נעצן איבערן מענטשלעכן גייסט, איבער דער מענטשלעכער פרייהייט.

פון קליינגייסטיקן, ענגן פאַרטיי־שטאַנדפּונקט ווערן אַלע דערשיינונגען אין לעבן דערקלערט און צוגעפּאַסט צו די פאַרטיי־אינטערעסן. דערמיט פאַרשווינדט אומנוצלאָז, די מענטשלעכע ענערגיע,

קראַפט און איניציאַטיוו, אַלע דרייסטע געדאַנקען ווערן פאַרזונקען אין „פּראַקטישן" רעאַליזם. די פּאַרטיי־סעקרעטאַרן און פּאַרטיי־עס־קנים פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ בלינד שטימצעטל. כאַטש ניט נאָר גרויסע פּאַרטייען, ניט נאָר שרייענדיקע נעמען פון פּאָלי־טיקער ווערן אָפּגעמעקט, אַרויסגעשליידערט פון לעבן און אַריינגע־וואָרפן אין דער פאַרגעסנקייט, אין דעם מיסטקאַסטן פון דער גע־שיכטע. אַפילו מעכטיקע אימפּעריעס ווערן אָפּגעווישט און גייען אונטער, נאָר גרויסע געדאַנקען בלייבן אייביק. נאָר אַזעלכע גרויסע נעמען ווי: שפּינאָזע, דאַרווין, פרויד איינשטיין און אַנדערע. אייביק בלייבן די נעמען פון גרויסע פילאָזאָפן, געלערנטע, שרייבער און פּאָעטן, וואָס האָבן געגעבן גרויסע געדאַנקען. די מאַסן האָבן גע־שטעלט באַריקאַדן נאָר פילאָזאָפן האָבן רעוואָלוציאָניזירט דעם געדאַנק. זיי האָבן אָנגעצונדן דעם פאַקל וואָס די מאַסן האָבן גע־טראָגן. די אונטערגעגאַנגענע פּאַרטייען האָבן איבערגעלאָזט אונטער זיך פּוסטקייט, ווייל זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די געבורטסווייען פון אַ נייער געזעלשאַפט, זיי זענען געבליבן, מיט זייער קאָנסערוואַטיזם, אונטערשטעליק אונטערן גייסט פון דער צייט.

אין דער זעלבער צייט ווען מיר שטאַלצירן מיטן גרויסן טריאומף פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, זינקען מיר אין טיפן זומפּ פון קאָנ־סערוואַטיוון געדאַנק, מיט איר „שיינער" פראַזע: „אַנדערש קאָן גאָר ניט זיין" אָדער „אומגלייכקייט האָט שטענדיק עקזיסטירט און וועט אייביק עקזיסטירן". אַזעלכע געדאַנקען זענען די קראַנקייט פון אונדזער צייט. וואָס וואָגט ניט צו זוכן, ענדערן און בעסער מאַכן. דער מענטש וואָלט גערן געוואָלט אַ בעסערן מאָרגן נאָר מיט אַ באַדינג מען זאָל דאָס אים צושטעלן אויף אַ זיכערע בריק און זיי ווילן גאָר ניט פאַרשטיין, אַז די בריק אויף וועלכע זיי טרעטן איצט ברעכט זיך און צעפאַלט זיך.

דער זעלבער קאָנסערוואַטיזם זאָגט אונטער: „אַנאַרכיזם איז אַ שיינע אוטאָפּיע, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן". זאָגן מיר אַז דער אַנאַרכיזם איז דער אויסדרוק פון די באַדערפענישן צו ענדערן די היינטיקע ווירקלעכקייט, פון פאַרדאַרבענע אינסטיטו־ציעס, פון קאָרופּציע, קאַריעריזם און ביוראָקראַטיע, זי איז דער

פראָטעסט קעגן דער מעכאַניזירונג פון דער מענטשלעכער פּערזענ־לעכקייט און קאַפּיטולאַציע פון גייסט פאַר דער מאַטעריאַליזירטע געזעלשאַפט, אויף איר וועג צו פאַרברעכן און קאַטאַסטראָפע. דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק איז ניט קיין פּאַרטיי־געדאַנק און קאָן קיינ־מאָל ניט אונטערגיין, ווייל דאָס וואָלט באַדייט דער אונטערגאַנג פון די העכסטע מענטשלעכע צילן, אָן ענדע צו דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן געדאַנק. דאָס וואָלט געמיינט אַז דאָס לעבן האָט מער ניט קיין צוועק. דער איינפלוס פון דעם אַנאַרכיזם ווירקט אויף דער היינטיקער פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט, קונסט און ליטעראַטור. ווען מיר ווילן באַגרייפן די גרויס פון דעם איינפלוס פון אַנאַרכיסטישן געדאַנק מוזן מיר אויך געדענקען די גרויסע נעמען, וואָס האָבן דעם גע־דאַנק באַפרוכטפערט. געננג אויסצורעכענען בלויז אַזעלכע גרויסע גייסטער ווי: ספּענצער, ניטשע, עמערסאָן, איבסען, שעלי טאָלסטוי, יאָ עס איז דאָ אַ גרויסער געדאַנק, וואָס קען אונדז אַרויסראַטעווען פון דער טיפער בלאָטע אין וועלכע עס זינקט היינט די געזעלשאַפט. אָט דעם געדאַנק לאָמיר ניט זוכן ביי קאָרומפּירטע פּאָליטיקער און קאָרומפּירטער פּאָליטיק.

נאָך קיינמאָל אַזוי ווי היינט נויטיקן מיר זיך אין אַ וועלט־אַנשוי־אונג, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו דער פּראָסטואירטע און קאָרומפּירטע געזעלשאַפט.

## 23. אַנאַרכיזם אין ישראל

די באַרירונג צווישן אַנאַרכיזם און ציוניזם הויבט זיך אָן נאָך פאַר הערצלען, מיט משה העסן דער ציוניסטישער וויזיאָנער און אַנאַרכיסטישער סאָציאַליסט. דער באַקאַנטער פראַנצויזישער אַנאַר־כיסט בערנאַרד לאַזאַר איז געוואָרן נאָענט צום ציוניזם און אָנטייל גענומען אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. ער האָט אָבער ניט אָנער־קענט הערצלס פּאָליטישן ציוניזם. אויך אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי פראַנץ אָפּענהיימער און מאַרטין בובער זענען געווען געבונדן מיטן ציוניזם און אידעיש בייגעטראָגן צום אַנאַרכיסטישן געדאַנק.



**מאַרטין בובער**

בובערן איז געלונגען צו פאַראינטערעסירן זיין פריינד און לערער דעם יידיש־דייטשן אַנאַרכיסטישן טעאָרעטיקער גוסטאַוו לאַנדאַוער מיטן פּלאַן פון קאָלעקטיווע קאָמונעס אין ישראל.

מען קען דרייסט זאָגן אַז דער אַנאַרכיזם האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין קעגן דעם אַז אַ פאָלק, אָדער אַ טייל פון פאָלק זאָל זיך אויסלעבן אין נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. קראָפּאָטקין האָט אָנערקענט אַז אויך דאָס יידישע פאָלק האָט רעכט צו אייגענער זעלבסטשטענדיקייט. אָט זענען די ווערטער פון פּיאָטר קראָפּאָטקינען:

„די פולשטענדיקע אַנטוויקלונג פון יעדער נאַציע אין דער נויטיקער תנאי, לויט מיין מיינונג, סיי פאַרן רחבותדיקן לעבן פון דער מענטשהייט און אויפבליאונג פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג אין אַלגעמיין, סיי פאַרן זיג פון אַנאַרכיסטישן קאָמוניזם. פון דעם כלל איז געדרונגען, אַז די ציוניסטן, וועלכע רופן די יידן זיך צו

באַזעצן אין פּאַלעסטינע און דאָרט גרינדן אַ יידישע מלוכה, זענען געדעכט. פאַרקערט, קעגן דאָזיקן פּלאַן זענען פאַראַן אַ סך ווייניק אויסזעצונגען.

(ליסטי כליב אי וואליא)

נאָך דעם קישעניעווער פּאָגראָם האָבן ניט ווייניק אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע, צווישן זיי זאַלאַטאַראָוו, זיך סאָלידאַריזירט מיטן געדאַנק צו באַזעצן יידן אין דעמאָלטדיקן פּאַלעסטינע. אַזעלכע, ווי נחמן סירקין דער טעאָרעטיקער פון פועלי ציון אין אַמעריקע איז געווען פאַר בויען דעם ישוב אין ארץ ישראל דורך קאָמונעס און קאָאָפּעראַציע.

מיטן אָנקומען פון דער צווייטער עליה האָט זיך געשטאַרקט די אַנאַרכיסטישע איינפלוסן. עס איז אַנטשטאַנען דער גדוד העבודה מיט טרומפּעלדורן בראש, וועלכע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קאָלעקטיווע אַרבעט־אָרגאַניזאַציע געשטיצט אויף די זעלבע יסודות, וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. דער גדוד העברי האָט עס געשאַפן די קיבוצים עין־חרוד און תל־יוסף. אויך דער הסתדרות איז אַנטשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די אידעאַלן פון גדוד־העבודה, באַזונדערס אויף קעגנזייטיקע הילף, און איז געווען, אין איר אָנהייב, באַווירקט מיט די אידעאַלן פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם, ווייט פון דעם כאַראַקטער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן אין אייראָפּע. אין זיין בוך, אדונים לגורלנו, קלערט אויף דער מחבר אשר ~~פינב~~ מיינט ווי אַזוי דאָס איז געשען וואָס דער הסתדרות האָט פאַרלוירן זיין אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישן כאַראַקטער, קודם צוליב דעם וואָס דער הסתדרות האָט ניט געוואָלט אָפּשרעקן דאָס קליינבירגערטום און דעם יידישן קאַפּיטאַל צו קומען קיין ישראל און דעריבער געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן מיטן אידעאַל. אין איר ביאָגראַפיע פון בערל קאַצענעלסאָנען שרייבט אַניטאַ שאַפּירא אַז בערל קאַצענעלסאָן האָט זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקער השפעה פון סארעלס קאָנסטרוקטיוויזם און פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. דער פאָרשער פון דער געשיכטע פון אחדות העבודה, יוסף גורני דערציילט וועגן דער גרוי־

סער השפּעה פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם אויף אַט דער באַוועגונג אחדות העבודה וועלכע האָט ווי די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן נעגירט די פּאָליטישע פּאַרטייען און געווען פאַר דעצענטראַליזאַציע.

אין דעם „מכון טרומפּעלדור״ אין קיבוץ תל־יוסף געפינט זיך מאַטעריאַלן וואָס דערציילן אַז אין די דרייסיקער יאָרן האָט אין ארץ ישראל עקזיסטירט אַ ברייט פאַרצווייגטע, אומלעגאַלע נעץ פון אַנאַרכיסטישע גרופּן, אין די קיבוצים, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביולעטינען און אָרגאַניזירט אַ הילף־אַקציע פאַר די שפּאַנישע אַנאַרכיסטן אין דער צייט פון שפּאַנישן בירגער־קריג. זיי זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די אַנאַרכיסטישע גרופּן אין די שטעט ווי אויך מיט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונגען אין אַנדערע לענדער. אין קיבוץ אפיקים האָט געלעבט דער יונג פאַרשטאַרבענער יצחק טאַבאַרי, אַ פּאָעט און טראַקטאַריסט, וואָס האָט אָנגעשריבן אין עברית אַ בראָשור וועגן בירגער־קריג אין שפּאַניע. עס האָבן געלעבט אין ישראל אַזעלכע אַנאַרכיסטן ווי: נתן חופשי דער קעמ־פער פאַר ברודערלעכע באַציאונגען צווישן יידן און אַראַבער. ער איז געווען דער מיטגרינדער פון נהלל. געלעבט האָבן דאָ: ד״ר ישראל רובין און י. מ. זאַלקינד — דער איבערזעצער פון תלמוד אויף יידיש, האָבהויזער, געווען אויך אַן עספּעראַנטיסט, אַ לערער פון שפּראַכן, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון דייטשלאַנד, שפּאַניע, פּאָרטוגאַל און ישראל.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אָנגעקומען גרעסערע גרופּעס געראַטעוועטע אַנאַרכיסטן פון לאַגערן און פון רוסלאַנד און צוזאַמען מיט דעם געקומענעם פון אַמעריקע באַקאַנטן אַנאַרכיס־טישן טוער און שרייבער אבא גאָרדין, האָבן זיי געגרינדעט אַן אַנאַרכיסטישן צענטער אין תל־אביב און אונטער דער רעדאַקציע פון אבא גאָרדין איז אַנטשטאַנען דער אַנאַרכיסטישער צוויי־מאָנאַט זשורנאַל „פּראָבלעמען״, וועלכער דערשיינט ביזן היינטיקן טאָג. אַ סך פון די דאָזיקע חברים זענען אויסגעשטאָרבן. לאָמיר דאָ דער־מאָנען די אַקטיווע פון זיי: שמואל אברבנאל, מאָרגנשטערן יוסף, זאנדמאַן שמחה, פולמוס סאַמעק, ד״ר קליין, שוואַרצבאַרד שלמה, ד״ר רובין (פּסיכאָלאָג) אַדוו. שראַגיי עזריאל, שפּיץ יעקב, ליבסקינד

צילה, גאָלדמאַן משה, מאַרקוזי, הירשאוגע אליעזר, הירשאוגע דינה, קאָנסטאַנטינאָוויטש משה, קוסטאַני משה, גוזין בעלאַ.

פון די וואָס זענען געווען טעטיק אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין פּוילן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, געפינען זיך אין לאַנד: האַמבורג שמחה, האַמבורג לאַלע, לאַטאָוויטש אברהם, טאָדער צבי. אין לאַנד געפינט זיך אויך דער שפּאַנישער חבר יוסף ראָטעם, אַ קעמפער און אינוואַליד פון שפּאַנישן בירגער־קריג. אין ישראל האָט דער מאַרקסיזם קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרויסע השפעה אויף דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל דאָ האָבן געבליט די אַנאַרכיסטישע טענדענצן פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, פון חלוציזם, קאָלעקטיוויזם, קאָאָפּעראַציע, קעגנזייטיקע הילף, דאָס אַלץ וואָס לויט דעם מאַרקסיזם ווערט באַטראַכט ווי אַן אוטאָפּישער סאָציאַליזם. היינט נאָך דעם ווי דער קולט צו מלוכהשקייט האָט גרויסע שאָדן געבראַכט, אָט די אַלע פרייהייטלעכע אידעאַלן, הערט מען דאָך עפּעס דעם רוף — צוריק צו די אַלטע אידעאַלן פון די אָנהייבער און גרינדער. אין די קרייזן פון הסתדרות גייט אָן דער רוף צו זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער אין די הסתדרותישע אונטערנעמונגען. דער רוף צו „אויטאָגעסטיאָן" אָנשטאָט אַ באָסן־ווירטשאַפט. וועגן דער קרובהשאַפט צווישן גדוד העבודה און אַנאַר־כאָ־סינדיקאַליזם ווערט ברייט באַהאַנדלט אין דער אַרבעט וועגן „גדוד העבודה" פון פּראָפ. אלחנן מאַרגאַלית.

און דאָך איז די באַוועגונג פון פרייען סאָציאַליזם אין ישראל שטאַרק אונטערשטעליק. דאָס נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס איבער צוויי טויזנט יאָר האָט דאָס יידישע פאָלק ניט געוווּסט פון קיין מלוכהשע ראַם און גראַד איצט, ווען אויף דער וועלט איז די אינסטיטוציע פון מאַכט קאָרומפּירט. אָפּגעלעבט און קאָמפּראָמי־טירט, קלאַמערט מען זיך ביי אונדזביים קולט צו דער מדינה און מאַכט. די יידישע געשיכטלעכע דערפאַרונג לערנט גראַד דאָס פאַרקערטע: איבער צוויי טויזנט יאָר האָט דאָס יידישע פאָלק גע־לעבט אין איר צעשפּרייטקייט, אָן מאַכט, אָן רעגירונגען. זי האָט פאַרמאָגט אירע פרייוויליקע אינסטיטוציעס פון זעלבסטהילף, אירע שולן, שפּיטעלער, און דאָס אָפט קעגן דעם ווילן פון די הערשנדיקע

רעגירונגען, אָפּט אונטער רעפּרעסיעס האָט דאָס פֿאָלק געפּירט איר בילדונג און דערציאונג־טעטיקייט. אַרויסגעגעבן צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער. אַרויסגעגעבן גרויסע גאונים אויף די פֿאַר־שידענע געביטן פֿון דער וויסנשאַפֿט, מעדיצין, פֿילאָזאָפֿיע און קונסט. ווען מעכטיקע מדינות באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז פֿיס זענען גייסטיק פֿאַרפֿוילט געוואָרן און אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער געשיכטע איז דאָס יידישע פֿאָלק, וואָס האָט אַפֿילו דורכגעלעבט אַזאַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפֿע און חורבן. 80 פּראָצענט פֿון איר באַפֿעלקערונג אין אייראָפּע איז אומגעקומען. איז דאָך דאָס פֿאָלק געבליבן עקזיסטירן און בויט איצט איר אייגענע זעלבסטשטענדיקייט אין ישראל.

פֿאַרשטענדלעך אַז דער וויכטיקסטער באַדינג און באַרעכטיקונג פֿאַר איר עקזיסטענץ איז צו זיין אַ פֿריי און יושרדיק לאַנד, ווי אויך די אַראַבישע מאַסן זאָלן קענען לעבן ווי גלייכע מיט גלייכע און ביידע פֿעלקער אין שלום און פֿריינדשאַפֿט. דער באַדינג אַז דער סאָציאַליזם אין ישראל, ווי דער ציוניזם זאָל ניט זיין פֿאַרקריפּלט און ניט אַנטוויש.

# ביבליאָגראַפיע


רודאָלף ראָקער. נאַציאָנאַליזם און קולטור.

קראָפּאָטקין. עטיק

ק. קאוטסקי. תנועות קומוניסטיות בימי־הביניים.

קאַרל מאַרקס. היסטאָרישע ווערק

מאַקס נעטלאו. די געשיכטע פון אַנאַרכיזם (רוסיש).

ניקאָליי לענין. מלוכה און די רעוואָלוציע.

ניקאָליי לענין. די יעצטיקע אויפגאַבע פון דער סאָוויעטישער רעגירונג.

עטיען דע לא באעסי, פרייוויליקע שקלאַפעריי. איבערגעזעצט ד"ר ח. שאטאן.

קראָפּאָטקין — זאַמלבוך. בוענאָס איירעס 1947.

„זשערמינאַל" רעדאַקטאָר רודאָלף ראָקער. די נומערן פון די יאָרן 1902—1907.

Antoni Malinowski. Mit Wolności. Warszawa 1983

Sinter Bartch. Der Internationale Anarchistmus

יונה גאָראָדיסקי. פראַנציסקאָ פערער. בוענאָס איירעס

די גרויסע סאָוויעטישע ענציקלאָפּעדיע 2 באַנד 1950 (רוסיש)

פרידריך ענגעלס. די אָפּשטאַמונג פון פאַמיליע, פריוואַט־אייגנטום און די מלוכה.

# לואיזע מישעל — די ווונדערלעכע, רעוואָלוציאָנערע פרויען־געשטאַלט

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן פון זיך ווונדערלעכע פרויען־געשטאַלטן, וועלכע האָבן ביי זייער לעבן אַרויסגערופן באַוווּנדערונג און נאָך זייער טויט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעגענדעס. אין דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" זענען דאָס געווען: סאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ, וויעראַ זאַסוליטש, וויעראַ פיגנער און אַנדערע. וועגן דער הויכער מאָראַלישקייט פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" קען דינען אויך דער פאַקט: ווען זיי האָבן געגרייט דעם אַטענטאַט קעגן דעם צאַר ניקאָליי דעם צווייטן, האָט זיך געוואָנדן דער יידישער רעוואָלוציאָנער גאָלדבערג, אַז ער וויל נעמען אַן אָנטייל אין דעם אַטענטאַט. זיין ווענדונג איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן צוליב דער מורא אַז דער אָנטייל פון אַ ייד אין דערמאָרדן דעם צאַר קען אַרויסרופן אַנטי יידישע פאָגראָמען. נאָך דעם אַטענטאַט האָבן פעראָווסקאַיאַ, זשעללאַבאָוו און אַ סך אַנדערע רעוואָלוציאָנערן געענדיקט זייער לעבן אויף די תליה'ס. נאָכן צעגראָמירן דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" האָט באַקומען געוואָרפן די לאָזונג — גיין צום פאָלק. זענען הונדערטער סטודענטן און אינטעליגענץ אַוועק אין די דערפער, אין די פאַבריקן, צו טראָגן ליכט און וויסן פאַרן פאָלק. צווישן זיי אויך געטרייע פרויען וואָס זענען געוואָרן לערערינס און אקושערקעס. אומבאַקאַנטע העלדינס וואָס האָבן געטריי געדינט דעם פאָלק. צווישן די וואָס זענען אַוועק צום פאָלק האָט זיך אויך געפונען דער, נאָך דעמאָלט אַ סטודענט,

דער יידישער שרייבער ש. ראַפּאַפּאָרט, דער שפּעטערדיקער ש. אַנסקי. דאָס ערשטע בוך וואָס דער מחבר פון דעם „דיבוק" האָט אָנגעשריבן איז געווען אין רוסיש „טשטאָ טאַקאָיע אַנאַרכיאַ?". ער האָט אויך געשאַפן אַ סך רעוואָלוציאָנערע לידער. אין פּאַריז האָט ער זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם דייטשן אַנאַרכיסט רודאָלף ראָקער. ביידע האָבן געוווינט צוזאַמען אין אַן ענגער דירה און צוזאַמען באַשעפטיקט זיך מיט איינבינדעריי. ווי רודאָלף ראָקער דערציילט האָבן ביידע אַזויפיל צווישן זיך געפירט דיסקוסיעס, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין צייט ווען צו אַרבעטן. האָבן זיי טאַקע ביידע שטאַרק אונטערגעהונגערט.

די צוויי וווּנדערלעכע פרויען פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג זענען געווען: וואָלטערין דע קלעיר און עמאַ גאָלדמאַן. וואָלטערין איז געווען אַן אירלענדערין, וואָס פון אַ פרומע קאַטוילישע איז זי געוואָרן אַ גרויסע פערזענלעכקייט אין דער אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג. עמאַ גאָלדמאַן איז געווען אַ וווּנדערלעכע רעדנערין, וואָס איבער אַלע שטעט פון אַמעריקע, קאַנאַדע און מעקסיקע האָט געדונערט איר שטימע קעגן אַלע אומגערעכטיקייטן. פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג. זי איז ניט מיד געוואָרן צו פירן איר אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדע. זי איז דעריבער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג באַטראַכט געוואָרן פאַר דער געפערלעכסטער פרוי. נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז זי טאַקע צוזאַמען מיט בערקמאַנען און אַנדערע אַנאַרכיסטן פאַרטריבן געוואָרן פון אַמעריקע און מיט אַ שיף אָפּגעפאָרן צו דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע. זי מיט די געקומענע אַנאַרכיסטן פון אַמעריקע האָבן גלייך באַמערקט אַז די באָלשעוויקעס האָבן די רעוואָלוציע אַוועקגעפירט אויף פאַלשע רעלסן. די באָל־שעוויקעס האָבן אָנגעהויבן אַרעסטירן און דערשיסן אַנאַרכיסטן, דאָן איז עמאַ גאָלדמאַן מיט בערקמאַן אין אַנדערע אַנאַרכיסטן

פון אויסלאַנד אַוועק פון רוסלאַנד און פון זיי האָט דאָס ערשטע מאָל די וועלט זיך דערוווּסט דעם אמת, וואָס עס קומט פאָר אין דעם לאַנד פון אָקטאָבער. אין אייראָפּע איז עמאַ גאָלדמאַן געווען אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אין צייט פון בירגער־קריג אין שפּאַניע.

עמאַ גאָלדמאַן איז געווען די וואָס האָט איר אַנאַרכיזם געבונדן מיטן קאַמף פאַר רעכט פון דער פרוי. אויף הונדערטער מיטינגען האָט זי גערופן די פרויען צו באַגרענעצן זייערע געבורטן און צושטעלן פאַר די קאַפּיטאַליסטן ווייניקער פאַבריק־שקלאַפן און פאַר די גענעראַלער ווייניקער האַרמאַטן־פלייש. זי איז דער פאַר ביז היינט, נאָך איר טויט, אַלץ געבליבן דער סימבאָל פון דער קעמפּערין פאַר דער באַפרייאונג פון דער פרוי און פאַר אירע גלייכע רעכטן.

ווען מען רעדט וועגן רעוואָלוציאָנערע פרויען־געשטאַלטן, מוז מען אויך דערמאָנען ראָזאַ לוקסנבורג. זי איז צוזאַמען מיט יאָגיכעסן געווען די גרינדער פון דער פּוילישער סאָצ.־דעמאָקראַטיע און שפּעטער געווען טעטיק אין דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט געהערט צו די לינקע סאָציאַליסטן און אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן געשטיצט לענינען. ערשט נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זי איבערגעריסן מיט לענינען און דערקלערט, אַז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ דיקטאַטור איבערן פּראָלעטאַריאַט. צוזאַמען מיט קאַראָל ליבקנעכט האָט זי געגרינדעט אין דייטשלאַנד דעם „ספּאַרטאַקוס־בונד", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער דייטשער רעוואָלוציע. כאָטש זי איז געווען אַ מאַרקסיסטקע האָט איר מאַרקסיזם געטראָגן אַ פרייהייטלעכן כאַראַקטער. קאַראָל ליבקנעכט איז קיינמאָל ניט געווען קיין מאַרקסיסט. די דייטשער רעוואָלוציע אונטער זייער אָנפירערשאַפט, וואָלט ניט געטראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער וואָס די רוסישע. ליידער

איז זי צוזאַמען מיט קאַראָל ליבקנעכטן אַכזוריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן דורך פאַשיסטישע באַנדעס, וואָס האָבן פריי, אונטער דער הערשאַפט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אונטען דער אָנפירערשאַפט פון נאָסקע און שיידעמאַנען, פריי געהוליעט און געטאָן זייערע פאַשיסטישע אַרבעט און דערמיט האָט די וויימאַר־דעמאָקראַטיע צוגעגרייט אַ דעמאָקראַטישן וועג צו היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. צוזאַמען מיט זיי ביידן איז דאַן אויך בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן דער אַנאַרכיסטישער טעאָרעטיקער גוסטאַוו לאַנדאַוער. נאָך אומברענגען די דריי גרעסטע קעפּ פון דער דייטשער רעוואָלוציע האָט דער נאַציזם זיך פריי געקענט אַנטוויקלען, ביז זי האָט געוויזן איר בלוטיקן פּנים.

איצט ווילן מיר זיך פאַרנעמען מיט לואיזע מישעל צו וועמענס 90 יעריקע יאָרצייט מיר דערנענטערן זיך. איר לעבן איז געווען אַ ווונדערלעכער ראָמאַן, מיט אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען, מיט העלדנטאַטן. אַ ראָמאַן וואָס איר לעבן אַליין האָט געשריבן, מיט בלוט אין האַרצן, דורכגעלעבט און דורכגעליטן פון איר אַליין. די „גוטע לואיזע" איז געווען איינע פון די ווונדערלעכע פרויען־געשטאַלטן אין דער מאָדערנער געשיכטע. איינער פון אירע ביאָגראַפן באַצייכנט זי אַלס די „רעוואָלוציאָנערע זשאַן ד'אַרק" די מאָדערנע יונגפרוי פון אָרלעאַן. דער פאַרגלייך איז גאָר ניט קיין שלעכטער, ווייל זי האָט פאַרמאָגט די זעלבע פּאַטעטישע באַגייסטערונג, דעם זעלבן גרויסן גלויבן, דעם זעלבן העלדישן מוט אין קאַמף פאַר אירע אידעען, וואָס אַן דעם וואָלט זי ניט געקענט איבערטראָגן אַזאַ שטורמיש לעבן, מיט אַזעלכע געפאַרן פון איר מאַרטירער־לעבן. זי האָט אָבער ניט געשפּילט די ראָלע פון אַ מאַרטירערין די ראָלע האָט דאָס לעבן אויף איר אויפגעצוואונגען. דער אַרויסגעבער פון איר מעמואַרן האָט ריכטיק געשריבן — ווען לואיזע מישל וואָלט געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, וואָלט זי

געהערט צו די ערשטע מאַרטירערס פון קריסטנטום און וואָלט געשטאָרבן אויף דעם שייטערהויפן פון דער אינקוויזיציע.

לואיזע מישל האָט פאַרלאָזט דעם שלאָס ווו זי האָט פאַרבראַכט אין רייבקייט אין איר יוגנט. זי איז אַריינגעטראָטן אין דער וועלט אַלס יונגע לערערין. אין דער שולע, צווישן קינדער קריסטאַליזירט זיך אויס איר הומאַנישע איבערצייגונגען. זי לערנט ניט די קינדער אין דעם גייסט וואָס עס פּאַסט פאַר דער קייזערלעכער דערציאונג. זי דערציילט אירע קינדער אַז נאַפּאָלעאָן איז אַ מאַסן-מערדער און אַ טיראַן. זי לערנט די קינדער רעוואָלוציאָנערע לידער. די קינדער האָבן שטאַרק ליב געהאַט זייער לערערין נאָר דער דירעקטאָר פון דער שולע דערקלערט איר, אַז „אירע איבערצייגונגען פּאַסן גאָר ניט פאַר אַ קינדער-דערציערין". און לואיזע לאָזט זיך אַוועק קיין פּאַריז. דאָ באַקענט זי זיך מיט די קרייזן פון ראַדיקאַלע דעמאָקראַטן, זי באַזוכט די געהיימע פאַרזאַמלונגען פון קאָמו-ניסטישע גרופּן. זי אַרבעט טאָג און נאַכט פאַר אירע אידעאַלן פאַרגעסנדיק אין אירע מאַטעריעלע נויטן... זי לעבט דאַן מיט איין ציל — דער אונטערגאַנג פון דעם צווייטן קייזערטום. זי נעמט אויך שפּעטער אָנטייל אין אַלע רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען קעגן נאַפּאָלעאָן דעם דריטן און ווען דער טראָן פון קייזערלעכן פּראָסטיטוט ווערט צעשמעטערט, אין דעם שטורעם פון דעם פּרייסיש-פראַנצויזישן קריג, איז זי די ערשטע צו קעמפן קעגן דער א.ג. סעפּטעמבער-רעפּובליק, פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע.

שפּעטער קומט דער 18 מאַרץ 1871, דאָס רעוואָלוציאָנערע פּאַריז פּראָקלאַמירט די „פּאַריזער קאָמונע". לואיזע ווערט דאַן אָנגעצונדן מיט אַ גרויס מאָראַליש-אידעישן קראַפט. אַליין אַ באַגייסטערטע — באַגייסטערט זי די פּאַריזער מאַסן און זי ווערט די פאַרקערפּערונג, דער סימבאָל. מיט איר אומדערשטראָקנעם מוט קעמפט זי אין די ערשטע רייען, אין אַן אוניפאָרם פון אַ

נאַציאָנאַלן גוואַרדייער, אויף די באַריקאַדן, מיט אַ ביקס אין האַנט, און מוטיקט דאָס פאָלק צום קאַמף. זי ווערט פאַרווונדעט אָבער ווי נאָר עס פאַרהיילט זיך אַ ביסל איר וווּנד שטייט זי שוין ווידער אויף די באַריקאַדן און זי פאַרבינדט די וווּנדן פון פאַרווונדעטע און קושט די ליפּן פון אירע שטאַרבנדיקע העלדישע חברים.

די קאָמונע פאַלט. 40 טויזנט ווערן דערשאָסן אויף דעם בית־הקברות פון פער לאשעס. אויף די בלוטיקע פעלדער פון סאַטאָרי שטאַרבן די לעצטע פאַרטיידיקער פון דער העראָישער קאָמונע. די קאָמונע איז געשטאָרבן, נאָר ביז היינט דינט זי פאַר דעם ווונדער־לעכןביישפּיל, ווי אַזוי אַ פאָלק קען לעבן אָן הערשער און אָן אויסנוצערס. דער נאָמען „פּאַריזער קאָמונע" שרעקט אָפּ די אַלע וואָס ווילן פאַראייביקן די הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, מיט דעם דערקלערט זיך די בלוטיקע נקמה פון די ווערסאַלער.

לואיזע געפינט אַ זיכערן פּלאַץ ווו זיך צו באַהאַלטן, פּלוצים הערט זי, אַז די ענקער פון ווערסאַל ווילן מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך איר באַליבטע מוטער פאַר אירע האַנדלונגען. גיט זי זיך פרייוויליק איבער אין די הענט פון די בלוטיקע מערדערס. פאַרן געריכט דערקלערט זי, אַז אויב מען וועט זי ניט טויטן, וועט זי ניט אויפהערן קיינמאָל צו בונטעווען דאָס פאָלק. דאָס קריגס־געריכט רעכנדיק זיך מיט אירע איינפלוסרייכע קרובים באשליסן זי צו פאַרשיקן קיין ניי קאַלעדאָניע. אירע קרובים טוען אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך, זי צו באַפרייען אָבער זי דערקלערט, אַז אָן די אַלע אַנדערע פאַרשיקטע, וועט זי פון דער פאַרשיקונג ניט אַוועק. 9 יאָר האָט לואיזע געטראָגן די קייטן פון געפאַנגענשאַפט ביז זי איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן מיט די אַנדערע דורך אַן אַלגעמיינער אַמנעסטיע אין יאָר 1880.

מיט שטורמישער באַגייסטערונג ווערט דער „מלאך פון דער פּאַריזער קאָמונע" אויפגענומען דורך דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט, וואָס באַווייזט ווי באַליבט זי איז ביי זיי געוועזן. די אַנדערע פון

די צוריקגעקומענע קאָמונאַרן האָבן שוין, אין די לאַנגע יאָרן פון פאַרשיקונג, פאַרלוירן זייער מוט. אָבער לואיזע באַנייט גלייך איר קאַמף. אין 1882 ווערט פאַרמשפּט אויף צוויי וואָכן פאַר באַליידיקן די פּאָליציי אויף אַ גרויסע מאַסן־מאַניפעסטאַציע פון די אַרבעטלאָזע אין פּאַריז. לואיזע שטייט ווידער אין שפּיץ פון אַלע סאָציאַלע קאַמפן און פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. זי האָט געזען די מאַסן הונגעריקע מענטשן האָט זי גענומען דעם אַנאַרכיסטישן פאָן, זי האָט געוווּסט מיט שיינע ווערטער וועט זי קיינעם ניט זאַט מאַכן, האָט זי צוזאַמען מיט אַנדערע אויסגעבראָכן די שויבן פון עטלעכע בעקערייען און פלייש־געשעפטן און פונאַנדערגעטיילט ברויט און פלייש פאַר די הונגעריקע מען האָט זי דערפאַר פאַרמשפּט צו 6 יאָר טורמע, אָבער אין 1886 ווערט זי באַפרייט דורך אַן אַמנעסטיע. זי דערוווּסט זיך אָבער אַז די רעגירונג וויל זי פאַרשפּאַרן אין אַ משוגעים־הויז, איז זי געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך.

אירע לעצטע יאָרן האָט זי פאַרבראַכט אין לאָנדאָן און ניט זעלטן געלאָזט זיך אויף אַ פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער פראַנקרייך. אין לאָנדאָן האָט זי אָנגעשריבן די גרויסע ראָמאַנען: „די עלנט", „די פאַרשאָלטענע", „די טאָכטער פון פאָלק" און די „מענטשלעכע מיקראָבן". אין די ראָמאַנען האָט זי געשילדערט דעם עלנט פון פאָלק. אירע ביכער זענען אַ פּלאַמיקע באַשולדיקונג קעגן דער מאָדערנער געזעלשאַפט, פון נויט און לוקסוס. איידער זי האָט פאַרלאָזט פראַנקרייך האָט זי דאָרט אַרויסגעגעבן אַ באַנד מעמוּאַרן (אויך איבערגעזעצט אויף יידיש), ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ די גאַנצע רייכקייט, דער העראָיזם פון איר נשמה. אַ שאָד וואָס עס איז ניט דערשינען דער צווייטער באַנד. איר לעצטע ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען וועגן דער פּאַריזער קאָמונע.

לואיזע מישעל איז ניט געקומען צום אַנאַרכיזם מיט קיין טעאָרעטישן באַגאַזש. זי האָט ניט געשעפּט אירע איבערצייגונגען

פון ביכער נאָר פון איר טיפן געפיל פון געֶרעכטיקייט און פרייהייט. זי האָט אירע אַנאַרכיסטישע איבערצייגונגען דעראָבערט אויף די באַריקאַדן פון פּאַריז. זי האָט וועגן זיך געשריבן אַז יעדע רעגירונג וועלכע עס זאָל נאָר ניט זיין איז אַ שונא פון פאָלק — דעריבער בין איך אַן אַנאַרכיסטקע.

אין לאָנדאָנער ווייטשעפּל אויף דער דזשובלי סטריט איז געווען דער אַנאַרכיסטישער לאָקאַל און די ביבליאָטעק, וווּ עס פלעגן קומען פּאָליטישע עמיגראַנטן פון אַלע לענדער און פעלקער. דאָרט זענען געשפּילט געוואָרן אַנטי־קלעריקאַלע סאַטירעס. אין דער ביבליאָטעק, חוץ אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור, זענען געווען אַלע ווערק פון די יידישע קלאַסיקער און אַנדערע יידישע שרייבער און דיכטער. דאָ זענען די אָפטע אַריינגייער געווען: קראָפּאָטקין, דער איטאַליענישער אַנאַרכיסט מאַלאַטעסטאַ, רודאָלף ראָקער, לואיזע מישעל, טאַרידאָ דעל מאַרמור, לעוואַרטאַוו, גריגאָרי טשיטשערין און חיים ברענער. דאָ ביי אַ זייטיקן טישל פלעגט אָפט זיצן אַ נידעריקער מאַן מיט אַ מאָנגאָליש פּנים, געטרונקען טיי און ווייניק גערעדט. דאָס איז געווען לעניז. דאָ פלעגט אויך אַריינקומען דער באַרימטער שרייבער און איבערזעצער פון די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור אין יידיש, אברהם פרומקין, געבוירן אין ירושלים. דאָ האָט דער העברעישער שרייבער חיים ברענער געשריבן זיינע ראָמאַנען, געהונגערט, געטרוימט און געפּרעדיקט אַ ציוניזם אָן מלוכה־פאָרמען. די באַליבסטע צווישן די יידישע אַרבעטער פון די אָרעמע גאַסן פון איסט־אנד, צווישן די יידישע שניידער און לאַטוטניקעס, איז געווען „דער מלאך פון די פּאַריזער באַריקאַדן", געטראָגן זיי האָפענונג און טרייסט. פאַר די האַלבע אַנאַלפאַבעטן האָט דער דייטשער אַנאַרכיסט אין יידיש געגעבן די גייסטרייכע רעפעראַטן וועגן דער וועלט־ליטעראַטור. דאָ ערגעץ איז געשטאַנען אַ גרויסע פּלאַטפאָרמע, וווּ פאַר דער יידישער אָרעמקייט האָט

גערעדט דער קניאַזש פּיאָטער קראָפּאָטקין. צווישן נויט, רעוואָלו־ציאָנערע ראָמאַנטישקייט און גרויסע האָפענונגען און חלומות, האָבן געבליט די ליכטיקסטע אידעאַלן. מיר האָבן געברענגט די גרויסע פּרויען־געשטאַלטן, באַזונדער פון לואיזע מישל, ווייל זיי זענען עס געווען די סימבאָלן, די ווײַכטיקסטע פאָרשטייער פון די הונדערטע און אפשר טויזנטער מיידלעך און פרויען פון פאַרשידענע פעלקער, וועמענס נעמען זענען ניט אַריין אין דער געשיכטע, אָבער זייער געטרייקייט, זייער אידעאַליזם טאָר ניט פאַרגעסן ווערן.

אין לאָנדאָן האָט לואיזע געלעבט ביז איר לעצטן טאָג פון איר הערלאָישן לעבן, אָבער אויך שטרבן האָט זי ניט געקענט ווי אַלע אַנדערע. זי האָט געהאַט אַזאַ שיינעם טויט, וואָס קיינער חוץ איר האָט ניט געהאַט. מיט חדשים פאַר איר טויט האָט די גאַנצע וועלט־פּרעסע שוין געמאָלדן אַז זי שטאַרבט און עס האָבן אָנגעהויבן צו פליסן פון אַלע עקן־וועלט די טרויעריקסטע נעקראָלאָגן. און זי האָט געהאַט די געלעגנהייט צו זען, וויפל טויזנטער פרײַנט, באַוויינען איר טויט. איר איז געלונגען צו באַזיגן צייטווייליק איר קראַנקייט און געהאַט דאָס גליק צו זען, ווי באַליבט זי איז, ווי איר נאָמען לייכט אין דער וועלט פאַר די בעסערע מענטשן. דאָס איז געווען דער גרעסטער לוין און פּריווילעגיע צו זען ווי זי ווערט פון די מאַסן באַוויינט. אָבער איר נאָמען לעבט ווייטער.

היינט נויטיקט זיך מער ניט דער אַנאַרכיזם אין הערלאָישע טאַטן. דער קאַפּיטאַליזם איז ניט מער דאָס וואָס ער איז געווען, אויך די רעגירונגען זענען מער ניט דעספּאָטיש און באַנוצן זיך ניט מיט טעראָר קעגן פאָלק, ענטפערט אויך דער אַנאַרכיזם ניט מיט טעראָר. אוודאי הערשט נאָך דעספּאָטישע־רעגירונגען אין די קאָמוניסטישע לענדער. אויך די אַפריקאַנישע לענדער, וואָס האָבן זיך באַפרייט פון פרעמדע אונטערדריקער און ווערן איצט אונטערגעדריקט דורך

אייגענע דיקטאַטאָרן און דעספּאָטן, אַפילו דורך פּאַרברעכער. אין אַרגענטינע האָט די מיליטערישע כּאָנטע פון גענעראַלן דערמאָרדעט אין געהיים טויזנטער מענטשן, וועלכע זענען פאַר זיי ניט געווען באַקוועם. היינט הערשט דאָרט צוריק אַ דעמאָקראַטישער רעזשים און די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז דאָרט ווידער לעגאַל. זענען אויך די מעטאָדן פון אַנאַרכיזם גאָר אַנדערע. זי באַנוצט זיך נאָר מיט פרידלעכן קאַמף. מיט קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט פון שאַפן קאָלעקטיוון, דאָרפישע און שטאָטישע קאָמונעס. זי רופט צו ענדערן די אַלטע קאָאָפּעראַטיוון אויף אמתע קאָאָפּעראַטיוון פון קעגנזייטיקע הילף; צו שאַפן געמיינזאַמע וווין־הייזער, מיט געמיינזאַמע קיכן און געמיינזאַמע עס־זאַלן, כּדי צו באַפרייען די פרוי זי זאָל ניט זיין מער פאַרשקלאַפט צו דער קיך. דער אַנאַרכיזם דאַרף זיך מער צופּאַסן צו די נייע געענדערטע באַדינגונגען און זי דאַרף שטיצן אַלע באַוועגונגען, וואָס קעמפן פאַר שלום און קעגן יעדער דיקטאַטור. שטיצן אַלע דעמאָקראַטישע באַוועגונגען וועלכע זענען גרייט איינצופירן געזעלשאַפטלעכע רעפאָרמען. איינפירן מער גלייכהייט, מער פרייהייט. זי דאַרף זיך ניט איזאָלירן, נאָר נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יעדן פאָלק אין יעדן לאַנד.

JOSEF LUDEN

# A SUMMARY HISTORY OF ANARCHISTIC THOUGHT

1984

Printed in Israel

"PROBLEMEN" PUBLISHING

Tel-Aviv, Tel. 03-453102